STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00370

ALE SHRIFTEN

S. G. Frug

Permanent preservation of this book was made possible by
David Levinsohn
in memory of
Max Josef Levinsohn

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JOSEPH CHAIKIND

[redacted]

[redacted]

אלע שריפטען

— פון —

ש. פרוג

דריטער באנד

פראזא און פאעזיע.

היברו פאבלישינג קאמפאני

83־85 קאנאל סטריט — ניו־יארק.

1910.

Copyrighted by the Heb. Pub. Co., 1910.

אינהאלטס־פערצייכניס.

ליעדער אין פּראָזאַ

לכבוד התורה 3
דער שופר 16
דאָס ביסעלע פוימאויל 34
אַ בריעוועל (להקרעמער רב אַבגד האדרעי) 47
משיח׳ס צייטען די לעצטע קאָפּיקע (אַ באָבע־מעשה) 54
אין חלום (אַ באָבע־מעשה פון משיח׳ס צייטען)
1 נאָך מלוה מלכה 71
2 דער ארץ־ישראל יוד 77
3 ער פערשטעהט 85
זשידאָווסקאָיע באָגאָמאָליע 91
פרשה יתרו אָדער דער יודישער אוצר 102
אַ קלאָרע תשובה 115
חיים׳קע קראַמאָלניק 126
נאָך תשליך 134
דרשה־געשאַנק 146
אָדעסער קאָנצערט 156
יודען, גיט אַ קאָפּיקע 166
וזאת הברכה 175
אַ גוטער המן 185
דער רויטער געלעכטער 194
ברוך הבא און זיי געזונד 196
ליעדער פון דעם יודישען זשאַרגאָן 205
עולם התוהו 218

הומאָריסטישע ליעדער

פערדיענט עולם-הבא 229
חדר-ליעדער 233
הייס און קאַלט 244
מיין עפּיטאַפּיע 248
דריי חברים 251
דער יריד 254
דאָס קנעפּיל 256
גע'גנב'ט 260
די ריפּ 263
אַ ירושה 265
דער פרעהליכער קבצן 267
צוויי אסיפות 273
אַ חלום 279
גאָט אין אָדעס 282
דער בעל רחמים 287
איכ'ם געסיל 290
מיט'ן אַלטען נגון 296
צוויי בילדער 303
דער ספּאָדעק 309
גבורים 311
אַ חדר-מעשה 312

ליעדער און פּראָזא.

לכבוד התורה.

I.

ווי אַ כלה, ווי אַ בת־מלכה, אָנגעטהון אין איהרע בעסטע, שעהנסטע קליידער, האָט געשיינט די יונגע, אונשולדיגע וועלט, פינף טויזענד זעקס הונדערט ניין און פערציג יאָהר צוריק.

ניט נאָר דער וואונדער־שעהנער גאָרטען — דער גן־עדן, וואו עס האָט פון אָנפאַנג געוואָהנט דאָס ערשטע פּאָר־פאָלק, נאָר אויך די גאַנצע גרויסע וועלט האָט געבליהט און געדופטעט ווי אַ פרישער בלומען־שטאָק, בעלייכטעט פון דער גאָלדענער זון, בעשפּריצט מיט פרישען, זילבערנעם טהוי.

קיין איינציגער זיפץ האָט זיך ניט געהערט אין דער לופט; קיין איינציגע טרעהר איז נאָך ניט געפאַלען אויף דער פרישער, בליהענדער, גליקליכער ערד.

אונטער די גרינע איילבערט־און ציטראָנען־בוימער זענען געלעגען און געוואַרעמט זיך קעגען דער זון די גרויסע, פורכט־באַרע לייבען און לעמפּערטען, און נעבען זיי האָבען זיך רוהיג געפּיטערט הירשען און אינדען, פּיה און שעפּכען.

אויף די צווייגען פון די הויכע, שטאָלצע צעדערן זענען זיך רוהיג געזעסען אין זייערע נעסטען, איינער נעבען דעם

אנדערן, דער גרויסער, שטאַרקער אָדלער און דאָס שוואַכע, קליינינקע טייבעלע.

די בייזע שלאַנג און דאָס שלאַפע, אָרימע הערעלע האָבן געטרונקען פון איין קוואַל און איינס נעבן דעם אַנדערן האָבן זיך געלעגט אָבּרוהען.

די גאַנצע, גרויסע וועלט, מיט איהרע וועלדער און פעלדער, בערג און טהאָלען, שטראָמען, טייכען און אָבּגרונדען, האָט געזונגען די גרויסע, הייליגע שירה — איהר ערשטעס, שענסטעס מאָרגען־ליעד...

עס איז געווען דער זיעבענטער טאָג — דער ערשטער שבת אויף דער וועלט...

אין זעקס טעג האָט דער בּורא בעשאַפען די וועלט — די ערד מיט איהרע פעלדער, טייכען, בערג, וועלדער, טהאָלען און אָבּגרונדען...

— האָט איהר געלעזען דאָס ביבעלע, אין וועלכען עס איז בעשריעבען, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען?

— נו, פערשטעהט זיך! אַ שאלה!... וועלכער יוד האָט ניט געלייענט דאָס ביבעלע? —

> דאָס ביבעל, אין וועלכען בעשריבען עס איז
> שוין לאַנג, פון די גאַנץ אַלטע יאָהרען;
> די אַלטע געשיכטע פון דעם, ווי אַזוי
> די וועלט איז געבאָרען געוואָרען...

יעדער יודיש־קינד האָט געלייענט די געשיכטע און יעדע וואָך, יעדען זיבענטען טאָג, לייענט מען דאָס ליעבע, הייליגע ביבעלע...

יאָהרען פליהען, יאָהרען שוועבען...
ווי אַ שטראָם פון בארג אין פעלד
פליעסט די צייט דורך אונזער וועלט,
שוויינקט אראָב אין אונזער לעבען

קראַפט און יוגענד, גליק און נויט,
יאָמער, הערצאַפט און פערמעגען.
אַלע סטעזשקעס, אַלע וועגען
פיהרען, בריינגען גליך צום טויט...

פיעל פיעל, פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער וועלט, איז שוין פערגעסען געוואָרען, אבער דער חוק פון דעם ליעבען שבת־קדש לעבט נאָך ביז איצט ביי יעדען יודען און דערמאָהנט אונז אויף מעשה־בראשית — אויף דעם זיעבענטען טאָג, אין וועלכען דער אויבערשטער האָט געטהון רוהען און קלויבען נחת, קוקענדיג אויף דאָס, וואָס עס טהוט זיך דאָרט, אונטען, אויף זיין ליעבען וועלטיל...

און יעדען פרייטאָג זיצט דער בורא־עולם און קוקט אראָב פון אויבען אויף די וועלט, וואו זיין פאָלק־ישראל פראוועט דעם ליעבען, היילינגען שבת...

אך, וואָס פאַר אַ נחת עס איז צו קוקען!

מען קעהרט, מען וואַשט, מען רוימט, מען פילט די פיש, מען פעררוקט דעם טשאָלענט, מען איז מקבל־שבת, מען עסט אָב די ערשטע סעודה, מען שלאָפט זיך אויס, מען טרינקט אָב שבת־דיגען טהיי, מען געהט אוועק אין שוהל, מען דאַוועט אָב שחרית, מען נעהמט אויס, מען רופט אויף כהן און מען הויבט אָן צו...

צו שלאָגען זיך איבער עליות!!!...

II.

די שטילע, פינסטערע נאַכט האָט איבערגעצויגען איבער דאָס לאַנד מצרים איהר דונקעל־בלויען שלייער, און אַ זיסער, געשמאַקער שלאָף הערשט איבער אַלע גאַסען, אין אַלע הייזער.

די גרויסע טעמפּעלן מיט די מירמעל־שטיינענע, זילבערנע און גאָלדענע אָבגעטער, די שעהנע פּאַלאַצען מיט די גערטנער און בלומענשטאָקען, די צווייַ גרויסע פעסטונגען, פּיתום און רעמסס, וואו יעדער שטיין, יעדער ציגעל איז בעגאָסען מיט יודישען שווייס און יודישע טרעהרען; דער טייך נילוס, וואו עס שווימען אַרום טויזענדער קליינינקע יודישע נפשות'לעך, דערשטיקטע, דערטרונקענע, און אויך דאָס לאַנד גשן, וואו טויזענדער יודישע מוטערס בעגיסען מיט הייסע ביטערע טרעה־רען די פוסטע וויעגעלעך פון זייערע אונשולדיג־געטויטע קינדער — דאָס גאַנצע לאַנד איז בעדעקט מיט פינסטערניש, און אַ טיעפער שלאָף הערשט איבער אַלע גאַסען.

קיין איינציגע שטימע הערט זיך ניט אין דער שטילער נאַכט, קיין איינציגען מענשען זעהט מען ניט אין דער פינסטער...

עס שלאָפט דער הערר אין גרויסען פּאַלאַץ,
אין זייד און סאַמעט איינגעהילט;
עס שלאָפט דער קנעכט — געלעגט צו קאָפּענס
אַ זאַק מיט אַלטע שטרוי געפילט.

דער זקן זעהט אין שלאָף זיין יוגענד,
זיין אַלטעס גליק, זיין פרייד און מאַכט...
און ליעבענד גיסט אי רוה, אי קרעפטען
אין יעדעס הארץ די שטילע נאַכט...

שטיל און רוהיג איז אין אַלע גאַסען... נאָר וואָס גלענצט עס און שיינט דאָרט פון ווייטען? אַ געוויש פון פליגעל טהוט זיך הערען אין דער לופט... אַ גייסט, אַ געטליכער גייסט שוועבט און הויבט אָן אַראָבלאָזען זיך פון אויבען... זיינע ברייטע, ווייסע פליגעלען גלענצען אין דער פינסטער... דאָס לאַנגע שניי־ווייסע קלייד פלאַטערט אין דער לופט... פון זיינע לאַנגע גאָלדענע לאָקען, פון זיין ליכטיגען שטערען, פון זיינע אויגען — פון זיין גאַנצען אונשטערבליכען קערפּער ציהען זיך העלע, ליכטיגע שטראַהלען, בעשיינען און בעלייכטען אַרום איהם די פינסטערניש...

נידעריגער און נידעריגער שוועבט דער געטליכער גייסט און אַם ענדע לאָזט ער זיך אַראָב אויף דער הויפּט־שטאָדט פון לאַנד מצרים...

שטיל, לאַנגזאַם לאָזען זיך אַראָב און לעגען זיך צונויף אונטער זיינע אַקסלען די ברייטע, ווייסע פליגעלען, און שטיל און רוהיג הויבט ער אָן געהן דורך די גאַסען, פון הויז צו הויז, פון איין פּאַלאַץ צום אַנדערן...

ביי יעדען טויער, ביי יעדער טהיר שטעלט ער זיך אָב אויף איין אויגענבליק, הויבט אויף זיין רעכטע האַנד און מיט אַ פייערדיגען שווערד, פון וועלכען עס טריפען טראָפּענס בלוט, ריהרט ער זיך־צו צו די טהירען...

און דאָרט, וואו ער ריהרט זיך צו מיט דעם פייערדיגען שווערד, בלייבט אַ גרויסער דונקעל־רויטער פלעק...

שרעקליך זענען די פלעקען פון דעם שווערד! — דאָס זענען סימנים פאַר דעם מלאך־המות, וועלכער געהט טריט ביי

טריט נאָך דעם געטליכען גייסט מיט די גרויסע, ווייסע פליגע-לען: טויזענדער זינדיגע נפשות פאַלען טויט איינער נאָך דעם אַנדערן — דאָס זענען די בכורי-מצרים...

— האָט איהר געלעזען דאָס אַלטע הייליגע ביכעלע, אין וועלכען עס איז בעשריעבען די מעשה פון יציאת־מצרים?

— נו, פערשטעהט זיך! ווער האָט דאָס ניט געלעזען? ווער האָט ניט געלייענט

די געשיכטע, ווי אַזוי
אין די אַלטע יאָהרען;
האָט געאַרבעט אונזער פאָלק
און פערשוואַרצט געוואָרען.

און זוי וואונדערליך דערנאָך,
פול מיט פריש'ען, נייעם
גליק און קראַפט, איז עס אַרויס
פון דעם לאַנד-מצרים...

דריי טויזענד יאָהר זענען שוין פערגאַנגען זינט דאָס האָט פאַסירט, — און ביז יעצט איז נאָך געבליבען דער זכר פון דעם גרויסען נס.

מען וואַשט, מען שמירט, מען רוימט, מען פוצט, מען שייערט, מען כשר'ט, מען רעדעלט און מען באַקט מצה, מען געהט אין שוהל, מען דאַווענט אָב שחרית, מען נעהמט אַרויס די ריינינקייט, מען שטעלט זיך אָב אויף קריאה־לפסח און מען הויבט אָן צו...

צו שלאָגען זיך איבער עליות!!!...

III.

אפטמאל, זיצענדיג אָוועגד־צייט איינער אליין אין מיין צימער, דערמאָהן איך מיך אויף די אלטע פערגאנגענע יאָהרען, און פערשידענע ערינערונגען און בילדער פון מיין קינדהייט שטעהען אויף פאר מיינע אויגען און יעדעס פיצעלע זעהט אויס אזוי דייטליך, אזוי קלאָר, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען מיט עטליכע טעג צוריק.

אלע דריי שוהל־הויפען אין אונזער שטעדטעלע ליעגען פאר מיר אויסגעשפרייט ווי א טישטוך; יעדע באנק, יעדער שטענדער שטעהען פאר מיינע אויגען ווי לעבעדיגע; ובפרט אין אונזער שוהל, דאָס הייסט אין דער שוהל, וואוהין איך פלעג מ״מ מיין טאטען ע״ה געהן דאווענען, איז מיר בעקאנט יעדעס ווינקעלע, טאקע ווי דער פסוק זאגט: „ממזרח שמש עד מבואו“ — פון מזרח־וואנד ביז דעם האנד־פאס אין פאָרהויז. אויף פיעל גוטע גליקליכע שטונדען ערינערט מיך יעדעס ווינקעלע פון דעם אלטען ליעבען שה״לכעל:

אָט דאָ — דערמאָהן איך מיך, בין איך געשטאנען בעת עס האָט געזאָגט ר׳ הלל פאריצער ע״ה... איך געדענק... אך, וואָס פאר א חיות איז מיר געגאנגען איבער אלע אברים. מיט וואָס פאר א פערגעניגען האָב איך, א פופצעהן־יעהריגער ווייסער־חברה׳ניק, געשלונגען יעדעס וואָרט, יעדען זיפץ און יעדען קרעכץ, וואָס האָבען געטהון ארויסגעהן פון זיינע זיסע, באמת זיסע, מחיה׳דיגע לעפצען

און אָט דאָ, נעבען ר׳ מרדכי אהרנ׳ס שטענדער, בין

איך געשטאַנען, לייענען־צייט, ווען מען האָט מיך צום ערשטען מאָל אויפגערופען מפטיר... אָ, ווי פיעל טיעפע חיטראָסטען זענען דאַמאָלס געזעסען אָט אין דעם קליינעם מענשעלע! איך בין מיר געשטאַנען און גאַנץ רוהיג געשמועסט מיט ר׳ מרדכי אהרנ׳ס בן־יחיד׳ל וועגען אליה דעם שוחט׳ס — אונזער ביידענס דם־שונא — און אַז דער בעל קורא האָט אויסגערופען מיין כשר׳ן נאָמען, האָב איך מיך אַ קעהר געטהון צו דער בימה מיט אַזאַ מין קוק, גלייך ווי איינער זאָגט: „האַ? וואָס? מיך? נו, בקיצור, כ׳וועל אייך טהון די טובה״... און וויסען האָב האָב איך געוואוסט גאַנץ גוט, אַז מיט מיין הייניטיגען מפטיר וועל איך די גרעסטע נקמה האָבען אין אליה דעם שוחט׳ס און אין אַלע אַנדערע מיינע שונאים...

היינט טאַקע די בימה אַליין — די בימה, אויף וועלכער איך, דער איצטיגער עלענדער זשאַרגאָן־מחבר׳ל בין ניט איינמאָל און ניט צוויי מאָל געשטאַנען און געשיינט ווי די ליכטיגע זון, לייענענדיג פאַר אַנ׳עולם יודען אַ גאַנצע סדרה און טאַקע כדבעי, מיט אַלע שלשלת׳ן, אויסגעקרייזעלטע און אויסגעפלאָכטענע — אַ חיות!...

אַך, טהייערע, ליעבע גליקליכע טעג!

איינס נאָר איז מיר קשה: פאַר וואָס עפּעס קומט אויס, אַז יעדעס מאָל, ווען איך שטעל מיר פאָר אין מיינע געדאַנקען אונזער שוהל, שטעהט אויף פאַר מיר דער זכרון אָדער פון אַ פינסטערע קללה, אָדער פון אַ הייסען, פייערדיגען פּאַטש מיט אַ הודעריי פון אַנ׳איבערגעקעהרטען שטענדער, פון אַנ׳אַראָבגעוואָרפענעם לייכטער, אַנ׳אויסגעזעצטע שויב מיט אַ קלינגעריי

און אַ קלאַפּערײַ; און יעדעס מאָל, סײַ שבת, סײַ יום־טוב דווקא בשעת לייענען — בשעת לייענען

די הייליגע תורה, דעם איינציגען שאַץ,
וואָס איז אונז געבליבען פון אונזער פאַרמעגען;
די תורה'לע — וועלכע פון לאַנד און צו לאַנד
מיר האָבען געטראָגען אין ווינד און אין רעגען,
אין שטורם, אין האָגעל, אין היץ און אין קעלט,
— דער איינציגער אונזערער טרייסט אויף דער וועלט.

סכּות — שטעל איך מיר פאָר — סכּות אַ פּאָר טויזענד יאָהר צוריק:

דער לעצטער גאַרב איז שוין אַראָבגעפיהרט פון פעלד; דאָס לעצטע הענגעל ווײַנטרויבען איז שוין אַראָבגענומען געוואָרען און אַרײַנגעבראַכט אין קעלטער; פון די הויכע בערג פון אפרים ציהען זיך לאַנגע קאַראַוואַנען פון קעמלען און מוילאייזעלען אָנגעלאָדען מיט גאַרבען און מיט פירות; דורך דעם מדבר עין־גדי, פון גלעד, פון דעם לאַנד דן און פון אַלע עקען, פון אַלע זייטען געהען די עולי־רגל, שטאָדט און דאָרפס־לייט, זקנים און קינדער, בחורים און בתולות, מיט געזאַנג און מיט פרייד, צום באַרג ציון, צום בית־המקדש...

און דאָרט, אויף דעם באַרג ציון, אין דעם גרויסען פּרעכטיגען טעמפּעל, קניהען טויזענדער און צעהנ־טויזענדער פרייע און גליקליכע יודישע קינדער, הערענדיג דאָס זיסע געזאַנג פון לוים און די שטימען פון די הייליגע כּלי זמר

דאָרט, אויף דעם הייליגען באַרג. שטעהט דער כּהן־גדול פאַר דעם מזבח, אויף וועלכען עס זענען געבראַכט געוואָרען

זיבעציג אָכסען, זיבעציג קרבנות מכפּר צו זיין אויף די זינד ניט נאָר פון דעם פאָלק ישראל, נאָר אויך פון אלע פעלקער פון דער וועלט. „— דו, גרויסער גאָט! דו, שטאַרקער גאָט! — איז מתפלל דער כהן־גדול:

„הער צו די תּפלה פון דיין קנעכט,
וואָס שטעהט פאַר דיר, דעם קאָפּ געבויגען!
וועק אויף דאָס קאַלטע, טויטע הארץ,
מאַך אויף די דונקלע, בלינדע אויגען

„פון יענע פעלקער אויף דער וועלט,
וואָס בלאָנדזשען אויף די קרומע וועגען...
ווי אויף די בלום דעם מאָרגען-טהוי,
ווי אויף דעם זאַנג דעם פרישען רעגען,

„פערגיס אויף זייער דונקלען זין
דיין באַרימהערציגקייט פון אויבען,
בעלייכט זיי מיט דיין שיין און מאַכט,
ערקוויק זיי מיט דעם ריינען גלויבען;

„און ווי די אָבגרונדען בעדעקט
דער טיעפער ים פון אלע עקען,
זאָל גלויבען, .וארהייט, וויסענשאַפט
פון עק ביז עק די וועלט בעדעקען!”...

היינט — שבועות? דער ליעבער גרינער יום־טוב, וועלכען עס פּייערט די גאַנצע נאַטור, אַנטהוענדיג זיך אין די בעסטע, שענסטע קליידער, — דער יום־טוב, וועלכער ערינערט אונז אויף דעם גרעסטען און גליקליכסטען טאָג, וואָס איז פער־שריבען אין אונזער געשיכטע — אויף דעם טאָג מתן תורה! שבועות... נאָר, צוריק ריידענדיג — מיט וואָס איז, זאָגט מיר,

רבותים, שבועות ערגער פון סכות אָדער פון פסח, פין ראש־השנה, פון יום־כפור, און פין אַלע אַנדערע ימים־טובים? יודע־לעך זענען דאָ אויף גאָט'ס וועלט, קיין עין־הרע, ווי באָב, אַ תורה איז דאָ איין־איינציגע, עליות איז סך הכל ניט מעהר פון זיעבען, אַ נשמה האָט יעדערער, אַ יודיש האַרץ וויל, אַ האַנד איז דאָ, אַ באַק איז גלאַט און ווייך און וואַרעם, — איז בכן, פערשטעהט זיך שוין ממילא, אז עס מוז נולד ווערען אַזאַ מין זאַך, וואָס איז אי גלאַט, אי ווייך, אי וואַרעם... הייגט אַ פּאַטש איז דאָך געגליכען צו אַ צוואַנג: „צבת בצבת עשויה“— איין פּאַטש מאַכט דעם אַנדערן. חוץ פעטש זענען דאָ אויף דער וועלט קללות, זידלעריי, מי־שבירך'ס, הזכרת נשמות און אַנדערע „פרפראות“, וואָס פּאַסען אויך גאַנץ גוט צום ענין... אַ קליין ניגקייט אַ ביסעל! איז בכן שיטען זיך לכבוד התורה אזעלכע פערל, וואָס עס איז אַ קוויקעניש צו קוקען און צו הערען...

— „מאַן באת? — שרייט נחמן קלעק צו בערל לעמעשקע, „אַטקודאָווא? אָ? דו קבצנ'יוהע. שלעפער! דיר ששי? דיר? אַ פּאַטשעמו? וואָס? האָסט איינגעלייגט אַ חלק? גענוג דיר אַ פּאַיאָק צו מנחה, אָדער טאַקע גאָר אַ פראָסטען פּאָנ־דיעלניק, ביי די סאַפּאָזשניקעס אין שוהל... אַראָב פון דער בימה דאַלאָי!“...

און וואָס זאָגט בערל לעמעשקע?

בערל לעמעשקע זאָגט גאָר ניט, אָדער כמעט גאָר ניט! נאָר ביי איהם איז דער לשון אַריין אין די ידים, איז... נו פערשטעהט איהר דאָך... ש'לאָגט מען זיך פסח צו טל, שמיני־עצרת צו גשם, שמחת־תורה צו הקפות, שבועות צו אקדמות,

און שבת־הגדול אָדער שבת־שירה חאַפּען איך אַמאָל עטליכע גוטע בעלי־הבית׳ישע פּעטש... היינט וואו איז אַ מאָנטאָג און אַ דאָנערשטאָג — וואָס איז? וואָכענדיגע קלעפּ זענען איך ניט קיין שפּענדלעך... אַ כלל:

מ׳ שלאָגט זיך,
מ׳ פלאָגט זיך,
מ׳ רייסט זיך,
מ׳ בייסט זיך,

ווי פויגעלעך פליהען
אי פאות, אי בערד,
עס קלינגען די שויבען,
עס ציטערט די ערד;

מ׳איז מזכיר נשמות
מיט קללות, חאַראַבעס —
די פעטערס, די מוהמעס,
די זיידעס, די באָבעס,

עס פלאַמען די אויגען,
עס טרעשטשען די קעפּ,
עס גיסען זיך ברכות,
עס שיטען זיך קלעפּ...

מ׳ בייסט זיך,
מ׳ רייסט זיך,
מ׳ פלאָגט זיך,
מ׳ שלאָגט זיך,

עס פליהען די שטענדערס,
די לייכטער, די בענק,
עס שיטען זיך קללות
און חרמות און קרענק;

עס שיטען זיך, גיסען זיך
חרמות און קללות
פון אָרון צום עמוד,
פון עמוד אין פּאָלעש,

פון פּאָלעש אין שוהל־הויף,
פון שוהל־הויף אין גאַס...
דאָס שטעדטעלע הודיעט
און ברומט ווי אַ פאַס...

און אַט דאָס אַלץ — לכבוד התורה!!!...

דער שופר.

(בילדער און געדאנקען)

I.

פערטיעפט אין מיינע טרויעריגע געדאנקען בין איך גע־שטאַנען ערב יום כפור אין אַ ווינקעלע אין אונזער אַלטען בית־המדרש. בלייכע, דונקעלע בילדער האָבען געשוועבט איינס נאָך דעם אַנדערען פאַר מיינע אויגען; איך קוק זיך איין אין די בלייכע, דונקעלע בילדער און איך זעה. . . . .

. . . .

ישראל'יק שלאָפט...

אַיינגעהילט און אַיינגעפּלאָכטען אין אַ לאַנגער וויקעל־שנור פון אַלטע, אָבגעבליאַקעוועטע מפּה'ס, אונטערגעלעגט צו קאָפּענס אַ זאַק מיט אַלטע צוריסענע „שמות“ און איבערגעצויגען מיט אַ חופּה — ליעגט אַ קליין מענשעלע, אַ קלייניגקער, אַ דאַרער און אַ בלייכענקער, וועלכער ווייזט אוים פון ווייטענס ווי אַ וויג־קינד, — אַזוי קליין איז ער, אַזוי שוואַך... ער ליעגט אַיינ־געבוינען, אַיינגעהויקערט; די אויגען זענען צוגעמאַכט, דאָס מויל אַ ביסעל אָפען... גרויסע טראָפּענס שווייס שטעהען אויף זיין שטערן; טיפע, לאַנגע קנייטשען ליעגען איבערגעוואָרפען,

איינס איבער דעם אַנדערן, און ציהען זיך איבער דאָס גאַנצע פערשוואַרצטע און אויסגעמיטשעטע פּנים'ל. צייטענווייז טהוט ער עפּעס אַ ציטער מיט אַלע אברים; אַ לאַנגער, טיעפער זיפץ געהט אַרויס בּיי איהם פון האַרצען; די דינינקע, בּלייכע ליפּען הויבּען אָן צו בּעוועגען זיך, גלייך ווי זיי ווילען עפּעס אַרויס־ריידען און קענען ניט...

וואָס חלומ'ט זיך דיר, אַלטיטשקער?

— „אַ בּילד, אַ בּילד פון אַלטע צייטען
שטעהט אויף פאַר מ'ר אין טיעפען שלאָף".

וואָס־זשע זעהסט דו, ישראַליק?

„— איך זעה אַ בּערג, אַ טהאָלען,
אַנ'אונבּעקאַנטער אָרט...
איך הער טראָמייטען בּלאָזען
און פויקען קלאַפּען דאָרט...

איך הער כּלי־זין קלינגען
פון אייזען, מעס און שטאָהל,
און טויזענד קולות הער איך
פון יעדען בּאַרג און טהאָל.

פון מזרח־זייט טהוט פליעסען,
ווי שטראָמען פון אַ בּאַרג —
אַ שרעקליך־גרויסער חיל,
בּעוואָפענט, בּייז און שטאַרק...

ער געהט, ער פליעסט פון ווייטען,
און שרעקליך איז זיין פלוס:
ווי גראָז, ווי מילבּען אונטער
דעם שווערען העלפאַנד'ס פוס

צופאַלען זיך חילות
און לענדער פאַר זיין שווערד,
אַ פחד פאַלט אויף אַלע
גבורים אויף דער ערד...

ווער איז ער, זאָג מיר, ברודער,
דער העלד? און וואָס בעדייט
דער קול פון שופר, וועלכען
איך הער פון יעדער זייט?

איין לאַנגע תקיעה־גדולה,
אַ לאַנגע אָהן אַ סוף,
פון אַלע זייטען הערט זיך
מיר אין מיין טיעפען שלאָף;

זי ציהט זיך פון די וואָלקען,
זי גיסט זיך אין דער לופט,
זי גיסט זיך מיר אין הארצען,
זי וועקט מיך, וועקט און רופט:

„— שטעה אויף, שטעה אויף, ישראל'יק!"
אַך, זאָג מיר, וואָס בעדייט
דער קול פון שופר, וועלכען
איך הער פון יעדער זייט?"

„— ווער איז דאָס?" — פרעגט ישראל'יק — „וואָס איז דאָס פאַר אַ מין חיל? פון וואַנען און וואוהין געהט ער? און וואָס איז דאָס פאַר אַ מין שופר, אין וועלכען עס בלאָזען עפּעס גאָר משונה'דיגע, גרויסע, געזונדע און שטאַרקע גבורי־חיל? — אויף דער ברוסט גלאַנצען בייַ זיי שטאָהלענע און מעסענע פאַנצירען... זייערע פערברענטע פון דער שרעקליכער מדבר־היץ, געזונדע און פרישע פנים'ער זעהען אוים אַזוי לעבענדיג,

אזוי גליקליך; זייערע לאַנגע, געקרייזעלטע שוואַרצע האָר פלאַטערן אין דער לופט; אויף זייערע שטאַרקע הענד, אין וועלכע זיי טראָגען אַלערליי מינים כלי־זין, ציהען זיך לאַנגע, גראָבע, אָנגעגאָסענע מיט בלוט, אָדערן, וואָס ווייזען אויף גרויסע און שטאַרקע כחות... ווער זענען זיי?... ווער איז דאָס פאָלק, וועלכעס דער איצטיגער אַלטיטשקער און קראַנקער ישראל׳יק זעהט אין חלום? — ער דערקענט זיי ניט...

— ישראל׳יק! ישראל׳יק! קוק זיך נאָר איין גוט, גוט קוק זיך איין אין זייערע פנים׳ער, הער זיך־צו צו זייער לשון... זעהסט? הערסט?... דאָס זענען דאָך זיי — דיינע עלטער־עלטער־זיידעס, דאָס זענען דאָך יענע אויסגעמוטשעטע פון דער שרעקליכער מצרים׳דיגער אַרבייט, עבודת־פרך, פערשוואַרצטע, פערביטערטע נשמות, וועלכע זענען געשטאַנען ביי׳ם באַרג סיני, געזעהען די גרויסע, פורכטבאַרע וואָלקענס, געציטערט. הערענדיג די גרויסע, שרעקליכע דונערען און דעם הייליגען געטליכען קול פון „אויבען“, פון דעם שפּיץ באַרג... דאָס זענען זיי — דיינע אָבות, וועמעס בלוט פליעסט אין דיינע אָדערן, אין דיין האַרצען... דו דערקענסט זיי ניט? דו גלויבסט ניט?... אך! וועה צו דיר, ישראל׳יק! וועה און ווינד צו דיינע יאָהרען און טעג! דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, אַז אזוי זאָלען אויסזעהען יודען ווען עס איז און וואו עס איז... און איך פערשטעה דאָס טאַקע גאַנץ גוט, וואָרום אַז עס וואָלט זיך דאַמאָלס, אַ יאָהר דריי טויזענד צוריק, וועמען ניט איז פון זיי געחלומ׳ט אזוי אַ מין יוד, ווי דו, אזאַ מין בריאה׳לע, וואָלט קיינער פון זיי בשום אופן ניט גלויבען, אַז דאָס איז אַ יוד — אַז אָט אזוי וועט אמאָל, אמאָל, חאָטש

אין ווייס איך ווי פיעל יאָהר אָרום, אויסזעהען זייער אַנ׳אור־איינקעל, אַ מענש, ביי וועמען עס וועט פליעסען זייער בלוט אין די אָדערן...

אוי, דו גרויסער, דו אַלמעכטיגער גאָט! זעה, זעה וואָס איז פון אונז געוואָרען! איין איבריגעס ברעקעלע זאַמד פאַלט אויף דער וואָג־שאָל, און די וואָג קען עס מעהר ניט אויסהאַל־טען און אין איין אויגענבליק שטירצט זי אַראָב פון דער הייך... איין איינציגער קליינינקער טראָפּען פאַלט אַריין אין דעם גרעסטען עמער, און אין איין רגע גיסט זיך אַריבער דאָס וואַסער איבער די ברעגען... דו גרויסער גאָט! דו שטאַרקער גאָט! וויפיעל נאָך בערג מיט צרות, מיט שרעק און מיט אונגליק דאַרפען נאָך אַראָבפאַלען אויף אונזערע קעפּ, ביז אונזער וואָגשאָל וועט שוין איבערוועגען אונזערע אַלטע, אַלטע זינד?... וויפיעל נאָך הייסע און ביטערע טרעהרען דאַרפען מיר פערגיסען אויף דער וועלט, ביז אונזער בעכער, אונזער כּוס התרעלה, וועט שוין איבערגעהן איבער די ברעגען?... ווי פיעל נאָך וועט ליעגען דיין פערשוואַרצטער ערמוטשעטער ישראל׳יק בעדעקט מיט זיינע אַלטע וואונדען צו וועלכע עס איז ניטאָ קיין הילף, קיין תּרופה אויף דער גאַנצער, גרויסער וועלט? ווי לאַנג נאָך וועלען מיר, יודען, זיין צו שפּאָט און צו געלעכטער, ניט זעהען דעם ליכ־טיגען טאָג פאַר די אויגען, ניט פיהלען די ערד אונטער אונזערע טריט, ניט איין איינציגעס ליעד זינגען, און וועלכען עס זאָלען זיך ניט הערען די טיעפע זיפצען און עס זאָלען ניט טריפען שטראָמען־ווייז אונזערע הייסע און ביטערע טרעהרען?... עד מתי, אלהים? עד מתי?!...

קיין זאַך אין אונזער טרויעריגען לעבען טהוט מיר ניט

אָן אַזוי פיעל האַרצוועהטאָג, אַזוי פיעל עגמת־נפש, ווי דאָס אויסזעהן פון אַ יודען, זיין איינגעבויגענער רוקען, זיין אויס־געווייקטער פנים, זיינע דאַרע הענד, זיין איינגעפאַלענע ברוסט און דער דונקעלער שאָטען פון פחד, וועלכער ליעגט איבּיג אויף זיין גאַנצען געזיכט... אָט די אונרוהיגע, האַלב פער־טראַכטע, האַלב דערשראָקענע אויגען, וועלכע לויפען אַהין און אַהער, גלייך ווי זיי זיכען וואוהין צו בעהאַלטען זיך, ניצול צו ווערען פון דער גרעסטער סכּנה; אָט די בלייכע ליפען וואָס ציטערען, און זענען יעדען אויגענבליק מוכן ומזומן אַרויסצורעדען: „אָט! אָט לויף איך!“ — דער גאַנצער נפש, וואָס ווערט פער־ציטערט פאַר יעדען בלעטיל, וועלכעס פאַלט אַראָב פון בוים, פאַר יעדער פליעג, וועלכע טהוט אַ „זום“ פאַרביי זיין אויהער — אָט דאָס גאַנצע גאָט'ס בעשעפניש אין וועלכען עס זענען דאָ ניט נאָר רמ״ח, צוויי הונדערט מיט אַכט און פערציג, ניין, צוואַנציג טויזענד אברים, נאָר אָבער אַ איינער ניט קיין גאַנצער — אָט דאָס יודעלע, אָט דער ישראַליקעל מאַכט מיר אָן די גרעסטע וואונד אין האַרצען... בּיטער איז מיר צו הערען זיין לשון, דעם פינסטערען ווייסטען זשאַרגאָן; אַ האַרצוועהטאָג איז מיר צו זעהען, וואָס פאַר אַ ניעדריגע ראָלע ער שפּיעלט צווישען מענשען, ווי מען שטופּט איהם און מען שליידער'ט איהם אַהין און אַהער, ווי מען מאַכט פון איהם חוזק אויף יעדען טריט; נאָך מעהר פון דעם אַלעם קרענקט מיך, קוקענדיג אויף איהם אַליין, אויף זיין איינגעדאַרטען און איינגעקוואַרטען קערפּער... אַז איך קוק אויף זיין נאָז, פיהל איך, אַז אַפילו דעם בעסטען מענשען מוז זיך ווילען איהם אַ שנעל געבען; זעהענדיג, ווי ער וואַרפט אַהין און אַהער מיט די אויסגעטרי־

קענטע קרומע פיסלעך, זעה איך ארויס, אז עס מוז זיך גע־לוסטען אונטערשטעלען איהם אַ פיסעל... שווער איז נאָר צו געבען דעם ערשטען שנעל, וואָרום מען האָט נאָך מורא, ער זאָל ניט געבען צוריק; אז מען זעהט אָבער האָטש איין מאָל, אז דאָס אומגליקליכע מענשעלע, האפּענדיג דעם שנעל, פערדרייסט די פּאָלעס און ווי אַ פייל פון בויגען איילט עס זיך אַנטרונען צו ווערען, אַריינצושפּרינגען וואוהין ניט איז אין אַ לאָך, אין אַ שפּאַלט, דאַמאָלס—אָ, דאַמאָלס צוברענט זיך ערשט די תּאוה צו שנעלען, עס ווערט פּשוט אַ פערגעניגען, עס ווילט זיך, עס געלוסט זיך שנעלען...

אָך, ישראליק! ישראליק! ומה אני שואל מעמך — און וואָס פאָדער איך פון דיר? אַ שילד אויף דיין איינגעשרומפּענעם ברוסטעלע? אַ שווערד אין דיינע אויסגעדאַרטע הענדטלעך? ניין, ישראליק, טויזענד מאָל ניין! — אַ מענש זאָלסט דו זיין, אַ מענש, פערשטעהסט, וואָס איך מיין מיט די ווערטער? אָט דאָ, ישראליק, אין גאַס, אויפ'ן מאַרק, אויפ'ן שול־הויף. אין דעם שטעדטיל, וואו דו ביסט געבאָרען געוואָרען, אויסגעוואַקסען, חתונה געהאַט, גע'גט זיך און ווידער חתונה געהאַט וכו' וכו', — אָט דאָ זאָלסט דו האָבען אַ פּנים פון אַ מענשען, און ניט פון קיין פליעג, ניט פון קיין שפּענדיל, ניט פון קיין פּעדער, וועלכע פליהט, וואוהין מען בלאָזט עס... אָט אויף וואָס איך בין מתפּלל צו זיין ליעבען נאָמען טאָג טעגליך, בשכבי ובקומי.

* *
*

„...אַ געטליכער גייסט האָט מיך אַנידערגעשטעלט אין

א טהאָל, וועלכעס איז געווען פול מיט ביינער, ער האָט מיך געטהין אַרומפיהרען איבער'ן טהאָל אהין און אהער און איך האָב געזעהן, אַז דאָרט זענען געווען זעהר פיעל ביינער, און זעהר טרוקען זענען זיי געווען, און דער גייסט האָט צו מיר געזאָגט:

— „ווי מיינסט דו, מענש, קענען ווידער לעבעדיג ווערען די ביינער?"

— „גאָט! — האָב איך געענטפערט — דו איינער קענסט דאָס וויסען..."

יאָ, רבוש"ע! דו איינער ווייסט — זאָג איך צוזאַמען מיט דעם נביא — איין גאָט ווייסט, אויב עס וועלען אַמאָל לעבעדיג ווערען אָט די אויסגעטריקענטע, אויסגעדאַרטע רמ"ח אברים, פון וועלכע ס'איז צונויפגעשטעלט, און קוים, קוים וואָס ער האַלט זיך, דיין אונגליקליכער, אַלטער יתום, ישראליק... רבוש"ע! דיין ליעבער קנעכט דוד המלך האָט פיעל ליעדער געזונגען, זיצענדיג אויף זיין גאָלדענעם כסא-המלוכה אין זיין שענעם שטאָלצען פּאַלאַץ... הער־זשע זיך צו איצט צו איינעם פון יענע ליעדער, צו איין קאַפּיטעל תהלים, וועלכעס ישראל'יק זאָגט אין דעם חודש אלול, יעדען טאָג; הער זיך איין, גאָטעניו, ווי ער טייטשט תהלים:

„...בקרוב אלי מרעים... אַז עס וועלען צוקומען נאָהענט צו מיר מיינע פיינד, לאכול את בשרי — צו עסען מיין לייב... אם תחנה עלי מחנה — אז עס וועט א גאַנצעס פאָלק פון יודען-פרעסער מיך אַרומרינגלען — לא ייראַ לבי — וועט מיין האַרץ פאַר זיי קיין פורכט ניט האָבען... וואָרום וואָס? איהר ווילט שונאי ישראל, מיין פלייש עסען? פליי ש ווילט איהר? מכות!

ביינער גריזעט, הארטע, טרוקענע ביינער מיט אדיניקע, אויסגעווייקטע הייטעלע אויף די ביינער, אט וואס איך האב פון אייערטווענגן, קוויקט זיך, בעלעקט די פינגער, א פעטער ביסען בין איך איצט, אחיות!... בעקוקט מיך, גוט, גוט טאפט מיך ארום — הא? פיין האט איהר מיך אויסגעהאדעוועט פאר א פאר טויזענד יאהר, א שענעם תכלית האט איהר פון מיר געמאכט!... גריזעט־זשע מיינע אלטע ביינער, האט קיין מורא ניט — כי אבי ואמי עזבוני — מיין פאטער און מיין מוטער האבען מיך פערלאזט...

איך האב ניט קיין פאטער,
קיין שטארקען, קיין שטאלצען,
וואס זאל מיך בעשיצען
מיט קראפט אין דער האנד
פון אומעט, פון צווייפעל
פון טרויער, פון שאנד.

איך האב ניט קיין מוטער,
קיין ליעבענדע מוטער,
פאר וועמען ענטדעקען
מיין ביטערעס הערץ,

וואס זאל מיט די טרייע,
און פריינדליכע ווערטער
מיך רעטען פון שלאפקייט,
מיך טרייסטען אין טרויער
און היילען מיין שמערץ...

נאר דו, מיין בעשעפער,
דו שטארקער, דו גרויסער,
אלמעכטיגער גאט!

נאָר דו ביסט מיר איינער
געבליעבען אין לעבען
פון אייביג ביז אייביג,
מיין שילד און מיין זיגעל —
בעהיט און בעשיץ מיך
פון שאַנד און פון שפּאָט!

II.

אַ, ישראליק האָט זיך אויפגעחאַפּט פון שלאָף!... איהר זעהט?... זיינע אויהער'ן האָבען דערהערט פין וויטענס די הייליגע שטימע פון דעם אַלטען שופר, וועלכע ער הערט יעדעס יאָהר אַ גאַנצען חודש נאָכאַנאַנד... איהר זעהט? — ישראל'יק איז מיט אַמאָל לעבעדיג געוואָרען! — אַלע זיינע אויסגעדאַרטע, אויסגעמוטשעטע גליעדער בעוועגען זיך עפּעס גאָר מיט אַנ'אַנדער חשק, מיט אַ לעבעדיגקייט... ער גיעסט אָב נעגעל-וואַסער און לויפט, לויפט, ווי אַ פייל פון בויגען, אין שוהל אַריין... אָט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי'ם שטענדער, איבערגעדעקט דעם טלית איבער'ן קאָפּ... די גאַנצע גרויסע וועלט איז שוין פערשוואונדען פון זיינע אויגען... ניטאָ פאַר איהם קיינער — ניט קיין פריינד און ניט קיין פיינד, ניט קיין אייגענער און ניט קיין פרעמדער, ניט ברידער, ניט שוועסטער, ניט ווייב, ניט קינד... ער שטעהט ביי'ם שטענדער, אַיינגעבויגען דעם קאָפּ איבער דעם אַלטען, צוריסענעם און פערשמוצטען מחזור... און די אויהערן רוישען און ברומען ביי איהם הונדערטער קולות... אין קאָפּ זומט ביי איהם ווי פון גאַנצע סטאַיעס ביענען... דאָס האַרץ פערקלעמט איהם עפּעס מיט אַ שרעקליכען, טיעפען

וועהטאָג... עס קוועטשט איהם צונויף אין האַלדז... עס הויבט אָן צו שטעכען אין די אויגען... איינע נאָך דער אַנדערער טריעפען אַראָב און פאַלען אויף די געלע בלעטער פון דעם מחזור הייסע, הייסע טרעהרען... אַ שטילער, זיסער, הייליגער דרימעל שוועבט אַרום איבער זיין איינגעבויגענעם, גרויען קאָפּ, בעדעקט זיינע דונקעלע, פערוויינטע אויגען, חאַפּט אַרום און אַרום, ווי מיט אַ לאַנגער, ווייכער וויקעל־שנור זיין ברוסט, זיינע הענד, זיין גאַנצען קערפּער...

> אַ לאַנגע תקיעה־גדולה,
> אַ לאַנגע, אָהן אַ סוף
> פון אַלע זייטען גיסט זיך
> און שאַלט איהם דורכ׳ן שלאָף...

און אַזוי ווי אין אַ טיעפען, דונקעלען שלאָף שטעהען אויף פאַר איהם בילדער, פורכטבאַרע און וואונדער־שענע בילדער...

דער קול פון דעם שופר גיעסט זיך און גיעסט זיך מיט יעדען אויגענבליק אַלץ ווייטער און ווייטער: איבער בערג און ימים, איבער טייכען און וועלדער... די אַלטע גרויסע בוימער הערען דעם קול און רוישען אַנטקעגען איהם מיט די פייכטע, גרינע בלעטער; די טייכען הויבען אויף זייערע חוואַליעס, זיעדען און ברומען... די פויגעל זינגען זייערע זיסע, ליעבע ליעדער... יעדעס פישעלע אין וואַסער, יעדע מילב אין דעם גרינעם גראָז, יעדעס גרעזעלע און יעדעס שטיינדעלע ציטערן, הערענדיג דעם קול פון דעם הייליגען שופר... און אויך אַהין, אויף דעם הייליגען־אַרט, אויף דעם טויטען פעלד, וואָס איז

בעדעקט מיט קברים און מצבות, קומט צופליעהען דער קול, און עס וואַכען אויף פון שלאָף, פון דעם אייביגען, טיעפסטען טויטען שלאָף יענע, וועלכע זענען שוין אָבגעקומען די טרויעריגע וועלט מיט דעם נאַרישען לעבען, וועלכע הערען שוין ניט און זעהען שוין ניט פון אַלץ, וואָס עס טהוט זיך אויף דעם נאַרישען וועלטיל...

דער אַלטיטשקער שטעהט אייגעבויגען איבער דעם מחזור, אָבער ער זעהט שוין ניט, ער דערקענט שוין ניט די אַלטע הייליגע ווערטער... פאַר זיינע דונקעלע, פערוויינטע אויגען ציעהען זיך בערג און טהאָלען, טייכען און פעלדער... אַרום און אַרום פון אַלע זייטען איז נאַכט, אַ געדיכטע, שוואַרצע פינסטערניש בעדעקט די גאַנצע וועלט... נאָר ערטער־וויז, דאָ און דאָרט זעהט ער, צינדען זיך אָן איינס נאָך דעם אַנדערן, קליינינקע גאָלדענע פייערלעך... העלע רויטליכע פונקען בלישטשען אין דער פינסטער... און דאָרט וואו עס צינדען זיך אָן די קליינינקע, גאָלדענע פייערלעך, שטעהען אויף פון דער ערד ווייסע, בלייכע שאָטענס... זיי הויבען זיך אויף פון זייערע טיעפע, פינסטערע, קאַלטע קברים, הערען זיך־צו צו דעם קול פון שופר און הויבען אָן אַרומצושוועבען אין דער פינסטער... זייערע אויגען עפענען זיך אויף, אויף די בלייכע באַקען הויבט אָן צו שפיעלען אַ לעבעדיגע, רויטליכע פאַרב, די טויטע בלויע ליפען ציטערן און בעוועגען זיך מיט אַ פרעהליכען, גליקהאַפטען שמייכעל...

אָט שוועבט אַ גרויער, אַלטער מאַן... פון דעם באַרג נבו, פון דעם שפיץ פסגה הויבט זיך אויף דער גרויער, אַלטער

מאַן מיט די צוויי שטיינערנע לוחות אין איין האַנד און מיט דעם מטה אין דער אַנדערער.

אַנטקעגען דעם אַלטען מאַן מיט די לוחות אין דער האַנד שוועבט אַראָב פון די בערג פון אפרים דער צווייטער פאַר־שטעהער און פיהרער פון דעם פאָלק ישראל, דער צווייטער פון משה־רבינו — יהושע־בן־נון...

און הערענדיג דעם קול פון שופר שטעהען אויף פון זייערע קברים אַלע גבורי־חיל, אַלע, וועלכע האָבען געהערשט איבער דעם פאָלק און געפיהרט זיינע חיילות אַנטקעגען זיינע פיינד... אָט שוועבט די אשה־נביאה, דבורה, וועלכע איז אויפגעשטאַנען ווי אַ לייב, שטאַרק און פרעכטיג, האָט געשטאַרקט די איבער־געשראָקענע הערצער, געקרעפטיגט די איינגעמאַטערטע הענד, בעוואָפענט זיי מיט כלי־זין און איינגענומען איינעם פון די גרעסטע שונאי ישראל — דעם קעניג פון כנען... אָט שוועבט דער גרויסער העלד, שמשון־הגבור... אָט פליהט יפתח־הגלעדי... אָט הויבט זיך אויף דער גרויער מתתיהו־כהן־גדול מיט זיינע זיהן, די העלדען... און נאָך הונדערטער און טויזענדער גבורים שטע־הען אויף פון זייערע קברים און פליהען, שוועבען, לויפען...

דער קול פון שופר האָט פון טיעפען,
פון טויטען שלאָף זיי אויפגעוועקט;
מיט נייע אָדערן און נערוועון
די ביינער זייערע בעדעקט.

בעפרישט מיט פאַרב די בלייכע באַקען,
די טויטע אויגען אויפגעמאַכט;
די קאַלטע הערצער אָנגעגאָסען
מיט נייע קראַפט און נייע מאַכט...

„— שטעהט אויף! שטעהט אויף, איהר כהנים, נביאים!“ —
הערט זיך אַ בת־קול אין דער לופט;
„— שטעהט אויף! די צייט איז שוין געקומען
דער קול פון שופר קלינגט און רופט״!...

די בלייבע, הייליגע שאָטענס שוועבען פון אַלע זייטען, פליהען זיך צונויף צום באַרג נבו, צו דעם אָרט, וואו עס איז געקומען אין זיין רוח דער גרעסטער פון אַלע נביאים, דער שטאַרקסטער פון אַלע העלדען און דער העכסטער פון אַלע חכמים — משה־רבינו... די שאָטענס שטעהען גרייט און פאַרטיג צו געהן, צו לויפען אַהין, וואוהין עס וועט זיי בעפעהלען דער גרעסטער און דער הייליגסטער פון זיי... זיי וואַרטען צו דערהערען זיין שטימע פון דעם באַרג... נאָר אין גיבען אָבער ווערען זיי פערציטערט דערהערענדיג פון אויבען, פון דעם ראש־הפסגה, אַ טיעפען, טיעפען זיפץ און אַ קול פון אַ ביטערן גרויסען קלאַג:

„— וועה, וועה צו דיר, אונזער מוטער רחל! וועה צו דיינע אומגליקליכע קינדער!... צו פריה זענען מיר אויפגע־שטאַנען... צו פריה! אַך, דאָס איז ניט יענער שופר, אין וועלכען עס בלאָזט דער העלד צונויפרופענדיג זיין חיל אויף דער מלחמה... ניין! דאָס בלאָזט אונזער פעריאָמערטער קראַנקער, דערשראָקענער ישראליק אָבצוטרייבען פון זיך די מזיקים, וועלכע חלומ׳ען זיך איהם אין זיין שלאָף, אין זיין דונקעלען, פינסטערען לעבען... מזיקים! שדים! חלומות! פון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען צו דיר, מיין פאָלק, מיין אומגליקליך, פערדאָרבענעם פאָלק?! איך, משה, דיין בעפרייער און דיין לעהרער, מיט אַלע כוחות, מיט אַלע מיינע קרעפטען

האָב איך דיך נעלערנט צו קוקען אויף זיך און אַרום זיך, אויף די וועלט און אויף דאָס לעבען מיט ליכטיגע, ניכטערע, קלוגע אויגען, ניט צו גלויבען אין קיין חלומות, אין קיין מזיקים און שדים... הונדערט מאָל האָב איך דיר געזאָגט: מיין פאָלק! האָב מורא נאָר פאַר גאָט, פאַר דעם איין און איינציגען, גרויסען, ליעבען גאָט, וועלכער האָט בעשאַפען הימעל און ערד, בערג אין אָבגרונדען נאָר פון דיינעטוועגען — דו זאָלסט אָבהיטען און מקיים זיין זיינע הייליגע געזעצען, זאָלסט געהן אין זיינע גלייכע וועגען, טהון גוט'ס און רעכטשאַפענעס און ניט האָבען קיין פחד פאַר קיינעם, ניט פאַר קיין לעבעדיגען, ניט פאַר קיין טויטען... און בפרט אַז עס וועט קומען אויף דיר אַ צרה, אַנ'אומגליק, זאָלסט דו שטעהען פעסט, שטאָלץ און רוהיג אויף דיין אָרט, זאָלסט אויף איין אויגענבליק ניט פערגעסען, — ווער איז דיין עכטער שונא, דער ניי-צייטיגער עמלק, דער אַנטיסעמיט. וואו ליעגט די אורזאַכע פון דעם אונגליק, וואָס איז אויף דיר געקומען, כדי דו זאָלסט יעדע רגע זיין אימשטאַנד צו שטרייטען מיט איהם, צו בעשיצען דיין קערפער און דיין הארץ, דיין גוף און דיין נשמה, דיין תורה און דיין אַלטען, גרויסען כבוד, דעם נאָמען, וועלכען דו האָסט בעקומען אויף דער וועלט, צווישען אַלע פעלקער?!... וואו איז דיין ליכטיגער זינען? וואו זענען דיינע פרישע, לעבעדיגע געפיהלען? וואו איז דיין קראַפט און דיין מוטה, דיין האָפנונג און דיין גלויבען?... זעה, וואָס איז פון דיר געוואָרען, וואָס פאַר אַ פנים האָסט דו בעקומען, זינט דו האָסט פערגעסען מיין בעפעהל, האָסט פערלאָזען מיין צוואָה, האָסט אָנגעהויבען צו בלאָנדזשען אין דער פינסטער, ווי די פלעדער־מויז, שרעקען זיך פאַר יעדען שאָרך, פאַר יעדען

שושק, וואָס דערהערט זיך דיר אין דער פינסטער... שדים חלומ'ען זיך דיר, מזיקים, חלומות, וואָס זענען ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, דו בלאָנדזשעסט אין פערבלענדעניש, ליעגסט אין הינער־פלעט, ציטערסט פאַר דעם, וואָס איז ניטאָ, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען און וועט ניט זיין, און זעהסט ניט די עכטע אורזאַכע פון אַלע דיינע צרות, פון אַלע דיינע שמערצען און אונגליקען... מיין פאָלק! מיין אונגליקליכעס פאָלק..."

הייסע, ביטערע טרעהרען גיעסען זיך ביי ישראליקען פון די אויגען... אין שרעק און אין ציטערניש קוקט ער זיך איין אין די דונקעלע, הייליגע בילדער, הערט זיך איין אין דעם קול וואָס געהט פון דעם באַרג נבו:

„צוריק, איהר אַלטע, טויטע העלדען!
„צוריק, אין אייער רוה־אָרט!
נאָך לאַנג אין קבר דאַרפט איהר ליגען,
פיעל יאָהרען וועט נאָך פינסטער זיין...

„פיעל צייט וועט נאָך פערגעהן, ביז וואַנען
עס וועט בעשערט זיין אונז צום סוף
דערהערען יענעם שופר, וועלכער
וועט אונז שוין אויפוועקען פון שלאָף —

„צו ליכט און קראַפט, צו מוטה און לעבען
צו נייע פרייד און נייעם גליק...
נאָר איצט... דערוויל — צוריק אין קבר!
צוריק! צוריק!..."

און אַ גרויסער, שרעקליכער קלאַג פון הונדערטער קולות טהוט געהן אין דער פינסטער איבער די בערג און טהאָלען,

טייכען און וועלדער... די קליינינקע גאָלדענע פייערלעך הייבען אָן צו ציטערן, צו דרעהען זיך אין דער לופט... מיט יעדער מינוט ווערען זיי אַלץ בלייכער און דונקעלער, קלענער און קלענער... די ווייסע שאָטענס צוגעהען זיך ווי וואָלקענס, ווי רויך אין אַלע זייטען... די הויכע בערג פאַלען־איין. די וועלדער און די טייכען ווערען פערשוואונדען... ישראליק שטעהט איינגעבויגען איבער דעם אַלטען, צוריסענעם און פערשמוצטען מחזור... „איך האָב ניט קיין פאָטער...״ — רייסען זיך אַרויס ביי איהם פון האַרצען מיט וועהטאָג די ווערטער פון זיין אייביג טרויעריגען ליעדעל:

איך האָב ניט קיין מוטער,
קיין ליעבענדע מוטער,
פאַר וועמען ענטדעקען,
מיין ביטערעס הערץ,

וואָס זאָל מיט די טריע
און פריינדליכע ווערטער
מיך רעטען פון שלאַפקייט
מיך טרייסטען אין טרויער
און היילען מיין שמערץ...

נאָר דו, מיין בעשעפער
דו גרויסער, דו ש־ארקער
אלמעכטיגער גאָט!

נאָר דו ביסט מיר איינער
געבליעבען אין לעבען,
בעהיט און בעשיץ מיך
פון שאַנד און פון שפּאָט,

פון אייביג ביז אייביג
מיין שילד און מיין זעגעל,
דו שטאַרקער, דו גרויסער,
אַלמעכטיגער גאָט!..."

* * *

היים און ערנסט איז ישראל'יק'ס תפלה... פון דעם טיעפען האַרצען רייסען זיך אַרויס די ווערטער; אין אַלע אברים זיינע גליהט אַ גרויס, הייליג פייער פון ליעבע צו גאָט און פין האָפנונג אויף זיין הייליגען נאָמען...

אַך, ישראליק, ישראליק! מען האָט אָבגעדאַווענט נעילה און מעריב... מען האָט זיך מיט גאָט'ס הילף אָבגעפאַסט און אָבגערוהט; הושענא-רבה, שמיני-עצרת, שמחת-תורה זענען זיך אַוועקגעגאַנגען איינער נאָך דעם אַנדערען, און איצט... איצט...

נאָר — גענוג! איך וועל ניט ריידען פון דעם ווי אַזוי דו זעהסט אויס איצט און ווי דו וועסט אויסזעהן די גאַנצע צייט ביז איבער אַ יאָהר ערב יום-כפור... ליעב ביסט דו מיר געווען אָט אַזוי ווי איך האָב דיך געזעהן איבערגעדעקט מיט דעם טלית און איינגעבויגען איבער דעם מחזור... וויין-זשע, ישראל'יק, וויין! שריי צו דעם בורא! זשאַלעווע ניט קיין כוחות, שריי, וויין, בעט איהם רחמים... אפשר... אפשר וועט ער זיך שוין טאַקע דערבאַרעמען אויף דיר, אויף דיין קראַנקען, אַלטען, עלענדען קאָפּ...

„דאס ביסעלע בוימאייל“.

(בילדער און געדאנקען).

I.

פיעל טעג, פיעל וואָכען און חדשים זענען פערגאַנגען, זינט עס האָט זיך געענדיגט די גרויסע שרעקליכע מלחמה, און אויף דעם הייכען טהורעם פון מצדת־דוד האָט זיך אויפגעהויבען און געבליעבען שטעהן הויך און שטאָלץ אין דער לופט, די פאָהן פון אַנטיוכוס מלך יון...

קיין איינציגער מזבח האָט זיך ניט גערויכערט, קיין איינציגער קרבן איז ניט געבראַכט געוואָרען אין דער גאַנצער צייט; פערשטערט זענען געוואָרען די שבתים און די ימים־טובים; די כהנים האָבען אויסגעטהון זייערע הייליגע קליידער, די לוים האָבען פערלאָזען זייערע כלי־זמר, זייער הייליגען דיענסט אין גאָט׳ס הויז; אָנגעטהון אין זעק און בעשאָשען די קעפּ מיט אַש, זענען געלעגען יונג און אַלט אויף די קברים פון די נביאים, געבען די אויבראָכענע מזבחות, געבראָכען די הענד, געוויינט און געשריען צו דעם בורא־עולם... נאָר אומזיסט איז געוועזן זייער געבעט, אומזיסט האָבען זיך געגאָסען זייערע טרעהרען!...

ווי אַ סטאַיע היישריקען, וואָס בעדעקט אַ פעלד, זענען געגאַנגען די חילות פון אַנטיוכוס איבער דאָס לאַנד, פון שטאָדט

צו שטאָדט. אויף יעדען מאַרק, אויף יעדער גאַס האָבען זיי געבויט מזבחות און מיט שווערד אין דער האַנד, מיט אײַזען און מיט פייער געטריבען דאָס פאָלק מקריב צו זיין קרבנות צו זייערע שטיינערנע און הילצערנע אָבגעטער...

און דאָס פאָלק, דאָס דערשראָקענע און פערמוטשעטע פאָלק, איז געגאַנגען, געלאָפען צו די מזבחות, געקניעט און געבוקט זיך צו די אָבגעטער... אויף יעדער גאַס, נעבען יעדען הויז, האָט געפלאַקערט אַ מזבח... די ספרי־תורות האָט מען געריסען אויף שטיקער און געוואָרפען אויף די מזבחות, אויף וועלכע עס האָבען זיך געסמאַליעט און געבראָטען חזירים און אַנדערע טמא'דיגע חיות...

יעדען חודש פלעגען אָנקומען די חילות פון אַנטיוכוס, און דעם, ווער עס האָט ניט געוואָלט טהון זייער בעפעהל, האָבען זיי געטויט... די מוטערס, וועלכע פלעגען זיך ערוועגען מל צו זיין זייערע קינדער, האָט אַנטיוכוס בעפעהלט טויט צו שלאָגען: פאַר זייערע אויגען פלעגט מען איפהענגען זייערע אונשולדיגע קינדערלאַך, שטעכען און שניידען זיי אויף שטיקלעך...

פיעל יודישע פרויען זענען געפאַלען פון דעם שווערד פון אנטיוכוס; פיעל נפשות, אַלטע און יונגע, האָבען ליעבער דעם טויט גענאָמען, איידער צו פאָלגען דעם רשע, אום צו בלייבען געטריי דעם איינציגען, גרויסען גאָט און זיין הייליגער תורה...

.II

בענאָמען מיט דעם שיין פון דער ליכטיגער און וואַרעמער

זון און אַרומגערינגעלט מיט פּאַלמען און איילבערט־בּוימער, שטעהט אויף דעם בּאַרג מודעית דאָס קליינע, שטילע שטעדטעלע, וואו עס וואָהנט זומער־צייט דער כּהן־גדול מתתיהו מיט זיינע פינף זיהן: יוחנן, שמעון, יהודה, אליעזר און יהונתן.

שטיל און רוהיג איז געוועזן אין דעם קליינעם שטעדטעלע פיעל יאָהרען נאָכאַנאַנד, בּיז עס איז געקומען דאָס גרויסע אונגליק אויף דאָס גאַנצע לאַנד און האָט פערחאַפּט אויך דאָס רוהיגע, שטילע, שטעדטעלע. ווען דער שטורם רייסט אַרויס מיט די וואָרצלען די גרויסע, שטאַרקע, הונדערט־יעהריגע צעדערן — קען דען בּלייבּען שטעהן דאָס קליינינקע, שוואַכינקע קירשען־בּוימעלע?

אַ גאַנצע מחנה יונים (גריעכען) מיט זייער קאָמאַנדיר האָבּען פערנומען אַלע גאַסען. אין מיטען שטעדטיל, אויפ'ן מאַרק, שטעהט שוין אַ מזבח אָנגעגרייט צו בּריינגען אַ קרבּן די גריעכישע אָבּגעטער.

„געהט! געהט! — שרייט דער שר פון די יונים: קניעט, בּוקט זיך צו אונזערע געטער, צו די געטער, פאַר וועלכע עס קניעט אויך מיין גרויסער, שטאַרקער קעניג אַנטיוכוס! וואַרפט אַוועק אייער נאַט, וועלכער האָט אייך פערלאָזען און איבּער־געגעבּען אין אונזערע הענד, וואַרפט אַוועק אייער תורה, דורך וועלכע איהר האָט איבּערגעטראָגען אַזוי פיעל צרות, שלעג און שמערצען... אייער בּית־המקדש איז פּוסט, אייערע פּאַלאַ־צען פערוויסט, אייערע אוצרות בּערויבּט, טויזענדער און צעהנ־טויזענדער נפשות זענען געפאַלען פ'ן אונזער שווערד: דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרען ווי איין גרויסער בּית־עלמין בּעדעקט

מיט קברים, און וואָס אַ טאָג פאַלען אַלץ נייע און נייע נפשות, פערגעהען פון הונגער, פון נויט, און שמערצען... און אין דעם נאָמען פון מיין קעניג, דעם גרויסען, שטאַרקען אַנטיוכוס, וועלכען עס זענען אונטערטהעניג צעהנדליגע פעלקער און פאַר וועלכען עס ציטערט די גאַנצע וועלט. אין זיין נאָמען זאָג איך אייך"...

אין דער מינוט האָט זיך דאָס פאָלק צוטהיילט אויף ביידע זייטען, דורכלאָזענדיג צום שר אַן'אַלטען גרויען מאַן...

„— דער כהן... דער כהן־גדול געהט"... האָט זיך דער־הערט פון אַלע זייטען...

אָנגעטהון אין בגדי שרת, אין די הייליגע קליידער, מיט דעם חושן־ואפוד אויף דער ברוסט, מיט דעם מצנפת און דעם ציץ אויפ'ן קאָפּ, איז צוגעגאַנגען צו דעם שר דער אַלטער גרויער מתתיהו.

זיין לאַנגעס, שניי־ווייסעס האָר און זיין גרויע באָרד האָבען געגלאַנצט אין דעם שיין פון דער זון; זיינע באַקען זענען געווען בלאַס און דער גאַנצער קערפּער האָט אויסגעזעהען מיעד און אָבגעשלאָפט, נאָר אין די אויגען האָט געגליהט אַ הייסער פייער פון פערבאָרגענעם צאָרען און איבער זיינע בלייכע ליפּען איז צייטענווייז איבערגעלאָפען אַ ציטערניש ווי ביי אַ מענשען, וועלכען עס האַפּט דורך די קעלט אין אַ גרויסען פראָסט...

„— מתתיהו!" — האָט זיך געווענדעט דער שר צו דעם אַלטען כהן — „דיין קאָפּ איז בעדעקט מיט גרויע האָר און מיט דעם הייליגען מצנפת, און אויף דער ברוסט ליעגט די

הייליגע, גייסטליכע ציערונג; הער-זשע אויס מיינע רייד; צו דיר, צו דיין פערשטאַנד וועֶנד איך מיך איצט מיט מיינע ווערטער:

„האָב רחמנות אויף זיך, אויף דיין הויזגעזינד און אויף דיין פאָלק, וועלכעס וועט דיר פאָלגען און טהון אַלץ, וואָס דו וועסט בעפעהלען. דער גרויסער שטאַרקער קעניג אַנטיוכוס מלך יון רעדט צו דיר מיט מיינע לעפצען: געה־צו צו דעם מזבח און בריינג דעם קרבן, וועלכער...

„— ניין! — האָט אַ געשריי געטהון דער אַלטער מתתיהו — ניין! איך וועל ניט צוטרעטען צו דיין מזבח, איך וועל ניט קניען פאַר דיינע שטיינערנע, שטומע און טויטע אָבגעטער! איין גאָט איז דאָ אויף דער וועלט, איין איינציגער, דער גרויסער שטאַרקער גאָט, וועלכער האָט בעפרייט מיין פאָלק פון קנעכט־שאַפט, בעהיט און בעשיצט פון טויזענדער אומגליקען! צו איהם, צו דעם איין-איינציגען, גרויסען, שטאַרקען, ליעבען גאָט הויב איך אויף מיינע הענד... הימעל און ערד, בערג און טהאָלען! זייט מיינע עדות, הערט מיין גרויסע, מיין אייביגע שבועה: מיט מיין גאַנצען האַרצען, מיט מיין פערשטאַנד, מיט אַלע געפיהלען און געדאַנקען, מיט יעדען גליעד, יעדער אַדער, ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט, ביז דעם לעצטען אויגענבליק וועל איך דיענען דעם איינציגען גאָט, דעם גאָט פון מיינע עלטערין, צו איהם וועל איך שטרעקען מיינע הענד, צו איהם וועט זיך ציהען מיין האַרץ, צו איהם, צו זיין גרויסער אייביגער מאַכט און הערליכקייט וועט פליהען מיין געבעט, פאַר איהם וועלען זיך גיעסען מיינע טרעהרען!... און דו, מיין פיינד און דער פיינד

פון מיין פאָלק, וואָס דו ביסט געקומען מיט אײַזען און פײַער אין אונזער לאַנד, האָסט צושטערט אונזער הייליגטהום, בערויבט אונזערע הײַזער, אַלט און יונג, פרוי און קינד געשעכט מיט דײַן שווערד, איך שטעה פאַר דײַנע אויגען שטאָלץ און קרעפטיג! איך וועל ניט צוטרעטען צו דײַן אונרײַנעם מזבח! איך וועל מיך ניט צוריהרען צו דײַן קרבן. איך וועל מיך ניט בוקען צו דײַנע געטער... איך פערהאַס דיך, דײַן קראַפט און דײַן צאָרען... איך...

„— שווייג!! — האָט אויסגעשריען דער שר, חאַפּענדיג זיך צו זײַן שווערד — „שווייג! פאַר דײַנע רייד וועט דיר בע־צאָהלט ווערען אין גיכען... נאָר, שטעה, וואַרט אויס... אָט באַלד וועסטו זעהען ווער פון אונז איז שטאַרקער... מײַנע גבורים! ציהט אַרויס אײַערע שווערדען, רינגעלט אַרום דאָס פאָלק פון אַלע זײַטען... נו, און איהר — האָט ער זיך גע־ווענדעט צום פאָלק — איהר, פערשאָלטענע קנעכט! נעהענטער, נעהענטער צום מזבח! קניעט, בוקט זיך! קושט די שטיינער, וועלכע ליעגען דאָ פאַר אייך... נו!!..."

הערענדיג די בייזע, שרעקליכע ווערטער, דערשראָקען און פערציטערט — איז צוגעגאַנגען איינער פון די אײַנוואָהנער צו דעם מזבח... זײַן קאָפּ האָט זיך אײַנגעבויגען, און, ציטערנ־דיג מיט אַלע אברים, איז ער געפאַלען אויף די קניע...

„— האַללאַ! — האָט אויסגעשריען דער שר מיט פרייד.

„— האַללאַ!!!" האָבען געענטפערט הונדערט קולות פון דעם חיל...

נאָר אין דעם אויגענבליק האָט אויסגעבראָכן אַן׳אומער־וואַרטעטער, שרעקליכער צופאַל:

מיט פלאַמענדיגע אויגען, פערצימערט פון צאָרען, איז אויפגעשפרונגען דער אַלטער גרויער מתתיהו... אין זיין דאַרער, אַלטער האַנד האָט אַ בלישטשע געטהון אַ גרויסער, שאַרפער מעסער, און אין איין מינוט זענען געפאַלען צו זיינע פיס דער קניענדער וויעדערשפּענסטיגער און דער שטאַרקער, שטאָלצער שר...

„— ברידער מיינע, קינדער!...״ האָט אויפגעהויבען זיין קול מיט אַ גרוים געשריי דער אַלטער כהן־גדול: שטעהט אויף, שטעהט אויף, איהר דערשראָקענע, דערשלאָגענע, אונגליקליכע! צו מיר, צו מיר!״...

אימת־מות איז געפאַלען אויף דעם חיל... אַוועקוואַרפענדיג דאָס געוועהר, פערצימערט. זעהענדיג זייער שר אַ דערשלאָגענעם און דעם אַלטען מאַן מיט דעם מעסער אין דער האַנד, האָבען זיך אַ וואָרף געטהון אַרוים פון שטעדטיל די שטאַרקע, שרעקליכע גבורי־חיל... ווי די האָזען, דערהערענדיג די שטימע פונ׳ם יעגער, זענען זיי זיך צולאָפען אין אַלע זייטען, פערקראָכען אין די הייִלען, אונטער די פעלזען, אין די וועלדער און אין די טהאָלען...

און דאָרט, אויף דעם באַרג מודעית, האָט געשאַלט, הילכיג און שרעקליך, דער קול פונ׳ם אַלטען גרויען מאַן:

„— שטעהט אויף, שטעהט אויף, מיינע ברידער, מיינע קינדער! ווער איז צו גאָט — צו מיר! פאָראויס! פאָראויס!...״

ווי אַ דונער, וואָס וועקט־אויף הונדערטע וויעדער־קלאַנגען פון בערג און טהאָל, איז געגאַנגען דער אויפרוף פון דעם אַלטען, גרויען מאַן איבער די שטעדט און דערפער. פון הויז צו הויז... איינער נאָך דעם אַנדערן זענען אויפגעשטאַנען, אַלט און יונג, גרויס און קליין; שטאַרקע און גרויסע מחנות־חיל האָבען זיך צונויפגעקליעבען אַרום מתתיהו און זיינע פינף זיהן די גבורים... אויף טויזענד פונקטען האָט זיך פון דאָס ניי פערקאָכט די מלחמה...

ניט איין טאָג, ניט צוויי האָט געדויערט, נאָר דער נצחון איז געגאַנגען טריט אויף שריט נאָך דעם אַלטען כהן און זיינע פינף זיהן און... פיעל טעג זענען נאָך פערגאַנגען, פיעל בלוט איז נאָך פערגאָסען געוואָרען ביז עס איז געקומען דער גרויסער, הייליגער גליקליכער טאָג — כ"ה כסלו!!...

די גאַנצע וועלט האָט געקלונגען מיט דעם נאָמען פון דעם גרויסען העלד, יהודה המכבי. זעקס שטאַרקע העלדען מיט זייערע חילות זענען געפאַלען פון זיין האַנד; פיעל אַנדערע גבורים מיט זייערע חילות זענען צושטערט געוואָרען פון די איבריגע פיער זיהן פון מתתיהו — און גאַנצע הונדערט יאָהר האָט דאָס לאַנד ישראל אָבגעלעבט שטיל און רוהיג, בעפרייט און בעשיצט פון שרעק און שמערצען...

III.

אַט וואָס פאַר אַ בילדער און סצענעס טראָגט אין זיך דער זכרון פון אַ פאָלק. ווי עס דאַרף זיך, בדרך הטבע, פיהלען

אַ פּאָלק, דערמאָהנענדיג זיך אויף אַזעלכע צייטען — דאָס איז שוין אַ בּעזונדערע שאלה. אַ פּאָלק איז דאָך ניט איין מענש, וּבפרט דאָס פאָלק ישראל, יודעלעך, זאָלען לעבּען, וואָס זיי זענען דאָ אויף גאָט'ס וועלט אַזוי פיעל ווי די שטערען אויפ'ן הימעל און דער זאַמד אויפ'ן בּרעג ים, קיין בּייז אויג זאָל זיי ניט שאָדען!... מיינונגען אין דעם ענין קענען זיין אַ סך, איבּער־רעכענען זיי איז אונמעגליך; וויכטיג איז אָבּער דאָ ניט יעדע בּעזונדערע דעה, נור דער סך־הכּל...

אַ טאָג נאָך אַ טאָג — געהען יאָהרען אַוועק,
עס דרעהט זיך און דרעהט זיך דאָס רעדעל...
אַך, זאָגט־זשע מיר, וואָס איז געבּליבּען בּיי אונז?
„— געבּליעבּען? — דאָס חנוכּה־דרעדעל!“

דאָס דרעדעלע דרעהט זיך, דאָס דרעדעלע זשומט,
ישראל יקעל קוויקט זיך... אַ חיות!
ער דרעהט עס און דרעהט עס אַכט טאָג נאָכאַנאַנד
און קוויקט זיך — עס ווערט גאָר ניט מיאוס.

פיער אותיות אויסגעקריצט זעה איך אויף דעם —
זיי שיינען פון אַלע פיער זייטען...
„— דו זעהסט? שרייט ישראל'יק מיט נחת — דו זעהסט?!
און ווייסט, אַקאָרשט, וואָס זיי בּעדייטען?...“

— נוּ, אַדרבּא, ישראל'יק, זאָג!

און ישראל'יק זאָגט:

„— ויהי און ס'איז געווען, אַז מען האָט גוֹבר געווען דעם דאָס... דעם ע־ע־ע... דעם מלך פון יון, איז מען גע־

קומען אין בית־המקדש אריין, איז מען געקומען, און מען האָט — ע־ע־ע... האָט מען — ע־ע־ע ווידער אויפגעבויט דעם דאָס... דעם מזבח, מיין איך, און די מנורה מיט די... מיט... נו מיט אַלץ וואָס מען דאַרף און דערנאָך... דערנאָך איז..."

— נו, ישראל'יק, און דערנאָך איז וואָס געווען?

„— און דערנאָך! — טהוט זיך אַ חאַפּ ישראל'יק מיט אַ פלאַם־פייער אין די אויגען — דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען צו זוכען בוימאייל, אָנצוצינדען די מנורה, האָט מען ניט געפונען, האָט מען ווייטער געזוכט, איז אַז מען האָט ווידער געזוכט, האָט מען דערזעהן אין אַ ווינקעלע אַ קליין קריגעלע מיט בוימאייל, אַ ברעקעל קריעגעלע מיט עטליכע טראָפּענס, איז האָט מען אריינגעגאָסען אין די מנורות אריין און מען האָט אָנגעצונדען... איז געוואָרען אַ נס — דאָס קאַפּיטשקע בוימאייל האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג!!!..."

— וואָס? סך־הכל אכט טעג? ניין, ישראל'יק, ניין! דו האָסט אַ גרויסען טעות: דער נס איז געווען פיעל גרעסער — דאָס ביסעלע בוימאייל האָט געברענט מעהר ווי אַכט טעג... פיעל מעהר: עס האָט געברענט גאַנצע צוויי טויזענד יאָהר!

יאָ, צוויי טויזענד יאָהר האָט אונז געשיינט דאָס ליכט פון דעם ביסעלע בוימאייל, וואָס מען האָט קוים־קוים אָבגעזוכט אין אַ ווינקעלע, אין דעם בערויבטען, פערוויסטען טעמפּעל, און גליקליך, גליקליך זענען מיר וואָס אונזערע פיינד, וועלכע האָבען ביי אונז צוגענומען אַלע אונזערע אוצרות, האָבען אונז איבער־

געלאָזט די עטליכע טראָפּענס בוימאייל!... אלע פאַנצירען, פּיילען, שפּיזען און שווערדען און אַלע שענסטע און טייערסטע ציערונג פון אונזערע פאַלאַצען, טהורמען און טעמפּלען, זענען ניט ווערטה אי איין טראָפּען פון דעם הייליגען, וואונדערליכען ביסעלע בוימאייל!... די מכבי׳ער זענען געווען אונזער לעצטער נצחון אויף דעם שלאַכט-פעלד; אונזערע פּאָליטישע פרייהייט האָט געמוזט אַנ׳ענדע נעהמען; גאַנץ בלייבען האָט געדאַרפט נאָר דאָס ביסעלע בוימאייל — דאָס שטיקעלע אמונה, וואָס איז אריינגעלעגט געוואָרען אין אונזערע הערצער, כדי מיר זאָלען ניט פערשוואונדען ווערען פון דער וועלט...

און אָט דאָס ביסעלע בוימאייל האָט שוין אָבגעברענט צוויי טויזענד יאָהר!

אַך, ווי פיעל פינסטערע, שרעקליכע נעכט האָבען מיר איבערגעלעבט! דורך וואָס פאַר גרויסע טיעפע וועלדער זענען מיר דורכגעגאַנגען! ווי פיעל בייזע, גיפטיגע שלאַנגען זענען געקראָכען אַרום אונז, וויפיעל חיות־רעות האָבען מיר בעגעגענט אויף אונזער וועג! וויפיעל...

אוי־אוי, ווי דער זכרון אַרבייט! טויזענדער בילדער פליהען פאַר אוניערע אויגען — און אָט געה נאָר זאָג, ענטפער אויף דער שאלה: איז גוט אָדער שלעכט וואָס די נאַטור האָט אונז, יודען, געשענקט אַזאַ גוטען זכרון... האַ? ווי מיינט איהר, רבותים? גוט?

יאָ, מיינע ברידער און שוועסטער — מיין אָרעמעס, קראַנקעס, אונגליקליכעס פאָלק! לייען, לייען און חזר־איבער,

טויזענד מאָל די אָבגעברענטע, אָבגעבליאַקעוועטע, טייערע און הייליגע בלעטלעך, אויף וועלכע עס שטעהט פערשריעבען די געשיכטע פון מתתיהו כהן־גדול! גליקליך איז דער קעניג וואָס שטאַרבט מיט דער קרוין אויפ'ן קאָפּ.

ווי גרויס, ווי שען איז געווען אונזער וועג, וועלכען מיר האָבען אָנגעהויבען מיט משהרבינו און געענדיגט מיט יהודה המכבי! אָט דאָס הייסט — לעבען אַ קעניג און שטאַרבען אַ קעניג! קניעט פאַר די הייליגע קברים, אין וועלכע עס ליעגען אונזער גבורה און אונזער כבוד, אינזער רייכטהים און הערשאַפט, בוקט זיך צו די טייערע מצבות, קישט דעם שטויב פון דער הייליגער ערד, און אויפשטעהענדיג וויעדער אויף די פיס געהט ווייטער און ווייטער אין אונזער לאַנגען, שווערען וועג, פערגעסט נאָר ניט אויף דאָס ביסעלע בוימאייל... זוכט, זוכט אין אַלע ווינקעלעך פון אייער האַ־ץ, צינדט אָן יעדען טראָפּען פון דעם עכטען און ריינען גלויבען, וועלכער האָט געברענט און געשיינט אין אונזער פינסטערען לעבען! גלויבען און וויסענשאַפט, האָפנונג און ליעבע — אָט וואָס עס איז געווען אין דעם קלייניקען קריגעלע, וועלכער איז אונז געבליעבען נאָך דעם חורבן פון אונזער בית־המקדש...

אַך, גיעס־זשע זיך, גיעס זיך,
דו הייליגעס בוימאייל,
אין אונזער בעטריבטעס
פערוואונדעטעס הערץ
שטיל איין אונזער וועהטאָג,
צושטער אונזער צווייפעל,
פערטריב אונזער טרויער,
פערהייל אונזער שמערץ!

גיעב קראַפט אונז און האָפנונג —
מיר זאָלען דערלעבען
די זיסע, די ליעבע,
די ליכטיגע טעג,
עס זאָל שוין אויך אונזער
פערוואָגעלטעס שיפעל
בעפרייט זיין פון שטורם,
פון דונערען, בליצען
און קומען צו׳ם שטילען
און גליקליכען ברעג!...

אבריעוועל.
להקרעמער רב אבגד האדרעי.

ליעבער פריינד!

א דאַנק אייך פאַר אייער בריעוועל, אין וועלכען איהר טהוט מיר אָן אזא גרויסען כבוד פאַר מיינע אומעטיגע יודישע ליעדלעך. איהר ווייסט דאָך אז אויף דער נאַרישער וועלט זענען דאָ צוויי זאַכען, וואָס האָבען נאָך אַ שטיקעל ממשות ביי יודען: געלד און כבוד. אַ אָרימאַן דאַרף געלד און אַ גביר דאַרף כבוד. — מיר ביידע, ווי עס זעהט אויס, זענען ניט פון די גרויסע גבירים —, געלד וואָלטען מיר אַודאי ביידע בעדאַרפט, אלא וואָס? אז ניט געלד, טאָ זאָל חאָטש זיין כבוד.

איהר בעשרייבט, ווי שווער נעביך עס געהט אייך, קליינשטעדטילדיגע קרעמער. מיין ליעבער פריינד, אין קרעמעריי האָב איך אויך אַ שטיקעל ידיעה,

גיט מיר, ברודער, אייער האַנד
און הערט אויס מיין זמר.
זיין אַ קרעמער איז קיין שאַנד;
איך בין אויך אַ קרעמער.
אין מיין קרעמיל איז דאָ אַלץ,
וואָס מען דאַרף צום האַנדלען:
האָניג, צוקער, פעפער, זאַלץ,

ראָזינקעס און מאַנדלען...
נאָר פיעל מעהר כון אלערליי
סחורות רעקלאַמיר איך צוויי.
ווילט איהר וויס'ן — וואָסערע?

„יודען! — זייף!
יודען! — זייף,
כשר'ע!...
עס זאָל זיין
אייך א שיין
א נחמה'דיגע,
יודען, ליכט!
יודען, ליכט,
נר=נשמה'דיגע!"...

— — — — — — — — — —

געל די באַקען, גרוי דער קאָפּ...
כמה יאָהר שוין אז איך האָב
א געשעפט אזוינעס,
און דער אומגליק איז ניט מעהר
וואָס עז לייזט זיך זעהר שווער,
זעהר ווייניג קונים...

שריי און רוף זיי אָהן אָנ'עק,
ווער צוזעצט, ווער אויסגעצויגען...
פינסטער איז ארום — א שרעק,
חאַטש שטעך אויס די אויגען,

און דער עולם קריכט און קריכט
אין דער בלאָטע מיט'ן פנים,
און ניטא אויף זייף און ליכט
נאָר ניט קיין בעלנים...

— — — — — — — — — —

אָט אזוי געהט עס, ליעבער פריינד, אין מײן קרעמיל...

* * *

נאָר דאָס אַלץ איז דאָך, פערשטעהט איהר מיך, ווי מע זאָגט, נאָר מליצה. איך בין דאָך פאָרט נאָר אַ מחבר, און צווישען אַ מחבר און אַ קרעמער איז טאַקע אַ היבשער חילוק. ווי שווער נעביך עס זאָל איך ניט גיהן אַ גאַנץ יאָהר, קומט אָבער אַ ערב יום־טוב, ווען עס לייזט זיך דאָך פאָרט אַ ביסעל אין קרעמיל. הײנט ברית'ן, חתונה'ס, מארק־טעג, ובפרט אַז ער פאָהרט נאָך אויף אַ ירידיל אויך... בײ אינז אָבער, בײ יודישע מחברים, איז דאָס אַלץ גאָר ניטאָ: ערב יום־טוב קויפט מען קיין ליעדליך ניט, אויף ברית'ן און חתונה'ס אוודאי ניט, און ירידין... איך קאָן אייך זאָגען דאָס, וואָס עס דערצעהלט איינער מיינער אַ בעקאַנטער, אויך, ניט פאַר אייך געדאַכט, אַ יודישער מחבר:

„איך — זאָגט ער — בין אַ מחבר שוין אַ היבש ביסעל יאָהרען; שרייב און דרוק, דרוק און שרייב און שטאַרב דרײ מאָל אַ טאָג פאַר הונגער. אויף ירידין פאָהר איך ניט. נאָר אַ ירידעה אין דעם האָב איך. איך געדענק אַ יריד בײ יודען, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צוריק אַ יאָהר אַבצעהן: ס'איז גע־וואָרען אַ זידעריי, אַ קלאָפּעריי, אַ האַנדעל, יורעליך, זאָלען לעבען, האָבען זיך אַ יאָג געטהין אויפ'ן יריד פון אַלע זייטען... עס האָט געברענט, געפלאַקערט... טויזענדער יודישע נפשות זענען בדילי דל געוואָרען, פערלאָרען, ווי מען זאָגט, אי ממון, אי דמים, געזונד און לעבען, עטליכע אָבער האָבען יאָ אָבגע־

לעקט אַ ביינדיל, און טאַקע אַ פּעט ביינדיל, אַזאַ פּעטס, אַז נאָך עד היום ליעגט בײַ זיי די שמאַלץ אויף די ליפּען... און איך, שלים־מזל'דיגער יודישער מחבר, בין געבליבען די גאַנצע צייט דער אייגענער עני ואביון, וואָס גאָט זאָל אויסהיטען אייך מיט אַלע אייערע ליעבע... איך מיט מיין סחורה, פערשטעהט איהר מיך, טויג ניט פאַר יודישע יריד'ן... נאָר ניט דאָס בין איך אויסען. די נויט אַליין איז זייער אַ שווערע זאַך.

ניט דער דלות, וואָס אָהן שאַנד,
אָבגעריסען, אָבגעשליסען,
בלאָנדזשעט אויסגעשטרעקט די האַנד
נאָך אַ גראָשען, נאָך דעם ביסען —,

ביטער, שרעקליך איז די נויט
וואָס פון מיה און יאָך דעם שווערען
עסט אַנ'אייגען שטיקעל ברויט
נאָר בעשפּריצט מיט הייסע טרעהרען,

טראָגט אין ברוסט דעם שווערען שטיין
ביז דאָס הארץ וועט זיך צוגעהען —;
וויסען זאָל נור גאָט אַליין,
מענשען זאָלען דאָס ניט זעהען...

אָט די נויט איז שרעקליך גרויס:
אָהן אַנ'איינציגע נחמה,
מענשען אויף איהר קאַלטען שויס
ברענען, צאַנקען, געהען אויס
ווי אַ נר־נשמה...

„כל־זמן מען איז נאָך יונג, פיהלט מען ניט אַזוי דעם „שווערען שטיין", די ביטערע נויט. אַז עס געהט שוין אָבער

קרוב לארבעים און צוואנציג יאָהר, די בעסטע יאָהרען פון לעבען און ארבייט שטעהען שוין פון הינטען. און דו פיהלסט אז ווען ניט די ביטערע נויט, וואָס זייגט אוים דעם מאַרך פון די ביינער, וואָלסטו געאַרבייט פיעל מעהר און פיעל בעסער (דאָס איז דאָך נאָך פיעל וויכטיגער) — אָט דאָ, ליעבער פריינד, הויבט־אָן דער מחבר מקנא צו זיין דעם קלענסטען קליינשטעדטילדיגען קרעמער אפילו״...

* *

*

אָט אזוי, ליעבער פריינד, רעדט זיך אוים דאָס ביטער הארץ מיין בעקאַנטער מחבר. איך הער־אוים זיינע טענות, שאָקעל מיט׳ן קאָפּ, זיפץ איהם צו, ווי געוועהנליך, העלפען קאָן איך איהם טאַקע נור מיט אַ זיפץ, נאָר טרייסטען טרייסט איך איהם דאָך:

— ליעבער ברודער! — זאָג איך — איך געדענק נאָך יונגעל־ווייז האָב איך פון אַלע בעסטע מתנות אויף דער וועלט געגלוסט נור צוויי זאַכען: קאָנען לשון־הקודש אזוי ווי ישעיה־הנביא און עסען אזוי פיעל קאַנדעל־צוקער ווי אהרקע אלי־בערס דעם קרעמערס... אַי, ישעיה׳ס לשון־הקודש! אַי אלי־בערס קאַנדעל-צועער!... ווי זים האָבען מיר אויסגעוויזען אָט די צוויי זאַכען!... אין אַ יאָהר דרייסיג אַרום האָב איך זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן, אז די קינדערשע תאוה׳ס האָבען זיך ביי מיר ניט אינגאַנצען פערענדערט: ישעיה־הנביא איז מיר אויך איצט ליעב ווי דאָס לעבען און קאַנדעל־צוקער... ווילט זיך טאַקע אויך.

ד. ה. ניט ממש קאַנדעל־צוקער, נאָר אַ שטיקעלע זיס רוהיג לעבען אָהן עגמת־נפש, אָהן האַרצוועהטאָג, אָהן קלערעניש וועגען אַ שטיקעל ברויט אויף מאָרגען... אוי, דאָס קלערעניש! עס נעהמט דורך לייב און לעבען ווי אַ פּראָסט, פון וועלכען עס ווערען פערפרוירען די בעסטע געדאַנקען, פערגליווערט די טיעפסטע געפיהלען, און אַפילו די טרעהרען פערלירען זייער היץ און ריינקייט — ביטער בלייבען זיי יאָ און שטעכען די אויגען, אָבער זיי ווערען קאַלט און געהען ניט אַריין אַזוי טיעף אין האַרצען און מאַכען ניט דאָס פרעמדע האַרץ ווייכער און וואַרימער... ליעבער ברודער! דו זעהסט, אַז איך פערשטעה גאַנץ גוט ווי שווער נעביך און ביטער דיר איז, נאָר וואָס זאָל מען טהון? כי לכך נוצרת, וואָרום אויף דעם ביסטו דאָך — זאָג איך — בעשאַפען געוואָרען אַ מחבר, דערפאַר אָבער האָסטו כבוד: מע לייענט דיינע ביכלעך און מע לויבט דיך; יונגע לייט, וואָס האָבען ניט וואָס צו טהון און שרייבען מעשה'לעך מיט גראַמען, ווענדען זיך צו דיר און פרעגען עצות. אַז דו וועסט דער־לעבען דיין פינף־און־צוואַנציג־יאָהריגען יובילעאום, וועט מען דיר אונטערטראָגען אַ שענעם אַדרעס מיט אַ טינטער. דער טינטער וועט זיין אַ ליידיגער אַפילו, און טינט וועסטו מוזען קויפען פאַר אייגענע עטליכע גראָשען. דערפאַר אָבער כבוד, ברודער, כבוד!... היינט ווער שמועסט איבער הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר אויף דיין לויה! — גאַנץ חברה־קדישא, אַלע משכילים פון דער שטאָדט, תלמוד־תורה־ניקעס, דער ראַבינער... אַ הספד, אַ פּאַראַד!... קהל'שע תכריכים, אַ אָרט צווישען די שענסטע בעלי בתים און אַ מצבה מיט אַ גאַנצען „מזרח" אויף איהר — אַ קאַרטינע!...

ניין, ברודער־לעב, ניט זיפץ, ניט וויין,
זיי רוהיג און צופריעדען:
עס לעבט זיך שווער, — דערפאר ווי שעהן
און פיין בעגראבען יודען!...

— — — — — — — —

אָט אזוי, ליעבער רב אבנד, טרייסט איך דעם אומ־גליקליכען יודישען מחבר. ווי איהר זעהט, איז פאר אונז דאָס איינציגע אויף דער נארישער וועלט — כבוד. און דער־פאר דאנק איך אייך טאקע פאר אייערע גיטע ווערטער איבער מיר און מיינע „ליעדעלעך“. גאָט זאָל אייך געבען געזונד און פרנסה.

משיח'ס צייטען.

די לעצטע קאפּיקע.

(אַ באָבע־מעשה).

I.

אין אַ געוויסען שטעדטיל מיט'ן נאָמען שמוינעוקע, דאָרט וואו אַמאָל האָט געוואָהנט ר' לייבעלע פּעלצעל זכרונו לברכה און וואו פון דעמאָלט אָן געהט ניט דורך אַ יאָהר אַז עס זאָלען ניט געבוירען ווערען אַ זעקס־זיעבען צווילינגס, — אין דעם דאָזיגען בעריהמטען שטעדטיל האָט זיך געטראָפען אַ געשיכטע, וואָס ס'איז כדאי צו דערצעהלען.

אַמאָל, אין אַ ליכטיגען שעהנעם פריה־מאָרגען, איז מען געוואָר געוואָרען, אַז אין גאַנץ שטעדטיל איז ניט געבליבען אפילו אַנ'איינציגע מזומנע קאָפּיקע.

אין פלוג איז דאָס גאָר אַ ווילדע זאַך, וואָרום ווי געשיקט זיך, אַז עס זאָל ביי יודען ניט בלייבען אפילו אַ קאָפּיקע?

אמת, עס טרעפט זיך, אַז כמעט ביי אַ האַלבער שטאָדט יודען געפינט זיך ניט נאָר אַ מזומנע קאָפּיקע, אפילו קיין צו־בראָכענער גראָשען ניט אָן ס'איז ניטאָ ניט קיין מעהל אויף ח"ה, ניט אַ בינטעל שטרוי אויף הייצונג, ניט אַ שטיקעל העמד אויפ'ן לייב און דערביי טאַקע איז דאָ אַ בעל־טאַקסע מיט גע־

בראָטענע קישקעס, אַ ראַבינער, וואָס עסט יעדען טאָג ראַקעס און טרינקט קאַווע מיט סעהערלעך, היינט וואו איז, איך בעט אייך, אַ דאָקטאָר מיט אַ טרפה קיך, אַנ'אַפּטייקער מיט אַ גע-גאָלטער מאָרדע, אַ פּאָדוואָלינע, וואָס שפּיעלט שבת אין קאָרטען און אַ יוד אַ חלפן, וואָס חאַפּט איהם אָן, ווייסט ער וויפיעל פּערענעס, קישען און לייכטער זענען פאַרהאַן אין שטעדטיל, — אָט די אַלע, מישטיינס געזאָגט, כּלי-קודש, אָהן וועלכע עס קאָן קיין קיום ניט האָבען דאָס קלענסטע יודישע שטעדטיל אויף דער וועלט?...

נאָר ווי די מעשה איז, קומען אָבער פּאָר אויף דער וועלט זאַכען וואָס גאָר שלא כּדרך הטבע. בכן דערצעהל איך אייך, האָט זיך געטראָפען אין שמוינעוועקע, אַז זוך פון היינט ביז מאָרגען וואָלט זיך ניט געפינען לא עליכם אַ יוד, וואָס ביי איהם איז געבליבען אַפילו אַנ'איינציגע קאָפּיקע, ממש, ווי מען זאָגט, חאָטש צאָהל אַ רענדעל פּאָר אַ קאָפּיקע.

אַז דאָס האָט דערוואוסט דער רב, האָט ער ראשית-דבר געוואַשען די הענד און געמאַכט שהחינו און דערנאָך געשיקט לאָזען בעטען צו זיך די גרעסטע בעלי-בתּים אויף איין אסיפה.

דער שמש איז אַרומגעלאָפען ווי אַ פּער'סמ'טער אין אַלע גאַסען, און טאַקע באַלד נאָך מעריב איז דער עולם זיך צונויפ-געגאַנגען ביים רב.

דער רב האָט גענומען אַ ברייטען שמעק-טאַבאַק, אויס-געהוסט זיך און געזאָגט בזה הלשון:

„— רבּותים! צו דעם בורא-עולם קאָן מען קיין טענות ניט

האָבען; אודאי איז ער גערעכט און זיין משפט איז רעכט, און אַ יוד איז מחויב אַלץ אָננעהמען פאַר ליעב; וואָרום בעוֹנוֹתינוּ הרבים זענען מיר אודאי ניט ווערטה אפילו אַ טויזענד־חלק פון זיין גענאָד און לייטזעליגקייט, וואָס ער טהוט מיט אונז, בכן איז דער שכל מחיב אַז דאָס וואָס גאָט ברוך הוא טהוט מיט אונז איז לגמרי נאָר פאַר זכות אָבות. — וּבפרט, רבוֹתים, ביאַת־המשיח, וואָס דאָס איז די גרעסטע זאַך אויף דער וועלט און אויף וואָס יודען וואַרטען שוין טויזענדער יאָהרען. ווי, זאָגט מיר, גענשיקט זיך, אַז מיר, איך בעט אייך מחילה, מיט אונזערע מעשים־טובים, אונזער פרומקייט און אונזער יודישקייט זאָלען האָבען דעם זכות צו מקרב זיין די גאולה?... נאָר אויף גאָט פרעגט מען קיין קשיות ניט. די גמרא זאָגט: אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס... יודען! גיט אָב אַ שבח צו זיין ליעבען נאָמען: אין גאַנץ שמוינעווקע איז ניט געבליעבען קיין איינציגע קאָפּיקע. איז בכן גרייט זיך, יודען צו „ביאַת המשיח!"...

עטליכע מינוט איז דער עולם געזעסען ווי אַ פערטומעלטער. ביאַת־המשיח!... עפּעס אַ קלייניגקייט צו זאָגען — גרייט זיך צו ביאַת־המשיח... אמת, וואָסער יוד איז ניט מוכן וּמזוּמן יעדען טאָג, אַז אָט ווערט זיך דערהערען דער קול פון שופר, די לאַנגע תקיעה־גדולה, וואָס וועט געהן פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען, און אויף דעם באַרג זיתים וועט זיך בעווייזען דער גואל־צדק רייטענדיג אויפ'ן ווייסען פערד... אָבער גלאַט אַזוי זאָגען מיט אַמאָל: גרייט זיך, משיח געהט!!...

— רבי — האָט זיך צולעצט אָנגערופען איינער פון די

בעלי־בתים — איז הייכט עס פאלעסטינא, מיט די חובבי־ציון הייסט עס און מיט די קאלאניעס...

נאר דא האט זיך אויפגעהויבען מנשה־מענדעל דער פא־דריאדטשיק, האט ארויסגעשלעפט פון בוזים־קעשענע א גראב פעקעל פאפירען, איבערגעבונדען מיט א בלאען וואלענעם פארעם, א פאטש געטהון אין טיש און געזאגט:

— רבותים! ווארט אויף א ווײלע... איך האב אקוראט היינט צונויפגעפיהרט דעם חשבון פון דער פאסטרויקע, איך מיין פונ׳ם מרחץ מיין איך, און האב טאקע בדעה געהאט צו בעטען דעם רב זאל לעבען מאכען אנ׳אסיפה, כדי...

— הא?, וואס? — האבען זיך דערהערט קולות פון אלע זייטען: וואס חשבון?... ווער חשבון?... וואס וויל ער איצט מיט זיינע חשבונות?...

— שאט, רבותים, שאט! — האט זיך דא דערהערט דעם רב׳ס קול: א נותר... שאט, רבותים, א נותר...

— א נותר?!?!

אין איין רגע זענען אלע, ווי מען זאגט, פערשטומט געווארען.

— זאגט, רב מנשה־מענדעל — האט זיך דער רב גע־ווענדעט צו׳ם פאדריאדטשיק: זאגט, וואס האט איהר געוואלט מודיע זיין דעם עולם?

— איך האב געוואלט זאגען, יודען, אז כפי דעם חשבון,

כפי דעם סך־הכל מיין איך, איז דאָ אַנ׳אָסטאַטאָק פון דער פאָסטרויקע, איך מיין פונ׳ם מרחץ מיין איך, איז לעת־עתה גע־בליבען ביי מיר קהל׳שע געלד...

— וויפיעל?... וויפיעל?

— אַ קאָפּיקע.

און מנשה־מענדעל האָט טאַפּענדיג אַרויסגענומען פון צווישען די צעטלעך אַ פּאַקעטיקעל פון אַ שטיקעל פּאַפּיער, צע־וויקעלט עס און אַרויסגעלעגט אויפ׳ן טיש אַ קאָפּיקע.

אַ מינוט פינף האָט געדויערט אין אַ טיעפען שטיל־שוויי־געניש איבער׳ן גאַנצען צימער, וואו ס׳איז געזעסען די אסיפה, די נאָהענטערע האָבען געקוקט אויף די קאָפּיקע עפּעס ווי צו־מישטע, יונגע לייט האָבען אויסגעצויגען די קעפּ צו דערזעהן חאָטש פון ווייטענס די קאָפּיקע, גלייך ווי זיי וואָלטען נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַ צורת מטבע אין די אויגען.

צולעצט האָט זיך ווידער אָנגערופען דער רב און געזאָגט:

— אַ נותר, זאָגט איהר, רב מנשה־מענדעל? אַוודאי זענט איהר גערעכט, אַ נותר איז אַ נותר, נאָר אפשר האָט איהר זיך טועה געווען, רב מנשה־מענדעל? אין אַ חשבון מאַכט זיך אַמאָל פּערשטעהט איהר מיך, אַ טעות...

— אַ טעות! אַ טעות! אַוודאי אַ טעות!! — האָבען זיך דערהערט קולות פון אַלע זייטען, — נאַט אייך אין מיטען דרינען אַנ׳אָסטאַטאָק! ביים פּאַדריאַדטשיק אַנ׳אָסטאַטאָק!...

— ס'איז בנאמנות אַ קומעדיע מיט יודען! — האָט זיך צובייזערט מנשה־מענדעל: פשוט אַנ'אַקט, ווי איך בין אַ יוד!... פאַר אַ יאָהרען ביי'ם חשבון, ווען איך האָב מודיע געווען, אַז עס פעהלט געלד צו דער פּאָסטרויקע, האָט דער עולם גערליאַ־רעמט: „ס'אַ ליגען, ס'אַ ליגען, ס'מוז נאָך זיין אַנ'אָסטאַטאָק לכל-הפחות ק"ן רובל"... וואָס? אפשר ניט אמת? און איצט, אַז איך זאָג אַליין, ס'איז דאָ אַ נותר און לעג איהם אַרוים אַ מזומנ'עם, איז נאַט אייך אקוראט קאַפּויר...

— רב מנשה־מענדעל — האָט זידראָ אַריינגעמישט דער רב: איך בעט אייך טויזענד מאָל מחילה... מילא וואָס, יונגע לייט, נאַרען, זיי פערשטעהען אַליין ניט וואָס זיי ריידען... עט, נעהמט זיך ניט צו'ם האַרצען... דער עיקר איז דאָ ניט דער חשבון — די קאָפּיקע איז דער עיקר, וואָרום איהר פערשטעהט...

און דאָ האָט זיך דער רב ווידער געווענדט צו דער אסיפה:

— רבותים, — האָט ער געזאָגט — בעונותינו הרבים איז, ווי עס זעהט אויס, נאָך ניט געקומען די צייט, אַז מיר יודען, זאָלען דערלייזט ווערען. משיח קען נאָך ניט קומען, ווייל דאָס וואָס די גמרא זאָגט איז ביי אונז ניט מקוים געוואָרען, — ביי קהל, ווי איהר זעהט, איז נאָך דאָ געלד...

— רבי — האָט זיך אָנגערופען איינער פון די בעלי־בתים, אַ יוד אַ חכם, אין די פריהערדיגע יאָהרען דער ערשטער בעל־עצה אין אַלע קהל'שע זאַכען: רבי, האָט ער געזאָגט, מילא, דאַרף מען בעקלערען דעם ענין און געבען זיך אַנ'עצה.

— אדרבא — האָט געענטפערט דער רב — זאָגט איהר, רבֿ קלמן, וואָס זאָל מען טהון?

רבֿ קלמן איז געזעסען פערטראַכט אַ פּאָר מינוט און צו־לעצט האָט ער אַזוי געזאָגט:

רבי, איך מיין, אַז די קאָפּיקע זאָל מען אַריינוואַרפען אין טייך.

— אין טייך — האָט זיך דערהערט צווישען די יונגע לייט — איהר הערט, ער זאָגט: אַריינוואַרפען אין טייך...

— שאַ! שאַ!! האָט אייסגערופען דער רב — שווייגט, יונגע לייט, לאָזט ריידען... מ־מ־מע... און וואָס מיינט איהר וועגען דעם, רבֿ־שלמה, רבֿ אַברם־בער, רבֿ־מרדכי...

רבֿ שלמה, אַ ייד אַ למדן, האָט פערנומען אין האַנד די באָרד, אַ הוסט געטהון און געזאָגט:

— אין טייך? ניין, אין טייך ניט. וואָרום ראשית, איז דאָס פשוט עובר זיין אויף בל־תשחית, און צווייטענס, איז דאָס גלאַט קיין פּלאַן ניט: די קאָפּיקע קאָן איינשלינגען אַ העכט און ווער ניט איז פון אונז זאָל אַקוראַט דעם העכט אָדער אליין חאַפּען, אָדער קויפען און ווידער טאַקע בעקומען די אייגענע קאָפּיקע. אלא וואָס? מיר זענען ניט קיין פישער און קויפען וועלען מיר אויך ניט, וואָרום ס'איז קיין געלד ניטאָ. אמת. נאָר פאַר גאָט איז דאָך אָבער ניטאָ קיין אונמעגליכקייט... בכן איז מיין עצה: היות, אַזוי ווי פטור צו ווערען פון די קאָפּיקע דאַרף מען כדי צו מקרב זיין די גאולה, איז די עבירה פון בעל־תשחית שוין

ניט אזוי גרוים און אזוי ווי אין טייך ווארפען איז קיין פלאַן ניט, זאָל מען די קאָפּיקע בעסער אריינוואַרפען אין מקוה. אין מקוה חאַפּט מען קיין פיש ניט און חוץ דעם איז דאָרט אויפ'ן גרונד אַזאַ טיעפע אין געדיכטע בלאָטע, אַז די קאָפּיקע וועט אין איהר איינגעזונקען ווערען אויף אייביג.

— יאָ, יאָ! אָט דאָס איז טאַקע אַ פּלאַן — האָבען זיך דערהערט קולות אַרום.

— ניין, ליעבע יודען, דאָס איז גאָר קיין פּלאַן ניט! — האָט זיך אָנגערופען רב מרדכי יאַנעווער, אַ יוד אַ משכיל, שוין אַ יאָהר פופצעהן בליוסטיטעל אין דער תלמוד־תורה: דאָס איז קיין פּלאַן ניט — נעהמען קהל'שע געלד און וואַרפען אין בלאָטע. בעסער אָט וואָס: שוין אַ יאָהר צעהן אַז אין תלמוד־תורה קאַפּעט דורך דער סטעליע ווייל אין דאַך זענען עטליכע לעכער. איז וואָלט זיין אַ יושר, אַז די קאָפּיקע זאָל מען אַסיגנירען אויף רע־מאָנט אין דער תלמוד־תורה. ווי מיינט איהר, הערר גלאָזמאַן?

רב שלמה גלאָזמאַן, דער קאַזנאַטשיי פון דער גרויסער שוהל אין שמוינעווקע, האָט זיך אַ גלעט געטהון דאָס סיווע בערדעל און געזאָגט:

— אַוודאי, רב מרדכי, זענט איהר גערעכט. די תלמוד־תורה דאַרף טאַקע רעמאָנט און ס'וואָלט טאַקע בפירוש זיין אַ יושר... נאָר ניט איצט. וואָרום אַז באַלד משיח וועט קומען, וועלען מיר דאָך מעהר ניט דאַרפען דאָ קיין תלמוד־תורה. אמת טאַקע, מ'וועט ניט דאַרפען קיין בתי־מדרשים און קיין שוהלען אויך ניט. נאָר צווישען אַ תלמוד־תורה און אַ בית־מדרש איז

אַ גרויסער חילוק: אַ תלמוד־תורה איז דאָך ניט מעהר ווי אַני־אוטשילישטשע, אַ שקאָלע, נאָר אויפ'ן יודישען אַרט, אַ שוהל אָבער, אַ בית־מדרש איז אַ מקום קדוש. אין תלמוד־תורה. זאָגט איהר, קאַפּעט דורך דער סטעליע. נו, און אין שוהל ביי אונז קאַפּעט דען ניט? ביי אייך איז אין דאָך דריי לעבער און ביי אונז אין שוהל איז דרייצעהן. מיר וועלען טאַקע, אַז אם ירצה־השם משיח וועט קומען, ניט מיטנעהמען מיט זיך ניט די תלמוד־תורה, ניט די שוהל. אָבער איבערלאָזען דאָ אַ שוהל, אַ מקום קדוש, מיט לעבער — איז אַ חילול־השם, בכן איז מיין עצה, אַז די קאָפּיקע זאָל מען אַסיגנירען אויף רעמאָנט אין אונזער שוהל— עס זאָל חס־ושלום קיין חילול השם ניט זיין...

— חילול־השם זאָגט איהר? — האָט זיך דאָ אַרויסגע־חאַפּט מיט אַ קוויטש רב גרשון טשוואַק, דער גבאי פון חברה קדישא: חילול־השם, רב שמואל? ניין, לאָזט מיך ריידען... אַ שוהל איז אודאי אַ מקום־קדוש און איז פיעל גרעסער פון אַ תלמוד־תורה. נו, און אַ בית־עלמן? האַ? דער רב זאָגט: משיח וועט קומען. גוט. וועלען מיר אַרויסנעהמען פון שוהל די ספרי־תורה'ס, די מנורה פון עמוד, די הענגלייכטער, די פּרוכת'ן, דעם כיור, אפילו אַלע שמות פון אונטער דער בימה אויסראַמען, איז בלייבען נאָר פיער וועגד מיט אַ פּאַקרישקע; דער בית־עלמן אָבער מיט די קברים און מיט די מצבה'ס וועט דאָך בלייבען דאָ אין גאַנצען, היינט זאָגט, רבותים, אַז אַט איז שוין צוואַנציג יאָהר אַז דער בית־עלמן שטעהט כמעט גאָר אָהן אַ פּאַרקאַן און חזירים, בהמות און פערד געהען זיך אַרום צווישען די מצבה'ס און פערגאַדיען די קברים, איז דאָס ניט אַ חילול־השם? און וואָלט דען ניט זיין אַ יושר, אַז מען זאָל די קאָפּיקע אָוועקגעבען אויף

אַ פּאַרקאַן צו׳ם בית־עלמן, דער בית־עלמן איז בּילכער פון אַ שוהל, און חוץ דעם האָבּען אונזערע בּתי־מדרשים דאַחאַד מעהר פונ׳ם בּית־עלמן...

— דאַחאַד — זאָגט איהר? — דאַחאַד?! — האָט זיך אויפגעחאַפּט גלאָזמאַן: ווי הייסט? מיר גיבּען דען ניט אָבּ חשבּון פון יעדער קאָפּיקע?

— און פון ראַסחאָד אויף תּיקון אויך? — האָט זיך דאָ דערהערט מיט אַ געלעכטעריל פון צווישען דער יונגער חברה.

— האַ, וואָס? אויף תּיקון? — האָט זיך צושריגען גלאָזמאַן: און חברה-קדישא, די שיכּורים, די פּיאַניצעס! פון זיי נעהמט איהר דען אָבּ ווען ניט איז אָטשאָט?...

— הערר גלאָזמאַן! איך בּעט אייך איינהאַלטען אַ בּיסעל די צונג! — האָט אַ קווימש געטהון רב גרשון טשוואָק, — בּעסער זאַטשעפּעט זיך ניט, וואָרום...

— רבּותים! רבּותים! — האָט זיך אַ חאַפּ געטהון דער רב — איך בּעט אייך... געוואַלד, בּעלי־בּתּים... יודען. . .
. . . .
. . . .

II.

אין דעם זעלבּיגען אָוועגד בּשעת בּיי׳ם שמוינעוועקער רב איז געזעסען די אסיפה, איז געקומען צו משיח׳ן אַ שליח מן־השמים און האָט איהם געגעבּען צו וויסען, אַז אזוי און אזוי:

אין אַ שטעדטיל מיט'ן נאָמען שמוינעוּוקע איז ביי יודען ניט געבליבען קיין איינציגע קאָפּיקע. איין קאָפּיקע אַ קהל'שע איז אפילו נאָך דאָ, נאָר דאָרט זיצט ביים רב אַנ'אסיפה און מען וועט זיך שוין בודאי אַנ'עצה געבען, וואָס צו טהון מיט דער קאָפּיקע, — יודען זאָלען לעבען מאַכען אַ תל פון קהל'שע הונ־דערטער און טויזענדער, וועט איבער אַ קאָפּיקע שוין מן־הסתם קיין עיכּוב ניט זיין, — בכן מוז דאָך מקוים ווערען וואָס די גמרא זאָגט וועגען ביאת־המשיח.

— קיין איינציגע קאָפּיקע? — האָט זיך אָנגערופען פער־וואונדערט משיח, — היתכן? ווי געשיקט זיך, אַז ביי יודען זאָל ניט בלייבען אפילו אַ קאָפּיקע? ובפרט ביי היינטיגע יודען וואָס פאַר אַ קאָפּיקע זענען זיי גרייט אויסרייסען איינער ביי'ם אַנדערן באָרד און פּאות און פאַר אַ רובל פערקויפען אַנ אייגענעם טאַטען... בלייבט דאָך די קשיא, ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט פּאַסירען, אַז אַ גאַנצע קהילה קדושה זאָל אַזוי פעראָרימט ווערען? נאָר פאַר דעם בורא־עולם איז דאָך ניטאָ קיין אונמעגליכקייט און וואָס די גמרא זאָגט מוז דאָך מקוים ווערען, -- בכן דאַרף מען פאָהרען.

משיח האָט געהייסען אַרויספיהרען פון שטאַל דאָס ווייסע עזעל און צוגרייטען דעם שופר.

דאָס עזעל, וואָס איז אָבגעשטאַנען אין שטאַל כּמה הונ־דערט יאָהרען, איז געווען בעדעקט מיט שמוץ און מיט שטויב, אַזוי אַז מען האָט איהם קיים אָבגעוואַשען און אָבגעפּוצט. דער שופר איז אויך פערשטויבט געווען און מען האָט איהם אַ גאַנ־צע שעה געדאַרפט ווייקען אין עסיג. און גאַנץ נאַטירליך:

זעהענדיג אין הערענדיג אַלץ וואָס טהוט זיך בײַ יודען האָט משיח גאָר ניט געקאָנט קלערען, אז ער זאָל אין גיכען דאַרפען פאָהרען צו דערלייזען דאָס פאָלק ישראל. מילא, עס זאָל ניט בלייבען בײַ יודען אַפילו אַ קאָפּיקע פון דעם איז דאָך ניט געוועזן וואָס צו קלערען, חוץ דעם, ווי איהר געדענקט דאָך, ברייננגט די גמרא נאָך אַ סימן אויף משיח'ס צייטען: דור שכולו זכאי או שכולו חיב. — מילא פון צדיקים איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידען: שענע צדיקים מישטיינס געזאָגט זענען איצט דאָ בײַ יודען... בלייבט דער בטחון אויף כולו חיב; ס'הייסט: אַז אַלע זאָלען ווערען רשעים, אפיקורסים, נאָר זאָגט מיר, איך בעט אַייך, קאָנט איהר היינטיגע אפיקורסים? ווייסט דען אַ היינ־טיגער יוד, וואָס הייסט זיין אַנ'אפיקורס? אַמאָל, זעהט איהר, פאַרצייטען, זענען געוועזן אַפיקורסים טאַקע וואָס אַפיקורסים הייסט. אַ פאַרצייטיגער אפיקורס פלעגט כמה יאָהרען לערנען זיך צו זיין אַנ'אַפיקורס. לכתחילה איז דאָס געוועזן אַ יונגער מאַן מיט אַ גוט, שאַרף קעפּעל צו'ם לערנען, פלעגט בחור־וויז זיצען אין קלויז און דערנאָך בײַ שווער און שוויגער אויף קעסט און לערנען — די פרויען־פראַגע פון מסכת יבמות; אַרחיטעקטור פון מסכת עירובין; פראַוואָזשיטעלסטוואָ פון גושן מיט די ערי מקלט —, בכלל לערנען, לערנען און לערנען. — דערנאָך פלעגט צו איהם אַריינפאַלען אַ השכלה־ביכעל, אַ טרייף־פּסול מיט קורצע אָדער מיט לאַנגע שורה'לעך; דערנאָך פלעגט דער שוואַרץ־יאָהר ברייננגען אַ לעהרער פון קאַזיאָנע אוטשילישטשע, אַ גימנאַזיסט, אַ בלאַט „הלבנון“, אַ ביכעל „השחר“, די שפּעטערע יאָהרען — אַ נומער „המליץ“, „הצפירה“; איינס מיט'ן אנדערן, בײַ'ם יונגענמאַנטשיג פלעגט ווערען אין קאָפּ אַ רעש, אַ מהומה,

אַ פֿינסטערניש, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, ווי בשעת ליקוי־חמה, און ביסלעכווײַז פֿלעגט זיך אויסבילדען פֿון דעם געוועזענעם ייִדענעם יונגענמאַן אַ פֿאַרמענער אַפּיקורס מיט אַלע שמד׳שטיק, מיט ווילדע קשיות, מיט פֿינסטערע פּירושים׳לעך, למשל מיט אַזאַ טײַטש אויף „לא תבערו״ אַז עס פֿלעגט אויסקומען, אַז רויכען אום שבת איז כמעט אַ מצוה... אַט מיט אַזאַ אַפּיקורס פֿלעגען זיך מלאָכים ראַנגלען און איהם ניט בײַקומען; אַזאַ אַפּיקורס פֿלעגט דעם מלאך־המות אַליין שטעלען אַ פֿײַג און שטאַרבען אַ מיתה־משונה טאַקע אָהן תשובה און אָהן וידוי. זעהט איהר, ווען עס זאָל ווערען אַ גאַנצער דור אַ ז ע ל כ ע אַפּיקורסים, וואָלט שוין משיח קיין ברירה ניט געהאַט און וואָלט געמוזט קימען. וואָס אָבער זעהט מען בײַ איצטיגע אַפּיקורסים?— יודען פֿאָהרען און רויכען אום שבת — פֿאַסטען ניט אַפֿילו יום־כפור, עסען טרפֿות. פּרובט־זשע פֿרעגט אַזאַ אַפּיקורס.

— פֿאַר וואָס רויכסט דו אום שבת?

— ווײַל איך וויל רויכען, — וועט ער אײַך ענטפֿערן.

— למאי פֿאָהרסט דו?

— ווײַל איך וויל ניט געהן צופֿוס.

— למאי פֿאַסט דו ניט יום־כפור?

— ווײַל איך וויל עסען.

קורץ און גוט, אָהן פּירושים; וואָרום חאַפּט איהם אָן, קאָן ער אַפֿילו קיין עברי ניט און האָט שוין א״ב פֿערגעסען. אַט דאָס קאַלטבלוטיגקייט צו גאָט, צו דער אמונה, צו דעם חוב

וואָס ליעגט אויף יעדען מענשען צו גלויבען — און וואָס ניט איז פאַר אַ גאָט, אָבער דאָך גלויבען טיעף און ערנסט — אָט פון וואָס בעשטעהט אַ היינטיגער אַפּיקורס. אַ פאַרצייטיגער אַפּיקורס פלעגט עסען טרפות לשם השכלה, טראָגען אַ קורצען ראָק לשם השכלה, לייענען אַ בלאַט צייטונג לשם השכלה; און אַז אין פעטערבורג איז געוואָרען אַ חברה „מפיצי השכלה״ פלעגט ער די לעצטע צעהן רובל אוועקשיקען אַהין אַ נדבה און צונויפקלויבען ביי אַנדערע וויפיעל נאָר ס'איז מעגליך געווען נדבות פאַר דער חברה. און אַ איצטיגער אַפּיקורס? איבעראַל איז דאָס אַ גראָבער יונג, וואָס האָט אפילו ניט געהערט פון דעם וואָרט השכלה און אויב דאָס איז אַ מענש אַ געבילדעטער מיט אַ דיפלאָם — איז וואָס טהוט ער? זענענדיג אַ סטודענט נעהמט ער אַליין נדבות, לערענט, עסט און טרינקט אויף דער חברה'ס חשבון און דערנאָך, ווערענדיג אַנ'אַדוואָקאַט, אַ דאָקטאָר, אַ אינזשענער און פער־דיענענדיג הונדערטער און טויזענדער, דערמאָהנט ער זיך אַפילו ניט אויף דעם ברויט און זאַלץ, מיט וועלכע עס האָט איהם געהאָדעוועט די השכלה, און אַז מען דערמאָהנט איהם, מאַכט ער זיך תמ'עוואַטע, און אַז אין צעהן יאָהר אַרום דערמאָהנט מען איהם אַז ביי דער חברה זענען נאָך גאַנץ זיינע ראָספּיסקעס, ענטפערט ער, אַז צעהן יאָהר איז אַ זעמסקע דאַוונאָסט און די ראָספּיסקעס זענען שוין בטל געוואָרען און געהט לאָדט איהם צום ונתנה תוקף...

אָט דאָס, זעהט איהר, איז שוין אַזאַ מיני אַפּיקורסים וואָס אַפילו די שדים אין גיהנם וועט נמאס ומאוס זיין צו פּאַטשקען זיך מיט זיי, און פאַר משיח'ן טויגען זיי בודאי אויף כפּרות...

בלייבט בבן די ערשטע פרימעטאַ אויף משיח'ס צייטען. שתכלה פרוטה מן הכּים — עס זאָל ניט בלייבען אַ קאָפּיקע אין קעשענע: אוים געלד, אוים יודישע גבירים, יודישע בעלי־נדבות, וועלכע גאָט אַליין נעביך דאַרף צאָהלען וואָכער מיט פּראָצענט פון פעטע עליות, שטעדט ביים מזרח־וואַנד, אַתּה־הראת'ס, ערשטע הקפות, ליאַרעמדיגע מי־שבּרך'ס און הייסע, פריש־צאַפּעלדיגע אל מלא רחמים'ס מיט אַ הספד פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער... אוים כּבוד, אוים יחוס, אוים געלד און אוים בלוט... און הערט, איך בעט אייך, דאָס איז שוין טאַקע מקוים געוואָרען אויף דער וועלט, און וואו? אין שמוינעוועקע. . . . .
. . . .

III.

שנעל ווי אַנ'אָדלער איז געפלויגקן רייטענדיג אויפ'ן שענעם ווייסען עזעל דער גואל־צדק. וואַלד־אוים, וואַלד־איין האָט זיך געצויגען דער לאַנגער, לאַנגער וועג, און זיס ווי די שטימע פון אַ פידעל האָט געקלונגען משיח'ס קול מיט די ווערטער פון דעם ליעבען קאַפּיטעל „בּשוב ה' את שיבת ציון“

— שיר המעלות —

האָט געזונגען משיח:

אז גאָט וועט אומקעהרען דאָס געפאַנגענעש
פון ציון, וועלען מיר זיין ווי אין חלום;
דעמאָלט וועלען אונזערע לעפצען זיין פול מיט

פרייד און אונזער צונג — מיט געזאנג;
דעמאָלט וועט מען זאָגען צווישען די פעלקער:
גרויסע וואונדער האָט גאָט געטהון מיט זיי!
גרויסע וואונדער האָט גאָט געטהון מיט אונז
און מיר וועלען זיך פרעהען:
קעהר־אום, גאָט, אונזערע געפאנגענע, אזוי
ווי שטראָמען אין דרום־זייט;
די, וועלכע האָבען געזייהט מיט טרעהרען,
וועלען שניידען מיט פרייד;
דער, וואָס האָט וויינענדיג געטראָגען די
קערנער, וועט זיך אומקעהרען מיט געזאנג
טראָגענדיג די גארבען.

הויך און פריי, זיעס און ליעב האָט זיך נעגאָסען משיח'ס קול איבער די בערג און טהאָלען, וועלדער און פעלדער, טייכען און אָבגרונדען... מיט פורכט און מיט פרייד האָבען זיך גע־צויגען צו איהם

דער הימעל, די שטערען,
דער בארג און דער טהאָל,
צו פיהלען, צו הערען
זיין געטליכען קול...

וואלד־אויס, וואלד־איין האָט זיך געצויגען דער גרויסער לאַנגער וועג, און וואָס ווייטער איז אַלץ ליכטיגער און ליכטיגער געוואָרען משיח'ס פנים ביז ער איז געקומען אין שמוינעווקע...

און בשעת ער איז אריינגעפאָהרען אין שמוינעווקע, האָט זיך שוין דאָרט די אסיפה געענדיגט און טאקע אזוי ווי עס דארף

צו זיין: יודען האָבען געריסען איינער ביי׳ם אַנדערן באָרד און פאות, פייערדיגע קלעפּ, געבראָטענע פעטש, קללות און חרמות האָבען זיך געשאָטען ווי באָב...

איינער האָט געשריען: „איוף דער תלמוד־תורה!“

דער אַנדערער: — „איוף דער שוהל!“...

דער דריטער: — „אויפ׳ן בית־עלמן!“...

דער פיערטער, דער פינפטער האָבען אונטערגעהאָלפען דעם ערשטען און דעם צווייטען... און העכער פון אַלע קולות יענען געגאַנגען אַ געשריי פון ווייבער און אַ ביטערער געוויין פון קליינע קינדער... די גאַס איז געגאַנגען חאָדאָראָם און די ערד האָט געציטערט . . . .

. . . .

„— ניין — האָט געזאָגט משיח — איך בין געקומען צו פריה“...

ער האָט אומגעקעהרט דאָס עזעל און איז אוועק צוריק...

אין חלום.

א באבע־מעשה פון משיח'ס צייטען.

I.

נאך מלוה־מלכה.

שבת־צו־נאכט'ס אין א שטעדטיל אויפ'ן טייך דניעפר, איז געזעסען ביי'ם טויער פון רב אברם־שלום דעם גביר'ס הויף ישראל'יק דער סטאראזש.

ליכטיג און שטיל איז געוועזען די שענע זומער־נאכט. א ליעבע פרישע קיהלקייט איז צוגאסען געוועזען אין דער לופט און א זיסער דרימעל האט ארומגעוויקעלט די אלטע אקאציעס און די גרויסע, הויכע טאפאליעס אין רב אברם-שלום'ס גארטען.

דאס גאנצע שטעדטיל איז שוין געשלאפען שטיל און רוהיג אזוי ווי עס שלאפט זיך אין א קיהלען זומער־אוועגד נאך א לאנ־גען הייסען טאג, אפילו ביי'ם אפטייקער איז שוין געוועזען פינסטער אין זאל — א סימן, אז מען האט שוין דארטען אויך מלוה־מלכה געוועזען מישטיינס־געזאגט, דאס הייסט געענדיגט די אקא מיט'ן ראמס, די געסט אוועקגעגאנגען אהיים און דער בעל־הבית געלעגט זיך שלאפען.

ישראל'יק, אַ יוד פון אַ יאָהר פיער־פינף און זעכציג, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ שיטער גרוי בערדיל און מיט אַ בעלמע אויף דער לינקער אויג, איז אַ האַלבע שעה צוריק אַרויסגעגאַנגען פון הויף, צוגעמאַכט די פאָרטקע און געטהון אַ לאַנגען הילכיגען פייף. אויף דעם פייף האָט זיך דערהערט אַ פרעהליכער ביל מיט אַ קוויטש, פון אונטער דעם טויער איז אַרויסגעקראָכען אַ היבש קאָלטונאָוואַטע הינדטעל, איינגעוויעלגערט אין היי און אין שפּענדליך און האָט גענומען שפּרינגען און טאַנ־צען אַרום ישראל'יקען.

ישראל'יק האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ גראָבען אלטען סוואָ־לאָק, וואָס איז שוין כמה יאָהרען געלעגען דאָ ביי'ם טויער, האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ פלעשעלע, אָבגעשטעקט עס און צוגעלעגט צו די ליפּען.

דאָס הינדטעל האָט אויפגעהערט צו טאַנצען, האָט אויפ־געהויבען די אויערליך מיט'ן פייכטען, שוואַרצען נעזיל און אָב־געשטעלט זיך קוקען — וואָס טהוט דאָס ישראל'יק.

ישראל'יק האָט אָבגענומען פון מויל דאָס פלעשעלע, אָב געדיכעט זיך און מיט אַ שמייכעלע אַ קוק געטהון אויפ'ן הינטעל.

— ווילסט?... פע, באַרבאָסקע, משקה ניט פאַר דיר... אַ כלב טאָר ניט... אַ יוד להבדיל — יאָ... אַ יוד איז מלוה־מלכה... נאָר וואַרט אויס, איך האָב עפּעס נאָך, אויף וואָס דו ביסט אויך אַ מבין... אָט נאַ — אַ שטיקעל קיכעל. פערביים... ישראל'יק זאָל לעבען האָט גענומען אַ טרונק בראָנפען און דו,

באַרבאָסקע, פערביים... אָט אַזוי, כּלב, נישקשה, מעגסט אויך הנאה האָבען פון דער בעל־הבית׳טעס קיכלעך... עס, צוציקיל, עס, און לאָז דיר טאַקע וואוהל בעקומען... אָח־אָח־אָח, גאָטעניו! וויפיעל דאַרף אַ מענש אין גאַנצען? אַודאי, אַלערליי מענשען פאַרהאַן און יעדעס גאָטס׳בעשעפעניש האָט זיך זיין בעדערפעניש: רב אַברם־שלום דער גביר דאַרף קאַזיאָנע פאַד־ריאַדען; מיכל דער מלמד — תלמידים, גלאָזבערג דער אַפּטייּ־קער — רעצעפּטען... און וואָס דאַרף ישראל׳יק דער סטאָ־ראָזש — דאָס הייסט, איך טאַקע? גאָר נישט... גאָ־אָר נישט, איך, ישראל׳יק, דאַרף זיצען נעבען טויער און קוקען אויף דער לבנה... סקאָצעל קומט, גוט נ׳אָוועגד לבנה׳לע! וואָס מאַכסטו? ווי געהט עס דיר?... ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען, דאָס איז נאָך פון נח׳ס צייטען אָן — ס׳הייסט איך מיט דער לבנה... איהר געדענקט דאָך בשעת דעם מבול — געגאַנגען פּאָרלעכווייז: אַ הענדריק מיט אַ הענדריטשקע, אַ מלמד מיט אַ ציעג (וואָס גריזשעט אָב די יונגע בוימעליך...), אַ קברות־מאַן מיט אַ קאַטשקע (ווייל זי האָט אויך ליעב „דעם טרונק״...), און איך, ישראל׳יק, ווייסט איהר, מיט וועמען? — מיט דער לבנה... לאַכט ניט! צוואַנציג יאָהר שוין, אַז עס לעבט זיך אָט דאָס שענע פּאָריל: איך און זי; איך זיץ ביי׳ם טויער און זי אין הימעל; יעדען אָוועגד געהען מיר אַרוים ביידע צו היטען רב אַברם־שלום׳ס פערמעגען... באַרבאָסקע — זאָגט איהר? עס אַ לא־יחרצ׳ל... גלאַט אַזוי, על פּי מנהג: אַ סטאָראָזש דאַרף האָבען נעבען זיך אַ הינטעל כּמו אַ גוטער יוד להבדיל—אַ גבאי, אַזוי ווי אין פּסוק שטעהט: בגבאי יבא, בגבאי יצא... אַ הונד איז בכלל ניט אַ יודישע זאַך... באַרבאָסקע! ציץ, ממזר!! עהע,

איהר זעהט? אַ הונד האָט מורא פאַר אַ יודען! און אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט: גנבים, איז בײַ אונז אין גאַנץ הושענא׳ווקע, זינט איך בין אַ סטאַראָזש, געווען סך־הכל דרײַ גנבות: אַ קוואָטשקע מיט זיעבען הינדעלעך, אַ פּאַלומישאָק מיט שבת׳דיגע פיש און אַ קוגעל אין אַ זעקעלע. און וואָס מיינט איהר? אפשר גלאַט אַזוי פערפאַלען געוואָרען? ניין, ברידער, כמעט אַלץ ראַזסליעדעוועט: די קוואָטשקע מיט די הינדלעך האָבען גע׳גנב׳עט ציגיינער, — זיי קומען צו אונז צײַטענווייז נעהמען אַ פּאַטשינקע: לייטען אַ סאַמאָוואַר, פערגיסען אַ לאָך אין אַ סקאָוואָראָדקע און אַגב אורחה טאַקע עפּעס אַנטלייען אויך — על מנת להחזיר, דאָס הייסט: אָבגעבען צוריק אַז מען וועט חאַפּען... דעם פּאַלומישאָק מיט די פיש ווייסט מען עד היום ניט ווער. נו־נו, איך האָב געהאַט מיט דעם פּאַלומישאָק צו זינגען און צו זאָגען!... די גנבה האָט זיך געטראָפען בײַ אונזערן אַ שכן, בײַ אײַזיקען דעם זאַאיקאָוואַטען. אַ גאַנצען חודש נאָכאַנאַנד האָט ער מיך ניט געלאָזט לעבען: „ס־ס־סטײַטש, אַז־ז־זאַ העכט! אויף זעקם און ד־ד־דרײַסיג ק־ק־ק..." — „כפרות געטוינגט?" — זאָג איך. „וו־וו־ווער אַליין אַ כ־כ־כפרה! — שרײַט ער — אויף זעקס און ד־ד־דרײַסיג קאָפּיקעס... אַ פּ־פּ־פרישער, אַ ל־ל־לעבעדיגער..."— „אַ לעבעדיגער? — זאָג איך — אַוועקגעשוואוּמען, רב אײַזיק! — אַ מאַך געטהון, זאָג איך, מיט׳ן וויידעל און אַוועק צוריק אין טײַך אַרײַן..." — „און דער פּ־פּ־פּאַלומישאָק, גזלן?! ד־ד־דער פּאַלומישאָק אויך אַ־אַ־וועקגעשוואוּמען?!?"... כ׳האָב פון איהם, זאָג איך, געהאַט קאַלט און וואַרים... איז האָט איהר אײַך צוויי גנבות; און די דריטע, דעם קוגעל -- ווייסט איהר ווער? חהע־חהע־חהע!... דעם קוגעל האָט אַוועקגעלאַטבענט אַט טאַקע

ער, מיין באַרבאָסקע, אַ מפּלה אויף איהם!... זמער־צייט, שבת־שירה, די פויגעלעך פרעהען זיך, שפּרינגען פון די דעכער אין הויף אַריין, עסען גרעטשענע קאַשע, ווי דער מנהג איז, און זינגען שירה... נחמה נחום־געציעס... אַ בעל־הבאָנדע מישטיינס געזאָגט! אַרויסגענומען דעם טשאָלענט, די יוך דער־לאַנגט צו׳ם טיש און דאָס זעקעלע מיט׳ן קוגעל אַנידערגעשטעלט אין קיך אויף דער באַנק אָפּקיהלען... מיין כלב זעהט — די טהיר איז אָפען... אַריין פּאַוואָלינקע און אַוועק מיט׳ן קוגעל אין אַ ווינקעלע פון יענער זייט באָד און, פערשטעהט איהר מיך, אַ לעק ניט איבערגעלאָזען... נחמה איז געקומען צו לויפען אַ פער׳סמ׳טע — זי מוז איהם שלאָגען, הרגענען!... ניין, זאָג איך, נחמה׳ניו, שלאָגען ניט, זידלען זידעל איהם אָן וויפיעל עס וועט אין איהם אַריין... וואָס? אפשר ניט גערעכט? וואָס־זשע טהוט אַ נאַרישע יודענע? האָט זי מיר געמאַכט אַכטצעהן מי־שברך׳ס, און דער קוגעל איז געבליבען ביי באַרבאָסקען... באַרבאָסקע! — זאָג איך — אָחינו אתה! ביז איצטער, זאָג איך, שוין אויף דור־דורות אַ יודישער כלב, און אַז מיר וועלען געהן קיין ארץ־ישראל נעהם איך דיר מיט, ווי איך בין אַ יוד! וואָס איז? אין ארץ־ישראל דאַרף מען קיין כלבים ניט? אַודאי ווילט זיך קיין סטאַראָזש דאָרט ניט זיין; דאַנקען גאָט, אָפּגע־דיענט דאָ אין גלות ביי רב אַברם־שלום׳ען צוואַנציג יאָהר... כ׳לעבען, געננוג... וויפיעל דען איז מחויב אַ יוד?... צוואַנציג יאָהר אָפּגעזעסען ביי׳ם טויער און געקוקט אויף דער לבנה, שלאָפען — אַזאָס! סמייע ניט אַנ׳אויג צומאַ־כען... זיץ, ישראל׳יק, זיץ און זינג מיט׳ן אַלטען ניגונ׳דיל:

די לבנה שיינט אין הימעל
און ישראל'יק זיצט ביים טויער...
וואך, ישראל'יק! ניט א דרימעל!
וואך, האלט אפען אויג און אויער.

זיס און רוהיג שלאפט ביז מארגען,
רוהט זיך־אויס, רב אברם־שלום!
ווייט און פריי פון אלע זארגען
זעהט אין שלאף א גוטען חלום.

קיין גערויש און קיין געטימעל
וועט ניט גרייכען אייער אויער:
די לבנה שיינט אין הימעל
און ישראל'יק זיצט ביי'ם טויער...

ישראל'יק זיצט זומער־צייט און קלויבט נחת קוקענדיג ווי די לבנה שיינט, און די ליכטיגע שטערענדליך שפיעגלען זיך אב אין די קאליוזשעס אויף דער גאס. ישראל'יק זיצט ווינטער ביי נאכט איינגעהילט אינ'ם אלטען טולעפיל, אויף וועלכען עס איז ווי דער פסוק זאגט, ממזרח שמש ועד מבואו, פונ'ם קאל־נער ביז דער שפיץ פאלע, פעמון ורמון, א לאך און א לאטע—. ישראל'יק זיצט און הערט זיך צו צו דעם לאנגען נגון וואס עס זינגט דער קאלטער ווינד — וואס וויינט ער אזוי, וואס יא־מערט ער?... צוואנציג יאהר הערט זיך צו ישראל'יק צו דעם לאנגען ליעדעל און ער דערמאהנט זיך אויף אלע לויה'ס, וואס זענען געווען אין הושענא'ווקע אין די צוואנציג יאהר, אויף דעם ביטערען געוויין פון די אלמנות מיט די יתומים נעביך... און ישראל'יק שלאפט ניט... ישראל'יק טאר ניט שלאפען. ווארום... שא! איך וועל אייך דערצעהלען בסוד, אז מיר האט

זיך שוין געמאַכט אַמאָל אַנטשלאָפען ווערען — און וואָס האָט זיך מיר דעמאָלט גע'חלומ'ט? אוי-אוי! איהר מעגט עס אויס-הערען:

II.

דער ארץ-ישראל-יוד.

געוועזען טאַקע אויך שבת-צו-נאַכט'ס, נאָך אָסיען-צייט טיעף-טיעף אָסיען... אַ רעגען מיט אַ פּרעסטיל, אַזוי ווי אין פּסוק שטעהט — פינסטער און גליטשיג און אַ ניזאָווע ווינטעל דערצו... אַ גן-עדן, אַ חיות, עס נעהמט דורך ביז'ן ביין, און געוועזען איז דאָס טאַקע סך-הכּל אין אַ וואָך אַרום נאָכ'ן פּאַ-לומישאַק מיט די פיש... מילא שלאָפען, פערשטעהט זיך, האָט מען ניט געטאָרט... אַ קיצור, אָנגעטהון מיין טייערען שאָפּען-פּעלץ, פון די קעצענע סויבלען, גוט אונטערגעגאַרטעלט זיך, אַ פייף געטהון מיין לא-יחרץ און אַריינגעקראָכען אינאיינעם מיט איהם אין סטאַראָזשקע. מיין לבנה'לע זאָל לעבען ניטאָ: זי האָט פיינד אַ ניזאָווע ווינטעל... איז זיץ איך מיר אין סטאַראָזשקע און בורטשע מיר אונטער דער נאָז אַ שטיקעל זמירות מישטיינס געזאָגט... ווי זאָגט ער דאָרטען? חדש ששוני אל נא — בעניי מיין פרייד, גאָטעניו! לחם לאכול — אָבי, זאָגט ער, רבונו של עולם, פון הונגער ניט שטאַרבען, ובגד ללבוש — און אין אייגענע תּבריכים, אוי, פאָטער-האַרציגער, בעגראָבען ווערען... און אַז שוין גאָר גוט, איז אַ סך נעביך דאַרף אַ יוד?

צבי — צבי — אַ ביסעלע בראָנפען

מיט אַ שטיקעלע לעקעך...

אָח־אָח־אָח! כּל־זמן מען לעבט ווילט זיך... אַ קיצור, זיץ איך אין סטאָראָזשקע... נאָר איך פיהל, אַז ס'פאַלט אויף מיר אָן אַ גענעץ — עס צורייסט מיר ממש דאָס מויל... „ישראליק — זאָג איך צו זיך אַליין — געדענק, זאָג איך, נאָר ניט שלאָפען... פערגעס ניט דעם פסוק: זכרנו את הדגה — דעם פּאָלומישאָק הייסט עס מיט'ן העכט... נאָר שאַ! — מיר דאַכט זיך עמיצער געהט... האַ? מען רופט מיך... איך טהו אַ קוק און בין נשתומם געוואָרען: נעבען דער סטאָראָזשקע שטעהט אַ ארץ־ישראל־יוד! טאַטעניו! אַ ירושלמי מיט אַלע פּיץ־פּיצלעך — אין אַ חאַלאַט מיט אַ גרינעם גאַרטעל, דעם קאָפּ פערוויקעלט מיט אַ האַנדטוך אין רויטע און ווייסע פּאַסען — אַ פּאָרמאַלנער ירושלמי... דער פּנים זיינער אַ אויס־געדאַרטער ווי אַ שטיקעל פּאַרמעט, נאָר אויגען אַ פּאָר לייכטען, בלישטשען אַזוי ווי די האָלאָוועשקעס...

— ישראל'יק! — זאָגט ער און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ — ישראל'יק, דו שלאָפסט?

— נאַט אייך אַ נייעס! טראַכט איך מיר — אַ ירושלמי און רעדט פּראָסט יודיש אָהן אַ וואָרט תרגום־לשון...

דו שלאָפסט, ישראל'יק! זאָגט ער ווידער אַמאָל און ער קוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין אַזוי רחמנות'דיג, אומעדיג, אַז עס נעהמט מיך אָן בּיי'ם האַרצען...

— פון וואַנעט — קלער איך — האָט ער זיך גענומען

אין מיטען דרינען ביי אונז אין הושענא'ווקע? און עס קומט מיר אריין אין קאָפּ, אַז מען דאַרף איהם שיקען צום רב, ווי דער מנהג איז מיט ארץ־ישראל־יודען.

נאָר דער ירושלמי אַפּנים שטויסט זיך אָן וואָס איך קלער:

צו'ם רב, מיינסטו? — מאַכט ער צו מיר — איך בין שוין געוועזן בי'ם רב... איך האָב אַפילו פריהער געוואוסט אַלץ וואָס ער וועט מיר ענטפערן...

— איהר קלייבט — פרעג איך — נדבות אויף ארץ־ישראל? טאָ וואָס־זשע געהט איהר אַרום ביי נאַכט?

— נדבות אויף ארץ־ישראל? — זאָגט ער, און זיין פּנים ווערט מיט אַמאָל אַזוי העל און ליכטיג. גלייך ווי עס וואָלט אויף איהם אין דער מינוט געפאַלען די שיין פון מזרח־זייט, — יאָ, ישראל'יק, איך קלויב נדבות; ווייסטו אָבער וואָסערע? ניט קיין קופּערנע, ניט קיין זילבערנע... ניין, ישראל'יק, איך קלויב גוטע, ערנסטע יודישע הערצעד, ריינע, ליכטיגע יודישע גע־דאַנקען, טיעפע, הייסע, כּשר'ע אמת־יודישע געפיהלען...

און געהען געה איך אַרום טאַקע נור ביי נאַכט, ווען עס ווערט פינסטער אין יעדעם ווינקעלע און עס רוישט דער ווינד, און עס גיסט אַ שלאַקס־רעגען... אין יענע נעכט, ווען קינדער אין די וויגעליך חאַפּען זיך אויף פון שלאָף, ציטערען און שרעקען זיך פאַר'ן וואָיען פונ'ם ווינד, ציהען אויס די הענדטעליך צו דער מאַמעס ברוסט צו בעהאַלטען זיך, אין איהרע אָרעמס...

אין יענע נעכט, ווען אַלטע לייט הויבען אָן צו דערמאָהנען זיך אויף די פערגאַנגע גליקליכע יונגע יאָהרען, אויף דעם ווי

נאַריש זיי האָבען פערבראַכט די בעסטע צייט, די טייערסטע צייט פון לעבען; אין יענע פינסטערע, בייזע נעכט, ווען ניט זעלטען אפילו דעם געזונדען און יונגען מענשען חלומ'ען זיך עפּיס אַזוינע שווערע, שרעקליכע חלומות... אַט אין די נעכט, ישראַליק, געה איך אַרום צווישען יודען און קלויב מיינע נדבות... איך שטרעק אויס מיינע שוואַכע, אויסגעדאַרטע הענד אין בעט, בעט: „— יודען, גיט אַ נדבה!"...

אַט בלאָנדזשעט אַ רייזענדער... שלאָף ווי אַ קינד
און עלענד איז ער אויף דער וועלט.
עס שלאָגט איהם דער האָגעל, עס רייסט איהם דער ווינד,
ער זעהט ניט קיין איינציג געצעלט,
קיין איינציגעס פייעריל... פינסטער און קאַלט...
אח! זעהט, ווי פער'חשב'ט איז ער און ווי אַלט!...
יודען! גיט אַ נדבה!

עפענט־אויף אייער טהיר, לאָזט אין שטוב איהם אַריין,
עפענט־אויף אייער האַרץ פאַר זיין לייד, פאַר זיין פיין;
זאָגט איהם: „ברודער! פערגעס אויף דיין נויט;
אונזער טיש איז פאַר דיר, עס מיט פרייד אונזער ברויט"...
יודען! גיט אַ נדבה!...

עס שלעפּט־זיך אַ רייזענדער... ס'איז אויף דער ערד
קיין אָרט ניט געבליעבען, וואו גאָט
האָט איהם נאָך צו מאַטערען זיך ניט בעשערט
און אויסשטעהען צאָרן און שפּאָט.
און ער קען ביז איצט נאָך ניט זאָגען: „איהר זעהט?
דאָס שטיקעלע לאַנד איז מיין אייגענס; דאָ שטעהט
מיין הויז... דאָ וועט קומען אַנ'עק
צום ביטערען לעבען אין נויט און אין שרעק"...
יודען! גיט אַ נדבה!...

יודען, יודען! בעטראַכט אייער לעבען... בעטראַכט,
אוי, ווי פינסטער און לאַנג איז די נאַכט!...
ביי דער טהיר ווי אַ יתום אַנ'אָרעמער שטעהט
אייער אייגענעם גליק, אייער אייגענע פרייד...
יודען! גיט אַ נדבה!...

— וואָס־ושע מיינסטו, ישראליק, זאָגט דער רב? — „פערשטעהט איהר מיך — זאָגט ער — ווי הייסט? אַ שייכות צו זאָגען: נ י ט ו ו ע ל ע ן אין ארץ־ישראל?!... וואָסער יוד וויל דאָס ניט אין ארץ־ישראל? נאָר איהר זייט דאָך, זאָגט ער, געקומען צו מיר ניט ווי צו אַ געוועהנליכען, פּראָסטען יודען, איהר פערלאַנגט דאָך פון מיר, אַז איך זאָל אַלס אַ רב, אַ מרא דאַתרא, אונטערהאַלטען ביי'ם עולם דעם רעיון... איז דערויף מיז איך אייך זאָגען, אַז ניט נור איך אַליין, נאָר אַלע אונזערע רבנים, דיינים, גוטע־יודען קענען ניט זיין צופריעדען מיט דעם, וואָס איהר ווילט אויפטהון... גלויבען אין ביאת־המשיח, וואַרטען אויף משיח'ן — דאָס יאָ: נאָר פערשטעהט איהר מיך, דאָס „גלויבען" און דאָס „וואַרטען" זענען שוין אַזוי טיעף איינגעוואַקסען ביי אונז אין האַרצען, אַז נאָך משיח'ס קומען. דאַכט זיך, וועט בלייבען עפּיס אַזוי ווי אַ ליידיג, פּוסט אָרט ביי'ם יודען אין קאָפּ און אין האַרצען... שווער, שווער, אַז דאָס פאָלק זאָל פערשטעהען, אַז יעדער פּראָסטער יוד דאַרף אַליין העלפען משיח'ן צו קומען און אויסצולייזען אונז פון גלות... היינט נעהמט אַ רב, אַ גוטען יודען, וועלכע ווי דאָס פאָלק גלויבט, האַלטען־אונטער דעם פּראָסטען עולם מיט זייער פרומקייט, מיט זייער תורה און מעשים־טובים און זייער זכות איז גורם צו פערגרינגערן דעם גלות — איהר פערשטעהט דאָך

אלײן, אַז אַ הײנטיגער רב טויג לגמרי נור פאַר חוץ־לארץ; אַלץ וואָס ער האָט זיך געדאַרפט אויסלערנען צו בעקומען סמיכות אויף רבנות, געהערט נור צו חוץ־לאָרץ; דאָס גרעסטע וואָס אַ הײנטיגער רב װײסט, איז עטליכע אַלטע שאלות ותשובות, וואָס האָבען אַנ׳אָנהאַנג טאַקע װידער אַמאָל נור מיט חוץ־לאָרץ... װײסט דען אַ הײנטיגער רב האָטש אַ טױזענד־חלק פון דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט יודען אין די לאַנגע הונ־דערטער יאָהרען פון אונזער גלות? און טאַקע גופא אין ארץ־ישראל נאָך ביז׳ן חורבן און פאַר׳ן גלות? אַ רב װײסט אַקוראַט דאָס, וואָס ס׳װײסט יעדעס חדר־יונגעל, יעדע יודענע:

ס׳איז געװען אַ בית־המקדש און מען פלעגט ברײנגען קרבנות; דער בית־המקדש איז חרוב געװאָרען און יודען זענען פערטריבען געװאָרען אין גלות.

אָט דאָס איז אונזער געשיכטע,
יודען דאַרפען זײן פרום און מקיים זײן תרי״ג מצוות
אָט דאָס איז אונזער גלױבען,
יודען דאַרפען װאַרטען אויף משיח׳ן,
אָט דאָס איז אונזער האָפנונג.

װי־זשע װילט איהר אַז אַ רב זאָל אָנהױבען זאָגען דעם עולם: „— יודען! שטעהט אויף! ניט דעם רב׳ס פרומקײט און ניט דעם גביר׳ס גוטסקײט װעלען אײך אונטערהאַלטען און ברײנגען צו אַ צװעק, — אַלײן, אַלײן מיט די אײגענע הענד דאַרפט איהר זיך נעהמען צו דער אַרבײט און אָנגרײטען פאַר משיח׳ן דעם מאַטעריאַל, פון װעלכען ער װעט, אַזױ װי דער שמיעד פון אײזען, אויסקאָװען פאַר אײך אַ נײעם, ליכטיגען

מזל, אַ ניי, זים לעבּען אָהן עגמת־נפש, אָהן שרעקעניש אויף יעדען שריט און טריט"... אַזאַ רב וועט דאָך אויסזעהען ווי עפּיס אַ פּשוט'ער משוגענער... און ווייסט איהר נאָך וואָס? —

איינס מעג אַזאַ רב זיין בּטוח, אַז ער וועט אַראָבּפליהען פון רבנות, אַזוי אַז ער אַליין וועט אַריין אין קרוקאָוו און די יאַר־מעלקע זיינע אין בּויבּעריק... געהט אַריין זייט מוחל צו רב אַברם־שלום'ן צו אונזער שטאָדט־גביר: אַ שענע נדבה אויף ארץ־ישראל וועט ער אוּדאי געבּען, און אַז איהר וועט איהם זאָגען דאָס וואָרט „גלות", וועט ער טהון אַ טיעפען־טיעפען זיפץ; פּרובּט אָבּער הויבּט אָן צו ריידען טאַקע ערנסט וועגען „בּיאַת־המשיח", וועגען אַ שטיקעל אייגען לאַנד, וועגען אַ שטיל ווינקעלע, וואו יודען נעבּעך זאָלען זיך קאָנען אָבּרוהען פון דעם אייבּיגען בּלאָנדזשען און מאַטערן זיך אויף דער וועלט...

רב אַברם־שלום, פערשטעהט איהר מיך, איז אַ מענש אַ וועלט־ליכער, איז געווען אין די גרויסע שטעדט און איז בּעקאַנט מיט די גרעסטע לייט; יודען אַזעלכע ווי רב אַברם־שלום וועלען אייך זאָגען:

„— זעהט איהר? אַט די מעדאַל האָט מען מיר געגעבּען אין ארץ־כּשדים פאַר אַ נדבה אויף אַזאַ מין בּנין, וואוהין מען לאָזט אַ יודען אַפילו צו דער טהיר ניט צו... פּאַטשאָטנע גראַזש־דאַנסטוואָ האָבּ איך בּעקומען אין מלכות יון פאַר נאָך אַ נדבה אויף נאָך אַ בּנין, צו וועלכען אַ יוד וועט אַליין נאָהענט ניט צו־געהן... חוץ דעם האָבּ איך אָרדענס פון וואַנען איהר ווילט: פון קיטאַי דעם גרינעם פּיפערנאָטער און פון סיאַם דעם ווייסען העלפאַנד, און פון דער ענגלענדעריין דעם לייבּ מיט'ן הירש אַזוי ווי מען מאָלט אויף אַ „מזרח", און פון דעם טערק, און

פונם גרעק און פון דער מלכה־שבא... דאָ האָב איך צוגע־
שטעלט פּאָדמיאָטקעס פאַר'ן חיל בשעת גג־ומגג האָט מלחמה
געהאַלטען מיט ושתי המלכה, דאָרט האָב איך געבויט אַ באַהן
פון רפידים ביז... ווי רופט מען עס דאָרטען?... אין שושן־
הבירה האָב איך געמאַכט אַ באַנק און חרבונה זכור לטוב האָט
מיר אויסגעהלאָפּאָטשעט ביי אַחשורש'ן אַ פּאָחוואַלניע־ליסט,
און טאַקע ביי עמלק'ן אַליין שפּיעל איך אין קאָרטען אין דוואָ־
ריאַנסקען קלוב, און מיט יתרו'ן און מיט בלעם'ן בין איך זאַ־
פּאַני בראַטאַ... היינט פרעג איך אייך — זאָגט שוין אַליין —
זאָל איך דאָס אַלץ אָוועקוואַרפען, נעהמען טלית און תפילין און
געהען — וואוהין? אין די עטליכע סמאַרקאַטע דערפליך, וואו
יודישע קינדער אַרבייטען ווי די פויערים, גראָבען מיט דער נאָז
די ערד צו בעקומען אַ שטיקעל ברויט?... אלא וואָס?
אַ מדינה: יודען זאָלען האָבען אַ אייגענע מדינה?... ווייסט
איהר וואָס? געהט אייך געזונדערהייד אַהין פון וואַנען איהר
זענט געקומען... פאַר מיר איז דאָס קיין פּלאַן ניט... דאָס
בעסטע וואָס מען וועט קאָנען בעקומען אין אייער מלוכה בלייבט
דאָך ווידער אַמאָל דער אייגענער „מגן־דוד“, נו, האָט איהר
דאָך געזעהן מיינע „מגן־דוד'ליך“... טאָ לאָזט מיך צו רוה,
כ'לעבען... אַ גוטע נאַכט!“...

— דו פערשטעהסט, ישראליק? . . . .

. . . .

III.

„ער פערשטעהט"...

— אוי אוי! נאָך ווי אַזוי איך פערשטעה! אמת, פון די גרויסע חכמים בין איך קיינמאָל ניט געווען, נאָר וואָס הייסט, „אַ יודיש הארץ" — דאָס ווייס איך, וואָרום איך פיהל ווי עס ציהט, עס ציהט און ציטערט ווי דאָס פיצעלע קינד אין וויעג און וויינט, חלש'ט, בעט זיך צו דער מאַמען... עפּיס אַ שפּיע־לביל, זאָגען: אַנ'אייגען שטיקעל ערד, אַ שטיל, רוהיג ווינקעלע, וואו איך, ישראל'יק רב אברם־שלום'ס סטאַראַזש, וועל אייך ווערען אַ שטיקעל בעל־הבית צו לייטען־גלייך, ניט דאַרפען זיצען אין דער סטאַראַזשקע מיט צוציקען און יעדען אָוועגד מחדש זיין די לבנה... וואָס מיינט איהר? איך ווייס גאָר ניט אַפּנים וואָס בעטייט אַנ'אייגען שטיקעל בעל־הבית'ישקייט, דאָס אייגען „ביסעל אָרימקייט" ווי יודען זאָגען?... נאָר איך פערגעס אָבער ניט דערבּיי, אַז איך בין סך־הכל ישראל'יק דער סטאַראַזש און בין אַ יוד, און אַ יוד דאַרף הערען דעם רב און פאָלגען דעם גביר, זאָלען לעבען און געזונד זיין. דער ערל דער חאָחאָל זינגט אַ ליעדעל, וואָס אויף יודיש קומט עס אויס כמעט אַזוי:

דער מאַן (קומענדיג פון מאַרק):

— אָט נאַ, אַ העכט! פּיל־אָן און קאָך!

דאָס ווייב:

— אַ העכט?! — אַ הענדיק איז דאָס דאָך!

דער מאַן:

— נו, ביסט גערעכט, נו, ביסט גערעכט,
און לאָז אַ הענדיק זיין דער העכט...

צווישען א הענדיק און א העכט איז אודאי א חילוק, נאָר אז דער רב זאָגט, דאַרף ישראל'יק הערען און אז דער גביר הייסט, דאַרף ישראל'יק פאָלגען; אזוי האָט מיך געלערענט די מאַמע מיינע עליה־השלום. זי איז געווען א קלוגע און א פרומע יודענע... און אז ישראליקען חלומט זיך עפּיס, כמו למשל דער ארץ־ישראל־יוד, דאַרף ער אבווישען די ליפּען און מאַכען א שוויינ, וואָרום, ווי דער פּסוק זאָגט: כי לכך נוצרת, מאַכט רש"י: וואָרום אויף דעם ביזטו דאָך א סטאַראָזש, און א סטאַראָזש דאַרף זיצען מיט צוציקען און היטען רב אברם־שלום'ס פערמעגען און ניט שלאָפען, למען השם ניט שלאָפען, כדי עס זאָלען זיך איהם ניט חלומ'ען קיין וויים איך וואָסערע נאַרישע חלומות און עס זאָלען ניט פערפאַלען ווערען קיין פאָלומישאָקעס מיט פיש און א יוד נעביך זאָל ניט קומען חס־ושלום צו א חילול־השם — בלייבען א שבת אָהן געפילטע פיש... און א קעגען דעם וואָס איהר זאָגט: עס ציהט דאָס הארץ, עס גלוסט זיך חאָטש א ביסעלע גליק, חאָטש א שטיקעלע זים לעבען צו גע־ניסען, איז זענט איהר טאַקע אודאי גערעכט, נאָר — שא, שטיל... לא תחמוד, ישראל'יק! — זאָגט דער פּסוק... שלאָפט־זשע, יודען! שלאָפט, רב אברם־שלום.

קיין גערויש און קיין געטימעל
וועט ניט גרייכען אייער אויער;
די לבנה שיינט אין הימעל
און ישראל'יק זיצט ביי'ם טויער...

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

* *

*

קאַלט, נאַס און פינסטער איז די טיפע, שוואַרצע נאַכט, גאַנץ הושענא'ווקע שלאָפט און חראָפּעט... דאָס ניזאָווע ווינטעל בלאָזט אין די איינגע, שמוציגע, קרומע געסליך, — טהוט אַ קלאַפּ מיט אַ האַלב-אָבגעריסענעם לאָדען, פליהט אַריין אין אַ קוימען פון אַ קליין, אַלט שטיבעל, דרעהט זיך אויס און פליהט ווייטער... פון אַ הינטער-געסיל גיסט זיך אַ שטילע, אומעדיגע שטימע:

„אוי, טאַטעניו-פאָטער! אַ שטיקעלע גליק,
אַ ביסעלע נחת צו זעהען!...
גענוג שוין אַ בעטלער צו זיין אויף דער וועלט,
גענוג אין די הייזער צו געהען!...

גענוג שוין אין שכנות צו וואָהנען; גענוג
צו ציטערען אייביג אין שרעק,
אַז אָט ווערט אין כעס דער הויז-בעל-הבית
און מאַכט דיר פון אַלץ שוין אַנ'עק.

טראַכט אויס אויף דיר טויזענדער בלוטיגע זינד
און מאַכט דעם פסק-דין שוין פאָראויס:
בערייסט און בענעהמט דיך פון קאָפּ ביז די פיס
און יאָגט פון דער דירה אַרויס...

גענוג שוין צו שטעהען פערהונגערט, פערשמאַכט
ביי'ם גליקליכען מענש ביי דער טהיר
און וואַרטען, דער זאַטער זאָל פיהלען דיין נויט
און געבען אַ ביסען אויך דיר...

געגוג שוין, רבונו של עולם, געגוג
אין צרות, אין היץ און אין קעלט
אויף ידרה בלק פרושים ביז איצט
געלערענט מיט אונז אויף דער וועלט!״...

דאָס ליעדעל קלינגט, וויינט און צוגיסט זיך ווי א טיפע, ביטערע קלאָג אין דער קאַלטער, פינסטערער נאַכט... ערטער־ווייז, אין די קליינע, איינגע קרומע הייזלעך חאַפּען זיך אויף פון שלאָף יודען, יונגע און אַלטע, הערען זיך־צו צו׳ם ניזאָווען ווינד און צו דעם אומעדיגען ליעדעל... עס קלינגט עפּיס אַזוי טרויעריג און אַזוי ליעב, עס נעהמט אָן ביי׳ם האַרצען... נאָר די פערשלאָפענע אויגען מאַכען זיך ווידער צו, דער קאָפּ לאָזט זיך אַראָב אויפ׳ן קישען... ניטאָ, ניטאָ קיין כח בייצוקומען דעם אַלטען, טיעפען שלאָף...

איין מענש נור איז דאָ אין הושענא׳ווקע, אויף וועלכען דאָס ליעדעל ווירקט און לאָזט איהם ניט שלאָפען... ווייסט איהר — ווער? — דער רב, איהר זעהט, ער זיצט ביי׳ם טיש און... און שרייבט א דאָנאָסיל! . . . .
. . . .

טס־ס־ס... שטיל, קינדער! שרעקט זיך ניט... אונזער בעריהמטער ד״ר ד ע מ ב א האָט זיעבען יאָהר געאַרבייט צו דער־ווייזען דער וועלט, אַז אונזער שחיטה שטימט מיט צער בעלי־חיים פיעל בעסער איידער ביי אַלע אַנדערע פעלקער. מען קען זאָגען, אַז ער האָט מיט זיין אַרבייט אַראָבגענומען פון דער הלכת שחיטה אַליין א גרויסע סרכה, מיט וועלכע אונזערע שונאים האָבען אונז, יודען, געוואָלט טרפה מאַכען אין די אויגען פון

דער גאַנצער וועלט. דער ליעבער דאָקטאָר, זאָל לעבען, האָט אונז מיט דעם אַודאי געטהון אַ גרויסע טובה. מיין באָבע, — זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן — פלעגט אָבער זאָגען, אַז דאָס בעסטע און געשמאַקסטע שטיקעל פלייש איז פון אַזאַ יאַלאָוועקע, אויף וועלכער עס איז געווען אַ סרכה, און וואָס שווערער עס איז געווען אַראָבצונעהמען די סרכה איז דאָס פלייש אַלץ כשר'ער... אָט דאָס — פלעגט זי זאָגען — איז טאַקע אַנ'אמת יודיש שטיקעל פלייש...

דער רעיון הציוני איז אַודאי פון אָנהויב־אָן געווען אַ כשר'ער רעיון; נאָר כדי די גאַנצע וועלט זאָל ארויסזעהן בעשיינפערליך. אַז דאָס איז טאַקע אַנ'אמת'ער יודישער רעיון, איז נויטיג געווען, אַז ער זאָל האָבען אויף זיך די אַלטע „קהל'שע" יודישע „חתימה" — אַ דאָנאָסיל, און טאַקע אַ יודישען דאָנאָסיל... דאַנקען גאָט, דאָס איז שוין אויך דאָ... דער הושענא'וועקער רב זאָל לעבען האָט אַודאי בכונה ניט געהאַט צו טהון די טובה דעם ציוניזם, נאָר אויסגעקומען איז דאָס גוט... די רבנים פלעגען מאַכען אויפשריפטען נור אויף וויין, מעד וכדומה זאַכען: „כשר לפסח"; דער הושענא'וועקער מורה־הוראה האָט געמאַכט אַנ'אויפש־יפט אויף דער אידעע הציונית אַז זי איז כשר אויף אַלע ימים־טובים און אויף אַ גאַנץ יאָהר, און איצט איז זי שוין אַודאי אַנ'אמת־יודישע אידעע: די סרכה — דאָס דאָנאָסיל — האָט איהר צוגעגעבען טעם... וואָס נאָך דאַרף מען? „ווייקען" און „זאַלצען"? גענוג, יודישע קינדער, גענוג האָט זיך דער רעיון געווייקט אין אונזערע געזאַלצענע טרעהרען... ער איז שוין כשר לכל הדעות. און מיין ישראל'יק האָט אַ גרויסען טעות. דאָס וואָס איהם ווייזט אויס פאַר אַ חלום,

איז אַ ליכטיגער, וואַהרער אמת... פון שלאָף, אין וועלכען מען זעהט אַזעלכע „חלומות“ שטעהט מען אויף פריש, יונג, געזונד און פרעהליך, דאָס איז דער שלאָף נאָכ׳ן קריזיס אין אַ לאַנגער סכנות׳דיגער קריינק... אַזעלכע „חלומות“ בעוועהען דאָס פערביטערט יודיש האַרץ, אַזוי ווי דאָס פרישע, קיהלע ווינטעל זומער אין דער פריה איידער עס הויבט אָן צו טאָגען...

און די זון געהט=אויף אין הימעל,
שיינט און גלענצט אויף טהאָל און באַרג,
און דער טהוי וואַשט־אָב דעם שימעל
פון דעם וואַלד, פעריאָגט זיין דרימעל,
מאַכט איהם ווידער פריש און שטאַרק...

שטעה־זשע אויף! די אַלטע גליעדער
וואַרים=אָן, מאַך שטאַרק זיי ווידער
און די לאַנגע נאַכט פעריאָג, —
אונזער ליעבער, אונזער שעהנער
אונזער ליכטיגער און ריינער,
אונזער זומערדיגער טאָג!...

„זשידאװסקאיע באגאמאליע".

אדער

א חלום אין א זומער־טאג

פּ ע ר ז אָ נ ע ן א ו ן אַ ק ס ע ס ו אַ ר ע ן :

מאדאם איזאבעלא סטיעפּאנאװנא עסטפּאפּראװעטזיך.

סאלאמאן מארקאװיטש — איהר מאן.

די אלטע מוהמע.

מאדאם יק"א.

דער ארבע־כנפות.

דאס רויטע העמדעל.

דאס בלויע העמדעל.

דער קאנטשיק.

די נאגאיקע.

אַ דאַטשע אין דער אומגעגענד פון דער גרויסער שטאָדט רמות־הקבקים. נאָך־מיטאָג־צייט. הייס, פּאַרנע, עס קלויבען־זיך װאָלקען, עס גרייט־זיך אַ שלאַקס־רעגען.

אין גאָרטען, אונטער'ן דונקעל־גרינעם סכך פון אַלטע סאָסנעס, ליעגט אין אַ הענג־נעץ (גאַמאַק) די מ אַ ד אַ ם א י ז אַ־

בעלא סטיעפאנאָוונא עסטפּאָפראוועטזיך, זי קרעכצט, פאָכט-זיך מיט א וועיער און דרימעלט-איין.

און עס שטעלט-זיך איהר-פאָר:

א קונציגע קאַרטינע
(ס'קאָן נאָר אין חלום זיין):
עס שוועבען וואָלקען גרינע
אין געלען הימעל-שיין...
די וואָלקען פונקלען, בליצען,
דער הימעל פלאַמט, א גוואַלד!...
מיט בלאַנדען און מיט שפּיצען
איז אוים געהעפט דער וואַלד...
ס'פליהט-דורך א ווינד, א וויחער,
צושפּרייט פון יעדער זייט
געשטרייפטע וויקעלטיכער
פון סאַמעט, אַטלעס, זייד...
אין פרישע רויזען-קראַנצען
צוויי ציגען מיט א באָק
צוהוילען-זיך און טאַנצען
א ווילדען קעק-אוּאָק...
עס האַפּען דאָרט א קערטיל
א קאָטער מיט א האָהן —
זיי שפּיעלען „טערטיל-מערטיל",
זיי שפּיעלען „טעליפאָן"...
האָרך! פידלען און קלאַרנעטען...
א טוש, א לויב-געזאַנג...
א גלאַנץ פון עפּאָלעטען...
א העלער שפּאָרען-קלאַנג...
א באַל... עס קאָכט, עס ליאַרעמט
עס שיינט דער גרויסער זאַל...

און זי — זי פיהרט געארעסט
צו'ם טאנץ א גענעראל...
זי טאנצט — און די קאפעלע
שיסט־אויס ווי א הארמאט:
„— מה יפית, איזאבעלא
סטיפאנאָווגא! וויוואט!!!"...

און אין איין אויגענבליק ווערט פערשוואונדען דער וואלד מיט'ן באל, מיט די עפּאָלעטען... איזאבעלא סטיעפּאנאָוונא האפּען־ארום עפּיס א פּאר אלטע, דארע, ציטערדיגע הענד... און א ציטערדיגע שטימע דערהערט־זיך איהר נאָהענט־נאָהענט ביים הארצען:

— זאבעלעצקע... אָי!... שרה־ביילעצקע... פלימעניצע מיינע טייערע! פון וואנעט האָט דיך גאָט געבראכט אהער?...

איזאבעלא סטיעפּאנאָוונא:

— וואָס איז דאָס מיט מיר?... וואו בין איך?...

די אלטע מוהמע:

ווי הייסט — וואו ביסטו? נארעלע,
האָסט אלץ פערגעסען שוין? —
אין גזרה'ווקע, בשמח'ניו,
אין גזרה'ווקע, מיין קרוין!...
און זעהסטו וואָס עס טהוט־זיך דאָ?
אין גזרה'ווקע איז איצט,
נישקשה, גאָר ניט אומעטיג, —
עס דונערט און עס בליצט,
עס רוישט, עס זידט, געהט חאָדאָראָם...

אָך, האַרץ מיינס, קורץ גערעדט —
אַ שטאָדט געוואָרען גזרה'ווקע
גלייך מיט די גרעסטע שטעדט:
קלעפּ האָפּט מען דאָ גאָר קונציגע
נייטאָדנע, הייסע קלעפּ;
די ביינער, גאָלד מיינס, ברעקלען זיך,
עס שפּאַלטען זיך די קעפּ;
אַ מיהל־שטיין קוועטשט דעם אָטעם איין
און ציהט־אַראָב דעם האַלדז...
דאָך נחת אמת יודישע
בעקומען מיר הויך אַלץ...

— אָט־אָ... קוק, טאָכטער ליעבע!...

אַ ווינד, אַ שטורם... איבער'ן מאַרק לויפט העַנדום־פּענדום דער „אַרבע כּנפות". נאָך איהם יאָגען זיך „דאָס רויטע העמדעל" און „דאָס בלויע העמדעל".

דאָס רויטע העמדעל:

געדיכטער, שוואַרצער נעבעל...
אַ גי־הנם טשאַד און רויך...
פלאַם־פייער, פעך און שוועבעל
און הייסע קוילען אויך...
עס זענען קלעפּ און וואונדען
קיין חדוש ניט פאַר דיר...
דו ביסט מיט מיר פערבונדען,
דו מוזט, מוזט געהן מיט מיר!...
די פרייהייט איז מיר טייער;
דאָס לעבען איז אַ דרייער
ניט ווערטה אָהן איהר... איך קריך

אליין אין סאַמע פייער
און שלעפּ אין פייער דיך!...

(חאַפּט איהם־אָן פאַר איין כנפה און שלעפּט
צו־זיך...)

דאָס בלויע העמדעל:

(חאַפּט־אָן פאַר דער אַנדערער כנפה)

אָט איז זי די קראַמאָלאַ!
אָט איז דער דעמאָקראַט!...
ווערסט האָבען די מפּלה,
ווערסט זיין מיט מכּות זאַט!...

(קעהרט־איבער אין מויל אַריין אַסאַראָקאָוועקע)

איך מאַך דעם גרויסען קידוש
(אויף גוי'עש, ניט אויף יודיש)
און „אַרבעט" ווי אַ קאַט,
און אַלץ בלייבט „שיטאָ־קריטאָ"...
שריי קאַראַאול צו גאָט, —
דו ווייסט, וואָס פאַר אַ שליטה
דאָס בלויע העמדעל האָט?!...

(רייסט־אָב אַ שטיק אין לאָזט־זיך אוועק צו
דער קאַזיאָנקע)...

דער אַרבע כנפות:

(קוקט־זיך אַרום דערשראָקען)

גוואַלד, וואָס טהוט מען, ליעבע יודען?

גוואַלד, וואוהין, אין וואָסער אָרט
לויפט מען, האָטש אַ טאָג אין פריעדען
אָבצולעבען דאָרט?

מאַדאַם יק״אַ:

(נעהמט איהם אָן פאַר דער דריטער בּנפה)

— וואוהין — פרעגסטו? ווי׳הייסט וואוהין-זשע
דען אַז נית אַהין?...

בּראַזיליען, בּראַזיליען,
די גליקליכסטע מדינה!
דאָרט וואַקסען טייטלען, מילגראַמען,
קאַקאַאָ, טאַבּאַק, חינע.
בּראַזיליען, בּראַזיליען —
געבּענשט פון דעם בּעשעפער!
דאָרט וואַקסען טהיי מיט לימענעס,
דאָרט וואַקסט דער רויטער פעפער.
אתרוגים סאַמע כּשר'ע
און בּשמים כּל הסאָרטען;
היינט נעהם די גענז און אינדיקעס,
וואָס פרוכפערען זיך דאָרטען!...
בּראַזיליען, בּראַזיליען!
אַנטקעגען דער מדינה
אין קאָנגאָ אַ פיאַטאַק ניט ווערטה,
אַ הונד אין אַרגענטינע!
אַהין!... דו וועסט דאָרט גליקליך זיין!...
נאָר חוץ נאָר אַלע זאַכען —
פערשטעהסטו — כּ׳מוז דאָך עפּיס טהאָן,
איך מוז הוצאות מאַכען!...

סאָלאָמאָן מארקאָוויטש:

(שטופּט־אָפּ די מאַדאַם יק״א און נעהמט זיך
אָן ביי די איבעריגע ביידע כּנפות)

שטיַה, שטעה! איך דאַרף דיך האָבּען דאָך!...
האַלט־איין איהם, ליעבּע מוהמע,
אַ פּאָר חדשים האָטש, ביז נאָך
די וויבּאָרעס אין „ד ו מ ע״...
גיט איהם — זיין „גאַלקע״ דאַרף איך נאָר,
און זאָל ער לויפען, פליהען
דערנאָך צו אַל׳די גוטע יאָהר
אין... האָצעקלאָין... אין ציון...
אין מדבר־סן... צו׳ם טערק, צו׳ם גרעק...
אהין, אהער, פון עק ביז עק...
זאָל דונערען און בליצען
און זאָלען פּלאַצען בּארג און טהאָל,
אבי נאָר, מוהמעניו, איך זאָל
אין „ד ו מ ע״ בלייבען זיצען!...

שלעפּט איהם אויף די וויבּאָרעס... נאָר באותו רגע
פּאַלען־אָן אויפ׳ן ארבע־כּנפות ד ע ר ק אַ נ ט ש י ק און ד י נ אַ־
ג אַ י ק ע... צווישען קאַנטשיק און דער נאַגאַיקע קומט־פאָר
אזא סכסוך:

דער קאַנטשיק.

לאָז מיך צו איהם! כ׳בּין בּילכער!

די נאַגאַיקע.

— נו?!
וואָס איז? ערקלער נאָר, זאָג!...

דער קאַנטשיק:

איך שמיים איהם יעדען דאָנערשטאָג.

די נאַגאַיקע:

איך שמיים פון טאָג צו טאָג.

דער קאַנטשיק:

פאַר פיער און פופציג סדרות גיב איך שמיץ...

די נאַגאַיקע:

— נו, איך פערשפּאָר;
איין סדרה בלק לערען איך
און שמיים אַ גאַנצען יאָהר...

דער קאַנטשיק:

איך שמיים איהם ביז ער פאָלגט מיך ניט.

די נאַגאַיקע:

איך שמיים ביז איך ווער מאַט...

דער קאַנטשיק:

שטעה, איך האָב אַ חזקה שוין!

די נאַגאַיקע:

און איך — אַ היתר גלאַט...

דער אַרבע-כנפות (צו'ם קאַנטשיק):

— כ'פערשטעה ניט, אָסור, פון וואַנעט האָסט דו זיך

גענומען? דו, אַלטער, אָבגעשמיסענער קאַנטשיק, וואָס קריכסט דו איצט אַרויס פון דיין רוה?!...

דער קאַנטשיק (קרימט־איבער):

— אַלטער... אָבגעשמיסענער... ניין, ברודערקע! איך בין ווי אין פסוק שטעהט, יחדש כנשר נעוריו, ווידער ניי און ווידער פריש! — מיך האַלטען איצט אין דער האַנד: אַ רב אין אַנ'אָבגעברענט יודיש שטעדטיל, וועלכער פרעסט־אויף די נדבות פאַר די אומגליקליכע נשרפים און אביונים; אַ יוד אַ גביר, אַ גבאי פון חברה־קדישא, וואָס פערקויפט דעם בית־עלמין אַ גוי אַ שונא־ישראל און וואַרפט אַרויס די אויסגעלייטערטע יודישע ביינער פון די קברים; אַ יוד אַנ'„אַגענט" אויף אויסצוזויגען ביי'ם יודישען עמיגראַנט דעם לעצטען טראָפּען בלוט פון די אָדערן און דאָס לעצטע ביסעל מאַרך פון די ביינער. און אָבער־אַמאָל אַ רב, אַ מורה־צדק, וואָס גיט אַרויס אָט דעם בלוטזויגער אַ הסכמה אויף יושר און עהרליכקייט... וכו', וכו' —

נאָך אזעלכע גאַנצע צוואַנציג...
אָהן רחמנות און אָהן שאַנד
האַלטען זיי דעם אַלטען קאַנטשיק
אין דער האַנד,
און אָט די פאַרשווינען, כ'לעבען,
שלאָגען בעסער טויזענד מאָל
פונ'ם אַלטען, קראַנקען רבי'ן —
אָהן אַ מאָס און אָהן אַ צאָהל;
שלאָגען מעהר פון אַלע שונאים,
און עס ברענען, פול מיט היץ
און בזיון, אויפ'ן פנים

ביי דעם יודען די סימנים

פון די שמיץ...

דער קאַנטשיק פון איין זייט און די נאַגאַיקע פון דער אנדערער נעהמען־זיך צו דער אַרבייט...

פונ'ם אַרבע־כנפות בלייבען ליעגען עטליכע טראַנטעס, צושמיסענע, פערפּלאָנטעטע...

און אויף די פּאַרקאַנס, טויערען און לאַמטערנעס ווערט אויפגעקלעפּט אַנ'„אָביאַווליעניע", אויף וועלכער עס לייכטען און פונקלען די דאָזיגע פּלאַמפּייערדיגע ווערטער:

*) Такого-то числа, на углу Кутузкиной улицы и Назюзюкина переулка найдены обрывки жидовскаго богомолья, арбаканфесъ. Собственникъ онаго,—къ розыску котораго приняты самыя энергичныя мѣры,—за нарушеніе общественнаго порядка и благочинія будетъ наказанъ по всей строгости законовъ.

Городничій

Онуфрій Перебеймордa.

אַ דערשראָקענע חאַפּט־זיך אויף איזאַבעלאַ סטיעפּאַנאָוונאַ...

---

*) אין אַ געוויסען טאָג, אויפ'ן ווינקעל פון קיטוזקאַווער גאַס און נאַזיוזיוקינס געסעל האָט מען געפונען צוריסענע שטיקלעך פון אַ יודיש־

זי קוקט־זיך ווילד אַרום... רייבט די אויגען... טהוט אַ לאַנ־
גען, טיעפען זיפץ און...

און הייסט זיך דערלאַנגען מאַראַזשענע...

גאָטעס־דיענסטליכעס „אַרבע־כּנפות‟. דער אייגענטהימער דער פון — צום
אויסזוכען פון וועלכען זיינען אנגעווענדעט זעהר ענערגישע מיטלען, —
וועט בעשטראפט ווערען מיט דער גאַנצער שטרייגקייט פונ׳ם געזעץ פאַר׳ן
שטערען די געזעלשאַפטליכע ארדנונג און אַנשטענדיגקייט.

שטאדט־פערוואלטער

אַנופריי מאָרדעבּרעכער.

פרשה יתרו

אָדער

דער יודישער אוצר.

(אַ רייזע=בילד פון די אַלטע צייטען).

דער שניי איז געגאַנגען צוויי טעג נאָכאַנאַנד —
אַ שליט=וועג אַ חיות געוואָרען;
די פערדעלעך שטעהען אין שליטען געשפּאַנט;
אַלץ גרייט שוין און פאַרטיג צום פאָהרען...

און אַז פון אונזער שטעדטיל (גזרה'ווקע הייסט עס) פאָהרט מען אין דער גרויסער שעהנער שטאָדט רמות=הקצפים, שטעלט מען זיך אָב סטאַנציע אין מאָהילנער טראַקטיר.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען האָב איך געזעהן דעם מאָהילנער טראַקטיר אַ היבש ביסעל יאָהרען צוריק...

ליכטיג זענען נאָך געוועזן,
יונג און ליכטיג מיינע אויגען...
אויפ'ן הימעל, העל און ריין,
האָט געשיינט דער רעגענבויגען
ווי אַ בריק, אַ וואונדער=בריק
צו דעם טויער פון גן-עדן —

צו דעם קוואַל פון ליכט און פריידען,
מוטה און פרייהייט, קראַפט און גליק...

איך בין דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעפאָהרען מיט מיין טאַטען ע"ה אויף דער ליכטיגער וועלט און אָבפאָהרענדיג אַ וויאָרסט דרייסיג פון גזרה'ווקע האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט פיטערן די סוסים אין מאָהילנער טראַקטיר.

ביים טויער פון דער קרעטשמע האָט אונז מקבל פנים געווען דער בעל־הבית אַליין, רב יודעל האָט ער געהייסען, און אויף זיין קיילעכדיגען, רויטען פנימ'ל איז געלעגן בעת־מעשה אַזאַ ליכטיגע פרייד, אַזאַ פערגעניגען, גלייך ווי ער וואָלט שוין יאָהרען־לאַנג ניט געזעהן אַ לעבעדיגען מענשען אין די אויגען.

נאָר רב יודיל, בעדאַרפט איהר וויסען, איז שוין פון דער טבע געווען אַ מענש אַ שמח וטוב־לב, און דאָס ליכטיגע שמיי־כעלע פלעגט ניט אַראָב פון זיינע ליפען אפילו דעמאָלט, ווען די פלונית'טע זיינע, רחל די לאַנגע, פלעגט זיך נעהמען איהם מוסר'ן אויפ'ן הייכען שטייגער, ווי דער מנהג איז אין גוטען, שטילען יודישען פאַמיליען־לעבען.

אַז מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין „ריינעם" צימער פון דער קרעטשמע, איז דאָס ערשטע, וואָס איך האָב דערהערט פון יענער זייט טהיר, געווען:

— נו, געה שוין, דו, לעבעדיגער קאָזאַק!... געה, ריהר זיך, אוצר מיינער!...

„אוצר", „לעבעדיגער קאָזאַק"... עפּיס גאָר מאָדנע דבורים

ביי א יודענע, וואָס מוסר'ט דעם „שלים-מזל" איהרען, דעם מאַן הייסט עס... פון וואַנען האָט זיך דאָס ביי איהר גענומען?

אויף דרויסען האָט זיך אויפגעהויבען א שניי-שטורם — א שרעק. דער ווינד האָט געפייפט, געברילט; גאַנצע וואָלקענס שניי האָבען זיך געדרעהט און פערשאָטען די אויגען. פאָהרען ווייטער איז געווען אונמעגליך, און מיר זענען פערבליבען אין דער קרעטשמע ביז אויף מאָרגען בעגינען.

אויפ'ן טיש האָט געזידט און געזונגען זיין ליעב אלט ליעדעל דער סאַמאָוואַר. אין אַלקעריל נעבען דער „ריינער" האָרניצע איז געזעסען דער מלמד און געטייטשט יודעלס יונגעל פון פרשה יתרו:

„לא טוב — ניט גוט איז דאָס וואָס דו טהוסט..."

„נבל תבול — דו וועסט אויסמאַטערן אי זיך, אי דאָס פאָלק..."

„קלויב דיר אויס פון גאַנצען פאָלק מענשען פעהיגע, גאָטספאָרכטיגע, מענשען מיט יושר. ניט קיין חאַבאַרניקעס און שטעל זיי איבער'ן פאָלק..." האָט זיך געהערט פון אַלקעריל דעם יונגעל'ס הילכיג, ריין קול'כעל.

— נו, נו, אוצר מיינער... לעבעדיגער קאָזאַק... ריהר זיך, שלאָף ניט! — האָט גע'טענה'ט פון דער אַנדער זייט רחל, האַלטענדיג אין איין מוסר'ן יודלען, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען, ווי זיין שטייגער איז געווען.

דער „אוצר" מיט'ן „לעבעדיגען קאָזאַק", ווי איך האָב אין גיכען דערוואוסט, זענען געווען אײנג און פעסט פערבונדען מיט אַ גאַנצער געשיכטע, פון וועלכער עס איז נולד געוואָרען דער מאָהילנער טראַקטיר מיט רב יודל'ען דעם בעל־הבית מישטיינס־געזאָגט און מיט רחל דער בעל־הבית'טע.

ואלה תולדות מאָהילנער טראַקטיר:

אויף זיין חוטאָר, בירושה פון זיידען, איז געזעסען איינער אַ חאָחאָל קוזמאַ לוקיטש זאַזוליאַ. זיין פעלד־אַרבייט פלעגט בע־שטעהן פון אַ שטיקעל ערד, גרוים ווי אַ טאָוועל פון אַ „קרבן־מנחה" להבדיל, פערזייהט מיט הירז, באָב, קוקורוזאַ און לינזען, פון אַ פיצעל גאָרטען מיט קאַוועגעס, אוגערקעס וכדומה, מיט אַ גאַנצער פלאַנטאַציע פאָדסאָלנוחעס („קערלעך", ווי מ'רופט זיי ביי אונז פשוט); צוויי מעלקעדיגע קיה, אַ האַלב טוץ חזירים. עטליכע גענז און היהנער האָבען זיך געפיטערט אין דעם גרינעם געטויזעבץ ביים חוטאָר, געפרוכפערט און געמעהרט־זיך און גע־געבען דעם בעל־הבית חיונה בכבוד, ס'הייסט — סאַלאָ, האַלעשקעס און בראַנפען אויפ'ן פולען מויל כמנהג הזאַפּאָ־ראָזשצעס אין אונזער געגענד.

רב יודעל להבדיל איז געווען אַ יוד אַ סוחר, — גע־האַנדעלט מיט ווייץ, מיט פלאַקס, מיט וואָל, מיט פעל, און אַז עס פלעגט זיך מאַכען קויפען אַ שטייג גענז, עטליכע פונט חזיר־האָהר, אַ פעררדיל, אַ קעלביל, איז אויך געווען סחורה, אַבי מיט רוח; און אין גרוינעווקע, וואו רב יודעל האָט פריהער געוואוינט, האָט מען איהם געשאַצט אין עטליכע שעהנע אַלפים

רובל. אַרומפּאָהרענדיג איבער דערפער און חוטאָרעס פּלעגט רבֿ יודעל פּערקעהרען אויך צו זאַזוליען.

ויהי היום, אין אַ קאַלטען און פינסטערן אָסיען־אָווענד איז געזעסען רבֿ יודעל אויפ׳ן חוטאָר בײַ זאַזוליען. אויפ׳ן טיש האָט געצאַנקט אַ קנויט אין אַ שערביל מיט חלב, און זאַזוליאַ האָט גערעדט און גערעדט, האַלטענדיג רבֿ יודלען בײַם לאַצקאַן...

— פּריסניוּוסיאַ... צו חלום געקומען — זאָגסטו? פרעגט רבֿ יודעל.

— טאַ קאָזשו־זש טאָבי — ענטפערט זאַזוליאַ — געקומען צו חלום און זאָגט: „קוּזמאַ. צוגראָב דאָס בערגיל נעבען חוטאָר און וועסט דאָרטען געפינען...“

— וויפיעל — האָט ער ניט געזאָגט?

— ע, וואָס איז שייך, וויפיעל! מען זאָגט דאָך דיר, אַנ׳אוצר! ס׳וועט אַדאַי זיין גענוג פאַר אונז ביידען... איינס נאָר איז ניט גוט: אַזוי ווי דו ווייסט דאָך, איז איצט אין אונזער געגענד כּלל פערבאָטען צו גראָבען אוצרות...

— וואָס־זשע טהוט מען?

— אדרבה, זאָג דו, גיב אַנ׳עצה...

אַ גאַנצען ווינטער איז רבֿ יודעל אַרומגעגאַנגען ווי אין חלום; עטליכע מאָל איז ער געפאָהרען אויפ׳ן חוטאָר און זאַזוליאַ איז ניט זעלטען געוועזען בײַ איהם אין גרוינעוקע, — און אַז

ס'איז געקומען דער פריהלינג, האָט מען געקאָנט זעהן ביי זאַזוליען אויפ'ן הוטאָר עפּיס גאָר מאָדנע זאַכען: וועגען מיט געהילץ, מיט שטיינער, מיט קאַלך האָבען זיך געשלעפּט אַהין און צוריק; אַ גאַנצע מחנה חלאָפּצעס האָבען געאַרבייט פון בעגינען ביז אָוונד... וואָס איז? זאַזוליאַ מיט רב יודלען האָבען געסטרויעט אַ ביער־ברויעריי...

אַ חודש צייט האָט מען געפיהרט מאַטעריאַל, געגראָבען און געלעגט אַ פונדאַמענט א. ד. ג. דערנאָך האָט זיך די אַרבייט אָבגעשטעלט, די חלאָפּצעס זענען אַוועק אין סטעפּ צום סיענאָקאָס; אויפ'ן הוטאָר איז געוואָרען פּוסט און שטיל...

פּוסט און שטיל איז געווען אויפ'ן הוטאָר, און קיין איינציג אויג האָט ניט געזעהן, ווי יעדע נאַכט האָבען געאַרבייט ביי דעם קורגאַן צוויי מענשען, זאַזוליאַ און רב יודעל... די הענד האָבען ביי זיי געציטערט, דער שוויים האָט געגאָסען פון זיי ריטשקעסווייז... זיי האָבען געגראָבען און געגראָבען, געזוכט און געטאַפּט און לסוף טאַקע געפונען... וואָס? אַ שטיינערנע טרונע און אין דער טרונע — אַ קאָזאַק!!!...

— הערסטו, רחל? — פלעגט דערנאָך דערצעהלען רב יודעל — איך זאָג דיר: אַ לעבעדיגער! ממש אַ מענש, וואָס שלאָפט זיך געשמאַק און רוהיג... און אַלץ כדבעי ביי אַ קאָזאַק: די בלויע טשאַמאַרקע מיט די ברייטע, ברייטע פּלודערן, מיט דער שמויסענער הויכער הימעל, מיט הכל בכל, אַנ'אויסגעטאָקטער, אַ לעבעדיגער קאָזאַק!... נור מיינסטו אפשר לאַנג איז געווען נחת צו קלויבען קוקענדיג אויף דעם נפש? אַ מינוט,

אפשר צווײ: עס האָט אַ בלוז געטהון אַ קיהל ווינדטעלע פון פעלד און עס איז געוואָרען עפר ואפר, — דאָס היטעל, די טשאַמארקע, די שטיוועל — אַלץ האָט זיך אין איין אויגענ־בליק צושאָטען אויף שטויב, אַפילו פון די ביינער זיינע איז קיין זכר ניט געבליבען... געפונען האָבען מיר נאָך: אַ צו־פוילטען זאָטעל מיט קופערנע בליאַשקעס, אַנ׳אָבגעשמיסענע נאַגאַייקע, אַ לולקע, אַ טראַנטע, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ קיסיעט מיט טיוטיון און זיעבען פערשימעלטע קופערנע פיאַ־טאַקעס מזומן...

— און דאָס האָט אָבגעקאָסט מי יודע וויפיעל, אַ פער־מעגען! אַז אָך און אַז וועה איז צו מיינע יאָהרען! — האָט געקלאָגט רחל — אַנ׳אוצר, אויף אַלע שונאי ישראל געזאָגט! אַנ׳אוצר... אַ לעבעדיגער קאָזאַק...

— אָבער טאַקע אַ לעבעדיגער!... הערסטו, רחל, איך זאָג דיר...

II.

„... קלויב דיר אוים מענשען — האָט אין אלקעריל געטייטשט דער מלמד מ׳ט׳ן יונגעל — קלויב דיר אוים מענ־שען פעהיגע, גאָטספאָרכטיגע, מענשען מיט יושר, וואָס האָבען פיינד חאַבאַר און שטעל זיי איבער׳ן פאָלק... און זאָלען זיי משפט׳ן דאָס פאָלק...״

און דאָס קינד האָט נאָכגעטייטשט נאָכ׳ן מלמד וואָרט נאָך וואָרט, ל׳יענענדיג די געשיכטע פון דער סדרה יתרו —

די געשיכטע פון דער גרויסער רעפארם, פון „ערשטען גלאסני סוד" מיט די „פריסיאזשנע זאסעדאטעליעס". וואס איז איינגע־פיהרט געווארען אין מדבר סין, אין דעם אלטען, וויסטען מדבר...

דער שני איז אראב פון די פעלדער, דאס איז פון די טייכען... גרינע גראז און פרישע בלומען האבען בעדעקט די בערג און די טהאלען... „פרשה יתרו" איז געגאנגען אין רוס־לאנד, און דאס גאנצע לאנד האט זיך געגרייט צו א נייעם, ליכטיגען, פרייען לעבען...

יאהרען זענען געגאנגען... יאהרען זענען געפלויגען...

ניט ווייט פון זאוּליעם חוטאר, אויפ'ן גרויסען שליאך צווישען אונזער גזרה׳וקע און רמות־הקצפים איז געשטאנען דער „מאהילנער טראקטיר". רב יודעל איז געווארען אלט און שוואך, איז אונטערגעוואקסען זיין יונגעל און האט זיך גענומען פיהרען דעם טאטענ'ס געשעפט; אין א יאהר פופצעהן ארום איז דאס יונגעלע שוין אליין געוועזן א טאטע מיט אנ'אייגענעם סקלאד פון י"ש און שפירט און ניט נאר אין גזרה'וקע, שמוינעווקע און גרוינעווקע, נאר אפילו אין דער גרויסער שעהנער שטאדט רמות־הקצפים האט מען געקענט און געשעצט ניט איין רב יודלען... עס האבען זיך בעוויזען פיעל מיוחסים און גדולים למשפחת השינקרים... און אט דאס איז געוועזן כמעט אלץ, וואס ביי יודען איז געבליבען אין אונזער געגענד נאך דער סדרה יתרו מיט די גרויסע בעפרייאונגס־רעפארמען פון יענע ליעבע, ליכטיגע יאהרען...

איך פאָהר ווידער מיט'ן גרויסען שליאַך... איך פאָהר פון דער שענער און פרעהליכער שטאָדט רמות־הקצפים אין אינ־זער וויסט און אָרים שטעדטיל גזרה'ווקע...

איך פאָהר אויף קבר־אָבות און שטעל זיך אָב אין מאָהיל־נער טראַקטיר...

אַנ'אַנדער רב יודעל מיט אַנ'אַנדער רחל האנדלען מיט „מאָנאָפאָלקע" מישטיינס געזאָגט... פינסטער און וויסט איז רב יודעל'ס פנים... אויס, ניטאָ דאָס ליכטיגע, ליעבע שמייכעלע, נישטאָ די פרייד, דאָס פערגעניגען וואָס אַמאָל... דער איצ־טיגער רב יודעל קריכט ניט זוכען אוצרות אין די אַלטע פער־שימעלטע מאָהילניקעס... דער קאָזאַק אָבער, און טאַקע אַ לע־בעדיגער, קריכט אַליין ארויס פון זיין רוהה... און אַ פחד, אַנ'אימת־מות פאַלט ווי אַ שוואַרצע חמאַרע אויף באַרג און אויף טהאָל... און אין אַלקעריל זיצט ווידער דער מלמד איינגע־בויגען און איינגעהויקערט און טייטשט מיט'ן יונגעל ווידער פון פרשה יתרו:

„— לא טוב, ניט גוט איז — טייטשט דער מלמד — דאָס וואָס דו טהוסט מיט'ן פאָלק... קלויב דיר אויס פון גאַנ־צען פאָלק מענשען פעהיגע, גאָטספאָרכטיגע מענשען מיט יושר, ניט קיין חאַבאַרניקעס"... ואתה תחזה — זאָגט דער פסוק — קוק דיר אויס מכל העם — הערסט? — מ כ ל ה ע ם, פון גאַנצען פאָלק, אָדער נאָך ריכטיגער: פון אַלע פעלקער, וואָס

וואוינען אין די מדינות פון גרויסען און אָבגעשלאָפּטען, שטאַר־
קען און הונגעריגען קעניגרייך..."

דו, אַלטער, נאַרישער מלמד! רב סובאָרין און רב קאָ־
מאַראָוו, רב גרינגמוט און רב קרושעוואַן טייטשען אַנדערש דעם
פסוק, — „מכל העם" הייסט: פון אַלעמען חוץ יודען... עס זאָל
פון זיי קיין זכר ניט זיין אין דעם נייעם גרויסען סנהדרין...

און אַט איז שוין אַלץ פאַרטיג: מענשען פעהיגע, גאַטס־
פאָרכטיגע, מענשען מיט יושר יושבים ועטרותיהם על ראשיהם—
זיצען בעקרוינט מיט פאָלקס־צוטרוי צו זייער פערשטאַנד און גע־
רעכטיגקייט און בעקלערען די חוקים און משפטים, וואָס זענען
נויטיג פאַר'ן לאַנד... און אין דעם אוהל־מועד פון דער „רוס־
קאָיע סאָבראַניע" לייענט מען רעפעראַטען, צעהנדליגער, הונ־
דערטער רעפעראַטען, נאָר אין זיי זאָגט קיינער קיין איינציג
גוט־וואָרט ניט פאַר יודען... איז דאָס דען אַ יושר?

— ניין! — זאָגט רב אַלעקסיי סערגייעוויטש סובאָרין:

הערט־אויס, מיינע פריינד, קאָמאַראָוו, קרושעוואַן,
גרינגמוט־לעב, דיערזשימאָרדאַ וכו':
גלענצענד אויסגעפיהרט האָבען מיר אַלע דעם פּלאַן,
וואָס אָבער איז, זאָגט מיר די פּעולה?
אמת טאַקע, מיר האָבען נצחון אַ סך,
איינס אָבער איז שוואַך, ליעבע ברידערלעך, שוואַך:

מיר האָבען מלחמה ביי־טאָג און ביי־נאַכט
געהאַלטען מיט גבורה און כבוד:

א תל פון די ײדישע אין רוסלאנד געמאכט,
אין אײזערנע קײטען פערקאָװעט,
פערשלאָסען, פערשפארט זײ, ארום און ארום
אין אײנג זײ און ביטער, און פינסטער, און שטום.

מיר האָבען דערשטיקט יענעם כח אין זײ,
װאָס פלעגט, װי א שטראָם אין די שטראַהלען
פונ׳ם פריהלינג, זיך רײסען דורך אײז און דורך שנײ;
אין די טהאָלען די װיסטע צופאלען
און אָנטרינקען זאט נאָכ׳ן נעבעל און קעלט
דאָס דורשטיגע, מאטע, פערטריקענטע פעלד...

מיר האָבען דערשטיקט זײער קראפט ביז אנ׳עק,
און זאָלען זײ ליעגען אין צרות,
ניט געניסען פון פרײהײט אפילו א לעק...
אײנם מזיג אָבער דאָ אויף כפרות —
מיר האָבען גערארפט עס בעקלערען פאָראויס,
עס איז מיר, צום אומגליק, פון קאָפ גאָר ארויס:

אז מ׳האָט שוין מיט יודען בײ אונז ביז׳ן גרונד,
װי עס רעדט זיך, געשלאָגען הושענות,
טאָ פון װאנען־זשע װעלען זיך נעהמען אצונד
צו יודען פרידירקעס און טענות?
װאו װעלען מיר זוכען עברות אויף זײ
צו אויפהויבען װידער א גװאלד, א געשרײ?...

בכן, ליעבע פרײנד, גרינגמוט־לעב, קרושעװאַן,
קאָמאראָװ, דיערושימאָרדא! הערט ברידער —
הערט מיט קאָפ, — כ׳האָב א גוטען, א קונציגען פלאַן:

ס'זאָל די יודען ערלויבט ווערען ווידער
„קאַססאַ סבודעס" צו עפענען פריי, אָהן פערבאָט,
און בראַנפען פערקויפען אין דאָרף און אין שטאָדט, —

ווידער שעפען אין רוסלאַנד אַזוי ווי אמאָל
פון שענק די פרנסה די פיינע,
און מיר וועלען אויפהויבען ווידער דעם קול
מיט אַ קלאָג פון דער אַלטער בת-יענה:
„זשיד-פיאַווקאַ! זשיד-יאַזווא!... רעביאַטאַ, פּאָראַ!
נעהמט זיך פלייסיג אַקאָרשט צו דער ארבייט! הורראַ!!!"

„הורראַ!!!" — האָט אַ דונער געגעבען אין זאַל...
די מאָה די שוואַרצע האָט בראַוואָ
געפּאַטשט... ס'האָט געפליעסקעט אַזוי ווי אַ קוואַל...
עס זענען פון יעדער קאַנאַווע
געקראָכען באָסיאַקעס, געלאַכט און געברילט,
געטאַנצט און געפייפט און געקוליעט זיך ווילד...

נאָר רב יודעל מיט רחל'ען זענען זיך געזעסען רוהיג אויף זייער נחלה, ס'הייסט אין „קאַססאַ-סבוד" און אין שיינק, וואָס עס איז זיי אָבגעגעבען געוואָרען אָנשטאָט אַלע אַנדערע „ביר-גערליכע רעכט" און האָבען געצאַפּט פרנסה בכבוד פון פעסעל אין פלעשעל און פון פלעשעל אין קעשענע...

חלום חלמתי — אַ שווערען, אַ בייזען, אַ פינסטערן חלום...

רבונו-של-עולם! און דאָס איז אַלץ, וואָס עס וועט אונז, יודען, בלייבען, נאָך דער צווייטער „סדרה יתרו" אין רוס-לאַנד?!...

צינד-אָן דעם הייסען, עם רויטען, דעם פלאַמענדיגען
שאַנד אויף אונזערע באַקען!

מיר זאָלען ניט זיצען אזוי ווי אַנ'אָבל,
ניט קריכען אין שטויב ווי דער וואָרעם;
עס זאָל די פערשאָלטענע טאָכטער פון בבל
ניט טאנצען אויף אונזערע קברים!...

אקלארע תשובה*)

אַ בריעוועל צום רעדאַקטאָר.

געעהרטער הערר!

דעם דאָזיגען בריעוועל האָט מיר צוגעשיקט אַ בעקאַנטער יונגערמאַן מק"ק שמוינעווקע, אַ בחור'ל אַ לייטיש קינד, מיט אַ בקשה דורכלייענען עס און זאָגען מיין מיינונג. „אַז עס איז גוט — שרייבט ער — ווייס איך אַפילו אַליין, און אויף גוטעס דאַרף מען קיין מבין ניט, נאָר וואָס אַרט מיך — זאָגט ער — אַז עס וועט זיין אויף דעם אויך אַייער הסכמה?"

אַודאי טאַקע, וואָס זאָל עס איהם אַרען?...

אָט איז דאָס בריעוועל:

ליעבער הערר רעדאַקטאָר!

די וועלט זאָגט אַ ווערטיל.. „וואָס עס וועט זיין מיט כל

---

*) אין יאָהר 1900 האָט דער „יוד" געהאַט פונאַנדערגעשיקט זיינע אַבאָנענטען פאָלגענדע פראַגען: 1) ווי אַלט זענט איהר? 2) וואָס איז אייער בעשעפטיגונג? 3) וואו האָט איהר זיך געלערנט? 4) וויפיעל מענשען לייענען אייער עקזעמפּליאַר „יוד" אויסער אייך? 5) לייענט איהר אויך אַנדערע זשאַרגאָנישע ווערק? 6) לייענט איהר העברעאישע צייטונגען אָדער ביכער? 7) לייענט איהר אויך צייטונגען און ביכער אין אַנדערע שפּראַכען און אין וועלכע? 8) וועלכע אָבטיילונג פון „יוד" געפעלט אייך?

ישראל לאַז זיין מיט רב ישראל". איך ברייננג עס אַקעגנען דעם, וואָס אַז קיין עין הרע 40,000 יודען (איך רעכען דאָס די אַבאָ־נענטען פון „יוד" — און אויף מעהר לאַז אייך גאָט העלפען!) ווילען זיך אַוועקזעצען שרייבען אַנ'ענטפער אויף די „פראַגען", וואָס איהר האָט צוגעשיקט מיט'ן נומר 26, טאָ מיט וואָס בין איך דאָס ערגער פון אַנדערע? ובפרט אַז שרייבען קען איך, צייט האָב איך און שרייבען ווילט זיך. אלא וואָס? דער לשון, די מליצה, איז ביי מיר אפשר ניט אַזוי קונציג, טאָ זענט איהר דאָך אַ רעדאַקטאָר, נעהמט (קרעפליך זאָלט איהר עסען!) אַ פען אין האַנד, מעקט אויס, שרייבט צו, מאַכט איבער ווי איך געפעלט, עס מעג אפילו אַ וואָרט נישט בלייבען פון דעם, וואָס איך האָב אָנגעשריבען, אַבי נור די חתימה מיינע, די חתימה, פערשטעהט איהר מיך, זאָל בלייבען אינגאַנצען, ויאָרום איהר ווייסט דאָך, אַז פאַר אונז, פאַר'ן רוב זשאַרגאָנישע מחברים, איז דער עיקר הדבר נור די חתימה, דער נאָמען זאָל זיין גע־דרוקט, און טייערער פון אַלץ איז דאָס ביי אונז, שמוינעוו̇קער פּאָעטען, מחמת וואָס אייגענטליך דאַרף מען צו פּאָעזיע? גראַמען: טויט — ברויט, קנעפּיל — קעפּיל, אימה — בהמה, פליגען — ציגען... עס שיט זיך ווי באָב, און עס וואָלט זיך גאָר ניט אויפהערען צו שיטען, ווען עס וואָלט ניט שטעהן אונטען די חתימה: אונטערגעשריבען זיך און אַ סוף — דער זאַק מיט'ן באָב מאַכט זיך צונויף ביז'ן צווייטען מאָל, און אַזוי געהט עס ווי אַ מזמור ביי היינטיגע פּאָעטען...

נאָר ניט דאָס בין איך אויסען. איך האָב דאָך אָנגעהויבען וועגען די „פראַגען" אייערע און אויף אייניגע פון זיי וועל איך ענטפערען נאָך מיין פערשטאַנד נאָך, טייל אין גראַמען, טייל

אויף פראַסט־יודיש. קיין גרויסע נייעס וועל איך דאָ ניט אויפ־טהון. דאָס וואָס איך האָב צו זאָגען זענען גאַנץ אַלטע זאַכען, נאָר כּדי מען זאָל זיי ניט פערגעסען, איז כּדאי צייטענווייז איבערצוחזר'ן און דערמאָהנען זיי יענע אונזערע יודעליך, זאָלען לעבען, וועלכע האָבען אויף אַזוינע זאַכען אַ קורצען זכרון...

די ערשטע פראַגע אייערע איז:

— „ווי אַלט זענט איהר?"

וואָס זאָל איך אייך אויף דעם ענטפערן?

* *

*

ווי אַלט איך בין — דאָס וויסען קלאָר
קען, דוכט זיך מיר, ניט קיינער:
מען זאָגט — כּמעט דריי טויזענד יאָהר,
נאָר דאָס מוז זיין אַ טעות גאָר,
און טאַקע ניט אַ קליינער...

יאָ, אמת, אָפּט בין איך אי בלינד,
אי טויב — אַנ'עכטער זקן,
וואָס איהם קען גובר־זיין אַ קינד,
און פאַר אַ רעגען, פאַר אַ ווינד
בעהאַלט ער זיך דערשראָקען.

איך פיהל אין זיך קיין טראָפּען בלוט
און קיין געזונדען אבר;
פערלאָרען גלויבען, קראַפט און מוטה —
פערשטעהה נור איינס, ווי זיס און גוט
עס איז דער שלאָף אין קבר...

נאָר צייטענווייז דערפיהל איך גאָר
אין זיך אַ זעעל, אַ נייע...
אוים קראַנקע ברוסט! אוים גרויע האָר
די ערד ווערט גרין, דער הימעל קלאָר,
דאָס לעבען אַ מחיה...

איך בין אַ קינד און בין אַ העלד:
איך פיהל אין יענע צייטען —
ניטאָ קיין איינציגם אויף דער וועלט
פאַר מיר פערבאָרגען און פערשטעלט
איך זאָל מיט דעם ניט שטרייטען,

און אַלע צרות גובר זיין
זאָל גאָט מיר ניט בעשערען...
אַזוי אָט לעב איך שעהן און פיין —
פון קאָפּ ביז פיס אין לייד און פיין,
אין גאַנצע טייכען טרעהרען.

נאָר רוהיג זיין מיט הארץ און זין
און פיהלען אַז אַ מ ע נ ש איך בין
ווי אַלע האָטש אַ ווייל'ע;
דאָס קען איך ניט, מיין ליעבער פריינד!...
טאָ וויפיעל זאָל איך אַלט זיין היינט?
פרובט, ענטפערט אויף די שאלה...

וויטער מיין ליעבער הערר פרעגט איהר:

„— וואו האָט איהר זיך געלערנט?
וואו האָב איך זיך געלערנט? — אָח,
צוויי טויזענד יאָהר כסדר
טראָג איך אויף זיך דעם גרויסען יאָך

פון לערנען, חזר'ן... און נאָך
ביז איצט גייע איך אין חדר...

מלמדים האָב איך אַלערליי...
דערמאָהנענדיג־זיך נור אויף זיי
פערחאַפּט מיר אַזש דער אָטהעם...
צוויי טויזענד יאָהר אַז אָהן אַ שעור
צוויי סדרות לערנען זיי מיט מיר —
אוי! „בלק" און „משפטים"!...

וואָס אָבגעקאָסט האָט רבי־געלד
און ווי מען האָט געשמיסען
בערעכנען — נעהמט מיך דורך אַ קעלט...
ניטאָ דער קאַנטשיק אויף דער וועלט
וואָס כ'זאָל זיין טעם נישט וויסען!...
גענוג געחאַפּט אי קלעפּ, אי שמיץ,
גענוג געפיהלט אי קעלט, אי היץ
און צרות אָנגעקליבען...
גענוג געקנעלט מיט מיר, — און דאָך
אַ חדר־יונגעל בין איך נאָך
ביז איצט, ביז איצט געבליבען!...

ניט געקלערט און ניט געטראַכט —
וואָלט איך הערען טאָג און נאַכט
בבא־מעשות, ליעדלעך
פון דער ווייסער ציגעלע
הינטער אונזער וויגעלע,
פון די רויטע יודלעך...

זיסע מעשות אָהן אַ צאָהל
פון משיח'ס צייטען,

ווען מיר וועלען אויך אמאָל
ווערען גלייך צו לייטען, —

וועלען טרינקען זיסען וויין;
רענדלעך וועלען אונז אריין
טויזענד גלייך אין בייטעל...
און אזוי־אַט געהט עס — אַח! —
ביז איך חאַפּ אַ גוטען שטאָך
פון דעם רבי'ס טייטעל...

נאָר גאָר נישט — עס געהט אָב מיט וועהטאָג, און איך געה ווייטער אין חדר... אַ סימן, אז איך האָב זיך נאָך ניט גענוג אויסגעלערנט, און גאָט מסתמא ווייסט וואָס ער טהוט...

* *
*

נאָך אויף אַ פראַגע אייערע וואָ־ט איך געוואָלט ענטפערן.
איהר פרעגט:

„וואָס איז אייער בעשעפטיגונג?"
מיט וואָס בעשעפטיג איך זיך? — עט,
אַ שאלה כ'לעבען!... קלוג גערעדט.
פרעגט בעסער: מיט וואָס ניט?
ביי מיר אין קרעמיל קאָבט און זידט, —
אַ האַנדעל — אַ יריד!

ביי מיר בעקומט איהר מעהל און באָב,
אַ לולב מיט אַ טשאָלענט־טאָפּ,
אַ פאָהן אויף שמחת־תורה, —
און אַלץ די בעסטע סחורה...

דער קאָפּ פערדרעהט...
איך בלייב אָהן הענד...
דער האַנדעל געהט,
דער האַנדעל ברענט —
מיט פעך
מיט בלעך,
מיט האָלץ,
מיט פויגעל=מילך, מיט יקנה"ז,
מיט צוועקעס, מיט קמעות,
וואָס העלפען באַלד צו וואָז איהר ווילט,
סיי אָבגעביהט און סיי פערקיהלט, —
איך שוועהר ביי באָרד און פאות!...
וואָס ווילט איהר נאָך? אויך האַנדעל איך
מיט בשמים, מיט חליצה=שיך,
מחזורים און סדורים
און גרייגערעס אויף פורים,
מיט זאַלץ,
מיט שמאַלץ,
מיט ווינד, מיט רויך
און מיט אתרוגים אויך,
מיט וויין,
מיט לײן,
מיט וואַקס,
מיט פלאַקס,
מיט אַלע מינים תבואות,
מיט פרישע גרינס אויף שבועות.

ביי מיר בעקומט איהר עסיג, טהיי,
טלתים=קטנים אַלערליי
און זייף, און יאַרמעלקעס, און היי,

און אויב איהר ווילט -- הבדלות
לאנגע ווי דער גלות...
א כלל — איך טאפ
און זוך און חאפ,
און דרעש און מאהל,
און פרוב און קלייב;
און שטארב דריי מאל
מיט קינד און ווייב
אין קריינק, אין פלאג,
אין נויט, אין קלאג
פאר הונגער יעדען טאג...

— — — — — — — — —

נאר דאס איז דאך — וועט איהר זאגען — נור מליצה פאעזיע, און איהר, הערר רעדאקטאר, דארפט דאך סטאטיסטיק; איהר זענט טאקע גערעכט, און איך וועל געבען סטאטיסטיק אויך.

די 4=טע פראגע אייערע איז: וויפיעל מענשען לייענען אייער עקזעמפליאר „יוד" אויסער אייך?"

אויסער מיך און אונזער גאנץ הויז=געזינדעל זאל לעבען לייענען מיין „יוד" דריי היגע, ד. ה. שמוינעווקער יודען: אונזער פאדריאטשיק, אונזער אפטייקער און אונזער ראבינער.

דער פאדריאטשיק שרייבט אויס די „גובערנסקיא וועדאמאסטי", ווייל זיי זענען איהם נויטיג צו טארגעס און פאר-

ריאַרען; חוץ דעם שרייבט ער אויס אונזער שמוינעוויקער רוסישע גאַזעט אויך, מחמת ער איז בעקאַנט מיט דעם רעדאַקטאָר און שפּיעלט מיט איהם אין קלוב אין קאָרטען, איז איהם — זאָגט ער — שווער אויסצושרייבען נאָך אַ דריטע צייטונג, עס וועט דאָך אָבקאָסטען אַ יאָהר מי יודע וויפיעל! — נאָר לייענען איז ער אַ בעלן, שיקט ער צו מיר יעדע וואָך אַנטלייהען דעם נומער.

דער אַפּטייקער וואָלט אַפילו אַליין אויסגעשריבען דעם „יוד", נאָר די מניעה איז, וואָס דאָ ניט לאַנג האָט ער גענומען צו זיינע צוויי פּאַניצלעך אַ גאָווערנאַנטקע, אַ קריסטליכע, און האָטש — זאָגט ער — זי מוז וויסען אַז ער איז אַ יוד, און ער וויסט אַז זי וויסט טאַקע אַז ער איז אַ יוד, דאָך פּאַסט ניט — זאָגט ער — אַז אין אַזאַ הויז זאָל אָנקומען אַ יודישע גאַזעט, שיקט ער צו מיר זיינעם אַ „אַפּטעקאַרסקי אוטשעניק", אַ יודיש יונגעל, און נעהמט ביי מיר מיין עקזעמפּליאַר.

דער ראַבינער אונזערער וועט — ווי ער זאָגט — אין אַ יאָהר צוויי-דריי אַרום איה"ש אַליין אויסשרייבען אייער צייטונג און דערווייל נעהמט ער דעם „יוד" ביי מיר, מחמת — איך וועל אייך זאָגען בסוד — ער לערנט זיך נאָך ערשט לייענען... ער איז, פערשטעהט איהר מיך, פון די נייע, פון די היינטיגע ראַבינערליך...

אויסער די דריי בענוצט דעם „יוד" נאָך איינער אונזערער אַ שמוינעוויקער, רב כתריאל-בער פאַבריקאַנט (ער פאַבריצירט טרוקענע הייוועז). אַליין לייענען, זאָגט ער, האָט ער קיין צייט נישט, נאָר הערען נייעס פון אַ גאַזעט האָט ער ליעב און איבער-הויפּט אינטערעסירט ער זיך מיט פּאָליטיקע, למשל, וואָס

טראכט וועגן א מלחמה דער פראנצויז? וואס וועט טהון דער גרעק, און וואס הערט זיך מיט'ן טערק? מען זאגט — ער הויבט זיך? און נאך אזעלכע שפיצינגע ענינים פון פאליטיקע...

אלזא, ליעבער הערר רעדאקטאר, אט האט איהר א קלא־רע תשובה אויף פיער פון אייערע „פראגען". די איבריגע פיער זענען אפשר אויך טאקע גאנץ וויכטיגע, נאר ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען? א טאטע אז מען פרעגט איהם פיער קשיות, ענטפערט ער זיי אב מיט איין תירוץ, איך האב אויף אייערע אכט פראגען געגעבען פיער ענטפערס: על פי הגדה האב איך שוין בודאי יוצא געווען, און אויסער דעם ווייסט איהר דאך אליין, אז קוק זיך נור א ביסעל ארום אין אונזער יודיש וועלטיל, הויבען־אן צו קריכען אין קאפ אריין טויזענדער שאלות און קשיות, ווי למשל: גוואלד, וואס איז דאס? וואס זענען דאס פאר משונה־ווילדע זאכען? וואס פאר מיני רייד, געגג, אנ־שטעלען, חניפה'לעך, הינטער־פיסלעך, אויבער־הסברות, קינדער־שפיעל, רייסעניש און בייסעניש, וויסטע בטחונ'ס, פינסטערע גליקען, ביטערע נחמות?... און נאך טויזענד און מיליאנען שאלות, אויף וועלכע עס איז דא נור איין תירוץ, דעם טאטענ'ס אלטער תירוץ: „עבדים היינו"...

און דער תירוץ, ווי איהר זעהט, פאסט טאקע זעהר

גוט ניט נור צו דער הגדה אליין, נאָר אויך אויף אלע נעכט פון א גאַנץ יאָהר, אויף אלע פינסטערע נעכט פון אונזער א׳מעטיגען לעבען...

פון מיר אייער אבאָנענט

שמואל חינקע־פריידעס באבראווער.

שטוינעווקע.

חיים'קע קראמאלניק

און

יענקעלע חקרן.

א שטיקעל קאָמעדיע מיט כאָר-ליעדער, וואהל-צעטליך, מתים-טענץ, פויגעלעך אין בוזעם, גסיסה-חנ'דליך, שווארצע פאָהנען און מיתה-משונה'ס

———

די סצענע שטעלט-פאָר א וואלד אָהן וועגען און אָהן סטעזשקעס, אָנגעזאפּט מיט פייכטען, גרויען נעבעל. דאָ און דאָרט טהוען צייטענווייז א בלישטש עטליכע רויטע וואנדעל-פייערליך, צושיטען זיך צווישען די צווייגען און ווערען פער-פאלען אינ'ם נעבעל. אויף אַנ'אַלטער, קרומער ווערבע זיצט א קראָה און צורייסט זיך שרייענדיג: קררא-מאַלאַ!... קרראַ... קררראַ-מאלאַ!... אין א לאָך פון אַנ'אויסגעהוילטען בוים ליעגט פערקראָכען חיים'קע קראמאָלניק מיט א שטיקעל פון א רויטער פאָהן אין דער לינקער האנד און מיט א „פראָזבע" אויף א בויגען הערבאָווע פּאפּיר אין דער רעכטער האנד, ער ציטערט פון קעלט, גענעצט און לייענט קריאת-שמע: „ואל יבהלוני — שעפּטשעט ער — פראָקלאמאציעס ועס-ער'ן רעים ובונדיסטען רעים... מימיני גראף היידען, משמאלי פירסט טרובעצקאי

ומאחורי... פון דערווייטענס דערהערען זיך שטימען... חיים'קע פערהאלט דעם אָטהעם און בלייבט ניט טוידט, ניט לעבעדיג...

דאס ערשטע בילד:

רייטענדיג אויף אַ מכשפה און ארומגענארטעלט מיט אַ תליה=שטריק, פליהט אריין דובראָווין.

דובראָווין:

זשאבעס! ראקעס!
וואָלקאָלאקעס!
בייזער שטורם=ווייבער!
גרינע פיפערנאָטערען!
שווארצע קעץ און קאָטערען!
גיט אַנ'עצה גיכער:
וואָס פאר כּדות
אויף די זשידעס
קאָנען ווירקען בעסער? —
מיט נאגייקעס שמייסען זיי,
צו מיט צוואנגען רייסען זיי?
שטעכען זיי מיט מעסער?
כאפען, שלעפען,
הענגען, קעפען,
בראָטען, פרעגלען, בריהען?
אָדער בעסער פאָדערען,
אז מען זאָל די אָדערען
איינציגווייז זיי ציהען?...

(דערזעהענדיג גורקאָ'ן)

ניט זאָרג מיין ליעבער גורקאָ!
מיר היטען דיך פון צרות...

גורקאָ:

וועק דו גראָבער יורקע!
איך דאַרף דיר אויף כפּרות!
איך בין אַליין אַ העלד, אַ ריעז;
זאָל דונערען און בליצען —
עס וועט מיך דרייפוס פון פּאַריז
בעהיטען און בעשיצען.
אינ׳איינעם מיט סובאָרינ׳ען
וועט ער מיך שוין בעוואָרענען...
אַך לעבען זאָלען יודען!
איך בין מיט זיי צופריעדען.

קאָקאָווצעוו:

און איך אַ פּשיטא!... ס׳איז אָמאָל
ניט גרינג. ס׳קוסט־אָן מיט וועהטאָג,
און פּאַרט, פּראָצענטעליך בעצאָהל —
בעקוממט וויפיעל ס׳נויטיג...

יענקעלע חקרן:

און פאר דער גאַנצער וועלט
ווערט קלאָהר און פעסט געשטעלט,
אַז יודען דאַרף מען שלאָגען —
וועט מענדעלסאָהן אייך געבען געלד
און דרייפוס עדות זאָגען...

גראַף היידען:

האַ? שלאָגען? איך האָב עס פיינט:
אַנ׳אַנדער טאַקטיק דאַרף מען היינט...

איך האָב געהאַט אַנ'עלטער ווידען;
געהייסען האָט ער אויך גראַף היידען,
אַ גענעראַל געוועזן אַ העלד,
געאַרבייט מעשים אויף דער וועלט
אַ גענעראַל איז אויך מיין זיידע
געוועזן. ניט ווייניג האָבען ביידע
פערגאָסען בלוט. איך אָבער — ניין,
מיר איז אודאי רוסלאַנד טייער,
און איך בין גרייט אין דומע געהן,
נאָר אַלס אַ פריעדליכער בענייער:
בענייען אַלץ אין אונזער לאַנד
מיט נחת פון אַ ברייטער האַנד,
מיט שפע פון אַ פולער שיסעל —
עס זאָלען אַלע ווערען זאַט,
געזונד און פריש, און פעט, און גלאַט.
עס זאָל אפילו... פלישיש בראַט? —
דעם יודען בלייבען אויך אַ ביסעל!...
הא? טשאַרט וואָזמי, ניט שלעכט? פערשטעהסט,
וואָס פריעדליכע בענייאונג הייסט?

יענקעלע חקרן:

פאַר יודען? אָ, מיין ליעבער האַרר,
דאָס וועט פערשטעהן דער גרעסטער נאַר.
נאָך אַלע צרות, קללות,
נאָך אַלע אַלטע לייד און פיין
וועט אייער נייע רוסלאַנד זיין
אַ שפּאָגעל=נייער... גלות!!...

דאס צווייטע בילד.

עס הויבט זיך אויף א שטורם... ווינד־ווילען דרעהען זיך צו־שיטענדיג ארום און גאנצע הויפענס פלאטפארמען, פרא־גראמען, וואהל־אויפרופען און וואהל־צעטלעך און פון אלע זייטען גיסען זיך כאהר־שטימען מיט'ן ניגון פון'ם אלטען ליעדעל:

אונזער שניידער־שוהל'כעל
אום הושענא־רבה
דרעהט זיך ווי א מיהל'כעל —
מ' קלייבט א נייעם גבאי
א נייעם גבאי קלייבט מען.
גבאים — קיין עין הרע:
ביי וועמען אבער בלייבט מען?
אט וואו עס ליעגט די צרה!...

דער ערשטער כאהר:

וואס הייסט — ביי וועמען? ליעבעברידער,
ביי אונז, ביי אונז, נאטירליך, ווידער!
מיר האבען צוויי און זיעבציג טעג
געארבייט, ממש דול געווארען —
געמאכט פראטעסטען אהן א ברעג,
געזוידעלט אלע מיניסטארען:
און ווי אזוי געזוידעלט?! ס'פלעגט
א שטורם געהן פון יענע נאטען!...
מיט פעך און שוועבעל זיי געדעקט,
דעם שווארצען מאהן אויף זיי געשאטען.

יענקעלע חקרן.

(כאפט אונטער:)

בעוואלצט, בעפעפערט און געבראטען, —
הקיצור, ס'האט זיי שוין געקלעקט!...

דער כאָהר.

(לעבעדיג):

און ס'וועט נאָך מעהר זיי קלאַקען!
אָ, גלויבט אונז אויפ'ן וואָרט.
מיר וועלען זיך ניט שרעקען
פאַר קיין מיניסטער דאָרט.
מיט אלע אקסעלבאַנטען,
מיט אלע רויטע קאַנטען,
מיט אלע קנעפּלאַך מעשענע...

יענקעלע חקרן:

און וועט זיי, ליעבע ברידער,
אין וויבאָרג מאַכען וויעדער
א גרויסע... פייג אין קעשענע!!!...

דער צווייטער כאָהר:

חאַ-חאַ-חאַ-חאַ! ניט שלעכט געזאָגט!...
ער זידעלט דעם מיניסטער —
און דאָס איז אלץ, וואָס ער פערמאָגט,
דער העלד, דער ריעז דער וויסטער!
ער מאַכט פּראָטעסטען, זיצט און שוויצט
און שרייבט, און דרוקט... נאַטירליך,
בלייבט, ווי פאַרצייטען, אלץ ביז איצט,
און ער ביי די פּאַפּיערליך
זאַפּראָס אהין, זאַפּראָס אהער...
זאַפּראָסען... אויך א שכל!
א פאָרשטעהער פון פאָלק איז ער!...

יענקעלע חקרן:

און ווער זענט איהר זייט מוחל?

דער כאָהר:
(לעבעדיג).

װער מיר זענען, זענען מיר,
אָבער שיסען קאָנען מיר!
אונזער „שפּייער"
איז א נייער,
גיט קיין אלטע פּוזיע...

יענקעלע חקרן:

אין דער שװארצער מאה
מאכט איהר א קאנטװיע
אין דער לינקער פּאה!!!...

פּראָפּפּער:
(צו חיים'קען)

— פערשטעהסטו-שוין? יענקעלע איז, אמת געזאָגט, טאַקע א פּראװעדניק, — אויף דעם איז ער דאָך א יוד. נאָר װי די מעשה איז, בלייבט טאַקע פּאָרט דאָס איינציגע: לייענען קריאת-שמע און לעגען זיך שלאָפען. טאָ זאָג-זשע, חיים'קע: „מימיני גראף היידען, משמאלי פּירסט טרובעצקאי, ומאחורי...

יענקעלע חקרן!

ח„בירושעװיא װעדאָמאָסטי"!...

* *
*

שלאָף, חיים'קע ליעבער,
און האָף, אז דער הימעל
װעט דיר, אין דיין גלות,

אין שמוץ אין שימעל,
דערפרישען דיין טרוקענעם גומען
מיט זאפט פון די בליהענדע בלומען —
אביסעל בעפרישען,
אביסעל בענייען,
אביסעל דערגרייכען,
אביסעל בעפרייען,
ביז וואנען... משיח וועט קומען...
. . . .

נאך תשליך.

(א באבע-מעשה פאר חדר־יונגלעך)

I.

מיט גינגאָלד, מיט פורפור, מיט א טונקעלען אָבגלאַנץ פון אַלטער בראָנזע האָבען זיך אויסגעציהרט די בוימער אויפ'ן ברעג טייכעל און געשפיגעלט זיך מיט זייערע פאַרבען אין די רוהיגע, ליכטיגע שטראָמען.

אַ קול דממה דקה, אַ שטילע שמונה־עשרה (ווי עס וואָלט געזאָגט המשורר יענקעל־חנה צימבעל, זאָל לעבען) האָבען זיך געצויגען דורך די האַלב־פערוויאַלעטע בלעטער, —

אונ ריחות, ריחות — ממש
גן־עדן צו געניסען,
ווי פון אַ מעהרען־צימעס,
אַ פעטען און אַ זיסען;
פון פרישען צוקער־לעקעך,
פון ראָזינקעס און פייגען
האָט פלאַטעריג דאָס ווינדטעל,
צוגאָסען פון די צווייגען...

און אַ ליעבע שטיל־שווייגעניש האָט געהערשט אינ'ם קיהלען פריה־הערבסט־אָווענד...

דער עולם האָט אָבגעפּראַוועט תּשליך און איז אַוועק צוריק אין שטעדטיל, יעדערער אונטער זיין פייגענבוים און אונטער זיין וויינשטאָק, — און דאָס טייכעל איז געבליבען ליעגען ווי פריהער גלאַט און קלאָר אין די אַרומגעזוימטע, מיט גראָז און צווייגען, שטילע ברעגען...

יאָ, שטיל און רוהיג האָט אויסגעזעהן דאָס טייכעל פון אויבען, וואָלט איהר אָבער זעהן וואָס אין דער אייגענער צייט האָט זיך געטהון אונטען, אויפ'ן אָבגרונד!...

הו-הא! אַ לויפעניש, אַ טאַראַראַם, אַ בהלה, אַ יריד!... אָט-ערשט איז אָנגעקומען אַ פּאַרטיע שפּאָגעל-נייע סעזאָן-פּרוכט— אַ פּעקעל פרישינקע יודישע עבירות!!...

און פון זאַמד, פון שלאַם, פון צווישען די גליטשיגע און קלעפּיגע וואַסער-גראָזען האָבען זיך אַ שאַט געטהון — בעהיט זאָל מען ווערען — ראַקעס, זשאַבעס, טשערעפּאַחעס וכל רמש הרומש: און אַלע מיני „ווידמענישען וואָס ווידמענען זיך" — אַזוי ווי עס פלעגט טייטשען מיין מלמד רב נחמן טשוואַק ע"ה... ס'איז געוואָרען אַ חאַפּעריי, אַ בייסעניש און אַ שלעפּעניש פון אַלע זייטען, גלייך ווי בעסערס און געשמאַקערס וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען און ניט נאָר אין אונזער קליין און אָרים טייכעל, נאָר אויך אין די גרויסע טייכען, וואָס האָבען זיך צעוויקעלט און אויסגעצויגען זיך אויף פיעל און פיעל הונדערט וויאָרסט, איז קיין אייגענע זאָרגען און קיין אייגענע צרות גאָר קיינמאָל ניט געווען.

און קיין אייגענע עבדות אודאי ניט.

ניטאָ קיין דיקע
און פעטע סאָמען:
אי גראָב ווי עשו,
אי ביין ווי המן;
אין מויל אין ברייטען
אַ צאָהן ניט איינער,
דאָך רייסען שטיקער
ביז אין די ביינער.
ניטאָ די בריאָה,
וואָס הייבט ביעלוגא,
וואָס ברומט און ליאַרימט
ווי אַ משוגע
און האָט אַ העלזעל,
וואָס קאָן דערשלינגע
אַ גאַנצען חזיר —
און ניט קיין יונגען;
ניטאָ קיין זשאַבעס,
וואָס שפייען, שפריצען
מיט סם־המות;
ניטאָ קיין שפיצען
פון שאַרפע שטיינער,
קיין קעסעל־גריבער,
קיין פוילע זומפען
מיט קרעץ און פיעבער.

און דער איינציגער אימגליק, דער איינציגער שלאַק איז דאָס יודיש העכטעל (Esox Judaicus). וואָס פון איהם קומען אַרויס אַלע צרות אויף דער וועלט...

II.

אין טייבעל האָט געקאָכט...

ראַקעס, טשערעפּאַחעס, זשאַבעס און קליעשטשעס האָבען זיך געגראָבען און געגראַבעלט אינ׳ם פּעקיל עברות. געשלעפּט פון דאָרטען שטיקער און שטיקלעך, געקייט, געזויגען, גע־טשמאָקעט און בּעלעקט זיך אַ מחיה. וואַסער־שפּינען און וואַ־סער־וואַנצען זענען געלאָפען הענדום־פּענדום אַזו ווי די קאָרעס־פּאָנדענטען פון דער געוויסער טעלעגראַפען־אַגענטור, און די ווערטער: „יודישע עברות! יודישע עברות!!" האָבען געקלונגען און צוגאָסען זיך אין וואַסער און אין דער לופטען...

בּרייט און רוהיג צולעגט זיך אינ׳ם ווייכען, גרינעם שלאַם — פיהרען אַ שמועס עטליכע בּעל־הבּת׳יש־אָנשטענדיגע בּריאות פון די בּעשאַפענע אינ׳ם טאָג פון די ששת ימי בראשית:

„— פון יודישע עברות רעדט איהר?" — האָט געזאָגט אַנ׳אַלטער נאַלים, אַ גלאַטער, אַ פעטער, מיט אַ קיילעכיג־אויסגעהאָדעוועטען בּייכעל, — „אָח־אָח־אָח! איך געדענק נאָך די אַלטע צייטען, די גליקליכע, די ליכטיגע, די גאָלדענע טעג פונ׳ם אָטקופּ מיט די קאָנצעסיעס, מיט די גרויסע קאַזיאָנע פּאָד־ריאַדען, מיט אַ מתנת־יד פון אַ גאַנצען אוצר דעם אָדון און מיט משוגע׳נע שלח־מנות׳ן דעם אָדון׳ס פּלגש... קאָנצערטען, פּיק־ניקען, רח"ש פון פינף־גאָרענדיגע מייערס, אימעניעס... פון „קאַטינקעס" גאַנצע וויקעל־שניר און פון שאַמפּאַניער אַ מקוה... יודעלעך־קבּצנים, יושבי חושך וצלמות זענען געלעגען אין די איינגע, פייכטע און פינסטערע לעכער און האָבען געקרעכצט

„עוזר דלים, הושיעה נא!" און אַ ייד אַ גביר, אַ בעהאַנגענער מיט מעדאַליען, אָרדענס און כל המינים „זעיר-אנפּין׳ליך" פונ׳ם טערק, פונ׳ם גרעק, פון מלך-כשדים און פון דער מלכּה שבא האָט געסטרויעט און מנדב געווען לטובת הכּלל קאָלעגיעס. וואוהין יודישע סטודענטען פלעגט מען אריינלאָזען על פּי נאָרמע פון צעהן פּראָצענט, אייזענבּאַהן-שולען, וואוהין יודישע שילער פלעגט מען כּלל ניט אריינלאָזען, און צערקוועס, וואו זינט די וועלט שטעהט איז פאַר יודישע קינדער קיין פּראָצענטנע נאָרמעס דוקא ניט געווען... און ניט ער אַליין און ניט קיינער פון זיינע נאָהענטע און בעקאַנטע האָבען דאָס פאַר קיין עברה ניט גע-רעכענט; פערקעהרט, מ׳האָט עס געהאַלטען פאַר פיין און קלוג און פאַר אַ כּבוד פאַר׳ן פאָלק ישראל...

„עברות", פון וועלכע
גערשמוסט אין סאַלאָנען
עס האָבען די גרעסטע
אָסאָבעס, פּערסאָנען
און ס׳פלעגט (האָטש דער חדוש
אַודאי איז גרויס)
דער נאָמען „זשידוניא"
פון מויל ניט אַרויס...
„עברות", פון וועלכע
אין אונזערע יאָהרען
ביי יודען אין גלות
איז גולד געוואָרען
פון כבוד און גדולה
די גאָלדענע פאָהן
א טייני סאָוויעטניק
מיט כּמה מיליאָן...

„און אז נאָך אַ יוד אַ גביר האָט מנדב געווען אויף אַ מאָ־
נומענט באָגדאַן חמעלניצקי'ן עטליכע צעהנדלינג טויזענד רובל,
האָט עס יודען אויך געאַרט ווי דער פאַר־אַ־יאָהריגער שניי...
ע־עה! ווען עס פאַלט איצט אריין אהער אַזאַ מין עברה'לע,
וואָלט איך, כ'לעבען, אויך געווען אַ בעלן אַ פרוב טהאָן אָבּ־
לעקען אַ ביינדעל"...

„— איהר זענט טאַקע גערעכט, כ'זאָל אַזוי גליקליך
זיין! — האָט זיך אָנגערופען אַנ'אַלטער קרעבס, וועלכער איז
נאָר־וואָס געקומען צו קריכען פונ'ם פעקעל עברות: מילא, פון
די עברה'לעך, וואָס פאַלען אריין אין היגען טייכעל, איז דאָך
ניטאָ וואָס צו ריידען; נעהמט אַזאַ טייך ווי דער דניעפּר ביי
חערסאָן. חערסאָן איז אַ שטאָדט אַ יודישע מיט רבנים, דינים,
תלמוד־תורות, בתי־מדרשים, מנינים, און אַ גוטע אָקעלע מיט
אַ קווענץ חאַפּט מען דאָרטען, קיין בייז אויג, ניט נאָר לזכר
נס של חנוכה, נאָר אויך אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר. שבת,
אויב עס מאַכט זיך אַז אַ גוי דאַרף צום פאַראָחאָד, מוז ער
נעביך געהן צו־פוס, ווייל כמעט אַלע איזוואָשטשיקעס זענען
מזרע היהודים. אַ שטאָדט, ווי איך זאָג אייך, אַנ'אמת־יודישע.
גוט. זענען דאָרטען פאַרהאַן דריי יודישע אינטעליגענטען:
אַנ'אַפּטייקער, אַנ'אַדוואָקאַט און אַ דאָקטאָר. דער אַפּטייקער איז
אַנ'אַפּטייקער, און אַז אין שטאָדט האָבען די יודישע פּרי־
קאַשטשיקעס פון אַלע קאָנטאָרען און אַנשטאַלטען געשטרייקט
אויף די ערשטע טעג פּסח, האָט ער, דער אַפּטייקער, דווקא
ניט געוואָלט בעפרייען די יודישע יונגע־לייט פון אַפּטייק, און
אַז מ'איז צו איהם פאַרט געקומען בעטען, האָט ער אַרויסגע־

טריבען. און אז מ'האָט איהם געגעבען אָנצוהערען אז ס'איז א סכנה פאר די פענסטער, האָט ער געשיקט רופען פאָליציע, און פאָליציע איז געקימען און האָט געטהאָן דאָס וואָס פאָליציע דארף טהאָן... און אז דער ראַבינער האָט געפּרובט זאָגען איהם מוסר, האָט ער געענטפערט, אז פון פסח האַלט ער כלל ניט און חוץ דעם איז זיין טאַטע, דעם אַפּטייקער'ס טאַטע הייסט עס, גבאי אין דער כאָר־שוהל, זיצט שבת און יום־טוב אויבען־אָן ביים אָרון־קודש און טיילט כבוד, און די כאָר-שוהל שטעהט כמעט אנטקעגען דער אַפּטייק, — איז ער יוצא מיט'ן טאַטען. — דער דאָקטאָר מיט'ן אַדוואָקאַט זענען געלאָפען אין דער שטאָדט־דומע און ביידע גאַנץ אָנשטענדיגע מענשען, נאָר אָבזאָגען זיך פון דער דומע האָבען זיי דוקא ניט געוואָלט. פאַרוואָס? דער אַדוואָקאַט איז אַ געוועזענעם ראַבינער'ס אַ פּלימעניק און גע־דענקט נאָך מסתמא דעם טעם פון „וויבאָרעס", מיט „אוט־ווערזשדעניעס", מיט „פּראָטעסטען" אויף די וויבאָרעס. טאָ איז דען ניט בעסער, גרינגער און גלייכער צו זיין אַ גלאַסני אָהן אָט די אַלע ג'גול־מחילות, פּשוט, „פאָ נאַזנאַטשעניו"? און אז לסוף האָט ער זיך שוין יאָ אָבגעזאָגט, האָט ער דערביי מזהיר און מודיע געוועזן דעם עולם, אז ער טהוט עס נאָר דערפאַר וויל ער איז איצט עפּים לא עליכט ניט מיט אַלעמען, אָבער ניט חס וחלילה אוים וואָס'ער ניט איז נאַרישען נאַציאָנאַל־געפיהל און נאַציאָנאַל־עהרע, מחמת, ווי זאָגט ער —

א שפּיי איז גאַנץ כנסת ישראל ניט ווערטה
כנגד גובערנסקע פּראַוולעניע!...

„דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אז אָבזאָגען זיך פון דער

דומע קאָן ער ניט און טאָר ניט און דאַרף ניט, און האָט דער־
וויזען מיט אַ ראיה; דהיינו: חוץ גלאַסני איז ער פּאָפּעטשיטעל
אין די רעמעסלענע קלאַסען וואָס בּיי דער תלמוד־תורה און אויף
דער שטעל פון אַ לעהרער (צי פון אַן'אינספּעקטאָר, איך גע־
דענק ניט) האָט ער איינגעלאַדען עפּיס אַ ווילדען נפש, אַ בּול־
גאַר, וועלכער האָט ראשית דבר געזאָגט די שילער אַ דרשה
און דערוויזען זיי מיט פּסוקים פון ליוטאָסטאַנסקי, דיעמינסקי,
שאַראַפּאָוו, קרושעוואַן און נאָך אַזעלכע גאוני הדור, אַז די
יודישע אמונה איז אַ גוט וואָרט ניט ווערטה און יודען האָבּען
כּשר פערדיענט אַז מ'זאָל פון זיי די הויט אַראָבּשינדען. און אַז
מ'האָט געזאָגט דעם דאָקטאָר, אַז ס'איז קיין יושר ניט צו האַל־
טען אין אַ תלמוד־תורה אַזאַ מין בּעל־דרשן, האָט ער געענטפערט
אַז דאָס איז אַ „בּראַטושקע" און האָט נושא־חן געווען, אַלס
אַ גוטער לעהרער, פאַר די אויגען פון דער גובּערנאַטאָרשע,
און ער, דער דאָקטאָר הייסט עס, איז אַ יוד, און אַ יוד איז
מחויב מבטל צו זיין זיין רצון פאַר דעם רצון פון אַ גובּער־
נאַטאָרשע, — און, אדרבּא, פּרובּט דערווייזט איהם אַז ער איז
ניט גערעכט!...

„— הערט איהר, — האָט ווייטער גערעדט דער קרעבּס, —
איך בּין, ווי איהר ווייסט, אַן'אַלטער קרעבּס, אַ ראַק פון יענעם
דור ראַקעס, אויף וועלכע עס פלעגען נאָך די אַמאָליגע קאַזיאָנע
ראַבּינער שהחינו מאַכען; בּטבע איז ניטאָ אַזאַ נבלה, וואָס איך
זאָל זיך מאוס'ן זי צו עסען; נאָר, ווי איהר ווילט אייך, פון אָט
אַזעלכע יודישע עבירות, כּ'לעבּען, שלאָגט־אָן חלשות!...

„יאָ, חלשות! איהר פיהלט, בּלי ספק, אַליין,
אַז דאָ שטעקט דאָס פאַרצייטיגע יודעל אינגאַנצען,

װאָס פלעגט זינגען דעם פריץ מה־יפית און געהן
אויף די הינטערשטע פיסלעך אַ חסיד'ל טאַנצען..."

„— עט, — האָט בעמערקט אַ דיקע, העסליבע ז ש אַ־ב ע, — דאָס אַלץ איז, מחילה, קלײניגקײטען, קינדער־שפּיעל. איהר זאָגט — דער דניעפּער, אַ גרויסער טײך מיט גרויסע שטעדט, מיט גרויסע פּעק יודישע עברות. און איך זאָג אײַך: נעהמט דאָס טײַבעל גנילאָפּיאַטקע בײַ'ם שטעדטיל טראָיאַנאָװ. דוכט זיך, אַ גרעסערע נבלה איז נאָך ניט געװען צװישען יודען און אַלע יודישע עברות זענען אַ שמעק־טאַבעק ניט װערטה אַנטקעגען דעם בלוטיגען, מערדערישען חטאַת־טראָיאַנאָװ. און דאָך, זאָג איך אײַך: עט, נאַרישקײט! װי איהר קוקט מיך אָן בין איך אַנ'אַלטע זשאַבע, און מײן עלטער־עלטער־באָבע איז געװען אַ צפרדע טאַקע פון די עשרה מכות. — און איך זאָג אײַך, אַז דאָס אַלץ, װאָס מיר זעהען איצט, דאַרף אַזױ זײן און מוז אַזױ זײן: די טראָיאַנאָװער יודען זענען פרומע יודען, עהר־ליכע און גאָטספאָרכטיגע, און פון תורת־משה האַלטען זײ אַזױ װי גאָט האָט געבאָטען, אָבער נאָכטהון משה'ן אַזױ װי ער האָט געטהון דערזעהענדיג דעם איש מצרי מכה איש עברי — דאָס ניט: אויף דעם זענען די טראָיאַנאָװער קנאַפּע יודען, אָדער פערקעהרט — נעביך טאַקע יודען!... דערזעהענדיג נאָך פון דער־װײטען אַ „איש מצרי", אַ שװאַרצ'מאָה'ניק, אַ באָסיאַק, װערען זײ פערציטערט, פערצאַפּעלט, פערטומעלט, קריכען אויפ'ן בוידעם און בעהאַלטען זיך אינ'ם פסח'דיגען געפּים... אײנס זאָג איך אײַך: װיפיעל תשליכ'ן עס זענען געװען זינט די װעלט שטעהט, שטאַמען אַלע יודישע עברות פון אײן קװאַל, פון אײן גרונד, פון אײן „בראשית", — עס האָט זיך געקניפּט

און געקייטעלט נאָך דעם סיסטעם פון עברה גוררת עברה — און די יודישע נדבות אויף חמעלניצקי'ן און אויף צערקוועס מיט די יודישע קריכעריי און שתדלנות פריהער ביי איגנאַטיעוו'ן און דערנאָך ביי פלעווע'ן, מיט די יודישע גלאַסנע „פאָ נאַזנאַטשעניו", מיט'ן בולגאַר, וואָס האָט נושא־חן געווען ביי דער גובערנאַ־טאָרשע, מיט חטאת־טראָיאַנאָוו, וכו' וכו' מיט אַלע „שפיי אין פנים" וואָס דאָס פאָלק־ישראל האָט מקבל באהבה געווען אינ'ם משך פון די לעצטע פינף און צוואַנציג־דרייסיג יאָהר — דאָס אַלץ געהט פון איין מקור, אַלץ איז צונויפגעקניפט, צונויפ־געבונדען און פערפאַקט אין איין פאַק עברות, וואָס קיין טייך וועט זיי ניט פערפלייצען און קיין אָבגרונד וועט זיי ניט פער־באָרגען ואשר יזכרו ויפקדו ויעלו על לב — און וואָס וועלען דערמאָהנט ווערען און פעררעכענט ווערען יעדעס מאָל ווען אויף יודען וועט קומען אַ נייע גזרה, אַ נייע צרה... און... אָך, ווי קליין און פוסט אַנטקעגען די ווירקליכע יודישע עברות זענען יענע עברה'לעך, וועלכע עס זוכען אוים און שלעפען אַרוים פונ'ם תשליך־פעקיל און צוטראָגען איבער דער וועלט אָט די נאַרישע שמשים פונ'ם שטן'ם טעלעגראַפען־אַגענטור, די וואַסער־שפינען און די וואַסער־וואַנצען!... קוקט, קוקט, כ'בעט אייך"...
נאָר דער קרעבס האָט ניט געענדיגט זיינע רייד...

III.

אין טייכעל איז פאַרגעקומען עפּיס אַזוינס, וואָס עס האָט זיך אַפילו ניט גע'חלומ'ט ניט דעם אַלטען נאַלים, ניט דעם אַלטען

קרעכם און ניט קיינע נאַלימען און קרעכסען מיט אַלע אַנדערע „ווידמעניּשען וואָס ווידמענען זיך" אינ׳ם שלאָם און זומפּ פון די גרויסע און פון די קליינע טייכען...

עס האָט מיט אַמאָל אַ הויב און אַ קעהר געטהון דאָס וואַסער פון אונטען אַרויף און פון אויבען צוריק ביז׳ן אָבגרונד... אַנ׳עלעקטרישער שטראָם איז דורכגעלאָפען אינ׳ם טייכעל פון עק ביז עק... עס האָט געגעבען אַ קלאַפּ, פון וועלכען די אויגען קריכען אַרויס אויפ׳ן שטערן און די נשמה אויפ׳ן שפּיץ נאָז...

נאָר פון דעם, מיינע ליעבע קינדערלעך, וועל איך אייך דערצעהלען אַ בעזונדער מעשה אַנ׳אַנדערש מאָל — אַ שרעקליכע מעשה, נאָר איה״ש מיט אַ גוטען און אַ פרעהליכען סוף.

און דערווייל...

דערווייל איז ביי אונז אין טייכעל ניט גוט...

עס רוישט, עס קאָכט, עס אַרבייט ווי אינ׳ם סמבטיון... גרויסע העכט מיט שאַרפע צייהן ווייסען ניט אויף וואָסער וועלט זיי זענען... בעל־הבית׳ישע, גוט־אויסגעהאָדעוועטע קאַ־פּען זענען זיך מפלפל אינ׳ם „זה בורר" פון „סנהדרין", און דאָס קליינע פלאַטקעלע, דאָס מאָגערע כשר׳ע פישעלע, וואָס מ׳רופט עס „קיי־און־שפּיי", ליעגט פערקראָכען אין אַ פינסטער, איינג ווינקעלע צווישען די פערפלאָנטעטע וואָרצלען פון אַנ׳אַלטער, קרומער ווערבע, קוקט־אַרויס פון דאָרטען מיט די קליינינקע, דער-

שראָקענע אויגעלעך און זיננט שטיל און טרויעריג מיט'ן אלטען ניגון מיט א נייעם נוסח:

„— מי ברעב ומי במגפה...
מי באַג־וּף ומי בנאַגייקע...
אוי, טאַטע, בי—י—טער!!!...

דרשה־געשאנק.

(א שטיקעל קאָמעדיע)

פערזאנען:

ישׂראליק דער לאנגער.
דער וועלט־שדכן.
דער אמעריקאנישער פעטער.
די ענגלישע מוהמע.
דער גוטער פריץ.
די גוטע פריצה.
דער בעל־עגלה.

מיט א בינטעל צרות צו־קאָפּענס ליעגט אין געהאקטע וואונדען ישׂראליק דער לאנגער.

דער בעל־חלום שטעהט און פּאַכט איבער איהם מיט אַני־אַלטער, אָבגעשמיסענער הושענא...

און חלומות ליעבע, זיסע
פליהען, שוועבען אין דער לופט...
ווי דעם חולה פון דער גסיסה
צו א נייעם לעבען רופט

איהם אַ בת־קול, צו אַ נייעם
גליק... אַ טיש מיט כּבוד שטעהט.
ס'הערט־זיך: „— מזל טוב!“ — „לחיים!“ —
—„לשלום! — טרינקט געזונטערהייד!“

מיט אַ קעלישאָק אין איין האַנד און אַ שטיק קאָרענעם לעקעך אין דער אַנדערער שטעהט אויף אַ בּיינקיל דער וועלט־שדכן. — „שאַ, שאַ! — הערען זיך קולות — שאַ, לאָזט ריידען!“...

דער וועלט־שדכן:

— רבּותי! בּשעת אַ מגפה, רחמנא ליצלן, איז אַ מנהג צו שטעלען אַ חופּה אויפ'ן הייליגען אָרט. אונזער צייט איז אַ מגפה־צייט: ווי פּער'סמ'טע פליגען פאַלען ווייבּ און קינד, יונג און אַלט... מ'פּאָכט מיט דער נשמה, מ'געהט־אויס... יודען! לאָמיר פּרובען די אַלטע תּרופה — אַ חופּה אויפ'ן בּית־הקבורות. מי ומי, פרעגט איהר? קיין דאגה ניט; אַ חתן האָבּ איך — אָט־אָ איז ער:

ישראל'יק דער לאַנגער — אַנ'אַלמן מיט קינדער;
אַ מענש אָהן אַ גאַל, ניט זאַמשעפּעט אַ פליג;
האָט מעבעל און פּרות און עופות און רינדער:
אַ שטענדער, אַנ'אתרוג, אַ האָהן און אַ ציג.
גענוג, דאַנקען גאָט, אויף חיונה, קיין שאָדען;
און חוץ דעם געשעפטען און נחלות ניט קאַרג:
פון „גליוועריים“ שווימען צו איהם פּאַראַחאָדען,
זיין פּאַלאַץ שטעהט הויך אויפ'ן „גלעזערנעם בּאַרג“.
צוויי מאָל יעדען יאָהר טרינקט ער פולע פיער כּוסות
און האַלט אין אַ ערענדע שוין יאָהרען אַ סך
פון מרור אַ וואַלד, אַ פאַבּריק פון חרוסת,

פון שמורה א פעלד, א געמוזיע־ץ אויף סכך.
אין מזרח־וואַנד איז איהם בירושה פון זיידען
(זכרונו לברכה) געבליבען א שטאָדט.
היינט דאָרטען, אם ירצה השם, אין גן־עדן —
דו, אייביגער גאָט, דו, אלמעכטיגער גאָט!
מיט שיין פון דער שכינה הקדושה בענאָסען
א גאָלדענער טיש און א גאָלדענע שטול,
א גאַנצער פּאַלומיסאָק פול מיט לויתן,
א טאָפּ מיט געבראָטענעם שור־הבר פול.
אראָב פון די פּלייצעס דער יודישער הויקער,
די קנייטשען פון יודישען שטערען אראָב;
עס זינגט איהם דאָרט הלל א כאָר כוכבי־בוקר;
א גאָלדענע קרוין מהוט מען אָן אויף זיין קאָפּ...
א חתן א צאַצקע — דאָס זעהט איהר דאָך אלע;
איהם געבען א טאָכטער וועט יעדער מיט דאַנק.
טאָ מאַכט־זשע קיין שיהות ניט, זוכט־זשע א כלה
און גרייט, מחותנים, איהם דרשה־געשאַנק!...

עס ווערט א יריד, א געטומעל... פעטערס, מוהמעס און גלאַט קרובים פאָהרען, געהען, שלעפּען זיך פון אלע זייטען.

דער ערשטער קימט אריין, זינגענדיג דעם זמר „יאַנקי דוד'ל", דער אמעריקאַנישער פעטער.

ישראל'יק:

(א לאָז געטהון זיך צו איהם
מיט דער גרעסטער שמחה)

— א גאַסט!... וואָס מאַכט איהר, פעטער?

וועןן קומט איהר?...

דער אמעריקאנער פעטער:

— שטעה... האב צייט...
ווארט־אויס... וועסט דאנקען שפעטער...
האסט חתונה? אל־רייט!
א בתולה? אנ'אלמנת?
דאס מאכט מיר גאר ניט אויס;
בעקומען מיין מתנה
קאנסט סיי ווי סיי פאראויס...
וואס, אפשר, מיינסטו מ א נ ע —
געלד? פע, דאס האב איך פיינד;
נאר מחמת גרויס רחמנות
בין גרייט איך אין שתדלנות
צו געהן פאר דיר, מיין פריינד!
צו וועמען — פרעגסטו? פטור,
ניטא פאר מיר צו הויך —
צום גרעק, צום פערס, צום טאטער
און צו חרבונה'ן אויך.
דאס איז מיין אלטע שיטה,
כ'בין שטייף אין איהר ווי שטאהל;
און אויב ס'וועט קומען וויטטע
אין פארטסמוט נאך אמאל,
וועל איך איהם א בקשה
אויף הערבאווע פאפיער
דערלאנגען... מעגסט, נישקשה,
פערלאזען זיך אויף מיר!...

חאפט א קאנווערסיע־טענציל און ווערט נעלם...

עס קומט אריין ד ע ר ג ו ט ע ר פ ר י ץ.

דער גוטער פריץ:

אין מאָסקווע איז פאַרהאַנען
א „שלאָסער־שול". איך בין
אין יענער שול דירעקטאָר,
און ווער עס וויל אהין
אריין, איז קיין מניעה
ניטאָ, קיין אונטערשיעד —
און מיט דעם פראַוואָסלאַוונעם
איז דאָרטען גלייך דער יוד;
פון פעהיגקייט, פון חשק,
פון ארבייט איז געווענדט;
ניטאָ דאָרט פאַר'ן יודען
קיין „נאָרמע", קיין „פראָצענט".

ישראל'יק:

קיין נאָרמע, קיין פראָצענט?! אי־אי,
ס'איז, כ'לעבען, גאָר א נס!
נו... אָבער... פראַוואָזשיטעלסטוואָ?

דער גוטער פריץ:

געוועהנליך: א מעת־לעת.

ישראל'יק:

א דאַנק אייך, פריץ גוטינקער!...
זייט מוחל, פון דעם טייך
סמבטיון איז פון חדר נאָך
בעקאַנט די מעשה אייך?
אריין אין אייער שלאָסער־שול
איז, הייסט עס, גרינג און גלאַט

ווי צו די רויטע יודעלעך
צו קומען — אקוראט!...

גערעמט מיט דער פרומער גבאי'טע יק"א קומט אריין די ענגלישע מוהמע „אנגלא־דזשואיש־אסאסיאיישאן".

די ענגלישע מוהמע:

— רויטע יודעלעך, זאגסטו? הא? וואס עפיס רויטע יודעלעך?

עט, נארישקייט! די גאנצע וועלט
איז חרוב שוין געווארען?
ניט צו די רויטע יודעלעך —
פרוב צו די שווארצע פאהרען!
ביי אונז אין דרום־אפריקא
איז דא א לאנד אוגאנדע.
„ביי אונז" — דאס הייסט, מיר האלטען דארט
אנ'ענגלישע קאמאנדע;
חוץ דעם איז פון קדמונים־אן
פארהאן ביי זיי א נשיא;
דער נשיא הייסט „קאבאקא". הא?
א נאמען גאר נישקשה, —
עס שמעקט שון עפים יודישליך:
דאס הארץ מיט די גענירען
דערפיהלען „אטקופ", „טראליסען"
מיט „קרעטשמעס", מיט „טראקטירען"...
הייגט נעהם „פאווינאסט וואאינסקע" —
אויף אלע מיינע שונאים

גנוזאַנט: פֿאַרהאַן סך־הכּל דאָרט
א טוויזענד פיער יונים —
פּעהאָטע, ארטילעריע
וכולו, אַלע סאָרטען;
כּמעט ניט שווער צו אויסקומען
גאָר אָהן נעלטים דאָרטען...
און היים איז דאָרט, ישראל יקעל —
א שוויצבאַד צו געניטע!
די קאָנסט זיך דאָרט פון קאָפּ ביז פיס
ארומגעהן אָבגעריסען...
און גאָר חוץ אַלץ „פערשוואַרצט" ווערען
איז דאָך דיין אַלטע מכּה,
טאָ וואָס־זשע איז דער אונטערשיעד —
צי דאָ, צי ביי „קאַבאַקאַ"?...

אין איין אויגענבליק ווערט אַ געשריי, אַ טאַראַראַם, אַ דערשטיקעניש... יודען הויבען אָן אַרויסצושפּרינגען דורך די פענסטער... פון אַלע זייטען דערהערען זיך קולות: „פּאָליציע!... פּאָליציע געהט!"... און אויף דער שוועל בעווייזט זיך, מיט אַ לאַסקעווען שמייכעלע אויף די דיקע, פעטע ליפען, די גוטע פּריצה — די פּאָלטאַווער פּאָליציע.

די גוטע פּריצה:

טיו, סקאַזשעני!... קוקט אַביסעל,
ס'פלאַקערט, קאָכט און זידט...
טישע, האָספּאָדאַ יעווריאי
טישע, שרעקט זיך ניט!

בלייבט, ווי פריהער, זיצען רוהיג
אלע גרויס און קליין, —
כ'וועל ניט נעהמען פאר'ן קאלנער,
געבען אין די צייהן,
שלאגען, רוק און לענד אייך ברעכען
און, ווי אלע מאל,
שלעפען נאכדעם אין קטוזקע
מיט א פראטאקאל,
חס ושלום, גאר להיפך...
ליעבע פריינד, הערט=אויס, —
צום פאן ס׳וליק א בקשה
האב איך איצט: היות
אין פאלטאוועער דומע, פלוצלונג,
פון דער העלער הויט,
איז געווארען אין די גלאסנע
יודישע א נויט,
זוך איך יודען, צו פערנעהמען
איצטער זייער ארט...

(לענט פריינדליך ארויף ישראל'יקען
די האנד אויף דער פלייצע)

טהו, פאן סרוליק, מיר די טובה —
ווער א גלאסנע דארט!...

נעבען טייער דערהערט=זיך א סקריפ פון רעדער... א פייף,
א קנאק מיט דער בייטש... „טפררר!״ — און עס קומט אריין
דער בעל־עגלה.

דער בעל־עגלה:

— אָ, גאָט העלף, ר׳ ישראליק! נאָט איך אַ בריעף
פון... דאָרטען... פונ׳ם פעטער פון אייערן...

ישראל׳יק (לייענט):

...די קליפּה, כידוע,
איז מזיק אָהן רחמנות,
אין איהרע דלת אמות
צו שטעהען איז סכנות.
איצט אָבער איז אַ מאָדע
געוואָרען גאָר אַ נייע;
די קאָנסט פון מיר ישראל׳יק,
אַראָבנעהמען אַ ראיה:
פאַר פּופציג טריט דאַרף ווייכען
איך פון דעם מזיק, טאָמער
איין טריט פאָראויס — איז ווער איך
אַ בר מנן אַ גמור.
און שולדיג איז — ווער, מיינסטו? —
מיין נאָז! די לעצטע יאָהרען,
פערשטעהסטו, אין די אויגען
איז זי צו־גרויס געוואָרען...
מ׳שרייט: „זי אַרבייט מעשים!
ברעכט ווענד, רייסט־אויף די דעכער!”...
מ׳וויל מיט איהר, פערשטעהסטו,
פערשטאָפּען אַלע לעכער...
די נאָז — זי פלעגט פאַרצייטען
נאָר שמעקען פּראָסטען טאַבאַק,
איצט... וועהענדיג שוין אָפען
פאַר זיך דעם „מעבור יבוק”,

בעדארף זי, נעביך, שטענדיג
דעם שווארצען פעפער שמעקען
און פאר דער קליפה'ס שליטה
פאר פופציג טריט זיך שרעקען...
ישראל'יק! דו זאלסט אייביג
געדענקען על כל פנים
די נאז מיט אלע איהרע
עכט-יודישע סמנים —

„איז שיק איך דיר על-ידי המוכ"ז א קאפיע פון דער נאז, הענג זי אויף אויף דער וואנד פאר א זכר לחורבן... א קארטינע א דערקוויקעניש!..."

דער וועלט-שדכן:

— הא? יודישע קינדער? וואס וועט איהר זאגען אויף אזא דרשה-געשאנק?... איא, הלואי ווייטער ניט ערגער... איצט בלייבט נאך איינס: געהן אנקוקען די כלה...

ישראל'יק:

— וואוהין?

דער וועלט-שדכן:

— אח-אח-אח!... אויף די ווייבארעס אין גאסודארסטווענע דומע...

אדעסער קאנצערט.

פערזאנען:

דער רעזשיסער.
דער לעבענס־גייסט.
דאס געלע העמדיל.
דאס שווארצע העמדיל.
דאס לעצטע העמדיל.
דער אדעסער ברויטגעבער.
דער פרומער צילינדער.
די קלוגע יארמעלקע.

I.

דער רעזשיסער:

— מיינע געעהרטע דאמען און הערדען, אַלטע פּאַ־גראַמשטשיקעס און יונגע, פריש־צאפּעלדיגע פּאטריאַטען!

— אַדעס איז פון קדמונים־אָן געוועהנט צו גרויסע, גלענ־צענדע און רוישענדע פאַרשטעלונגען, — ווי רופט מען עס, גאלא־קאָנצערטען און גאלא־ספּעקטאקלען, וואָס פלעגען זיך צו־

שפּיעלען אויף צעהנדליגער גאַסען, מערק און פּלעצער מיט אַמאָל, מיט דער העלער בעלייכטונג פון שרפות-פּלאַמען און באַטאַליע-מוזיק, פון מעבעל-קראַכען און שויבען-טרעשטשערײ פון עק ביז עק שטאָדט.

— דאָס גלענצענדע און הויך־אינטערעסאַנטע טעאַטער־שטיק פלעגט זיך רופען מיט'ן נאָמען „וואַריוו נאַראָדנאַוואָ ניע-גאָדאָוואַניאַ".

— מחבר-האָנאָראַר פלעגען בעקומען סטיאָפּקאַ באָסיאַק, מיטקאַ דזשעגוב און מאַטריאָשקאַ סאַראָקאָווקאַ, מיט קאָמיסיע פון 97 פּראָצענט לצרכי האָרון דיערזשימאָרדאַ עט קאָם.

— מחמת פערשיעדענע טעמים, אָנשטאָט איין ספּעק-טאַקעל-גאַלאַ קימען פּאָר איצט איינצעלנע קליינע קאָנצערטליך אויף יעדער גאַס בעזונדער, דערפאַר אָבער אָפט, ניט ווענינער ווי זיעבען מאָל די וואָך, און הייסען הייסט עס „באַרבאַ ס'קראַ-מאָלאַי".

— אַ נאָמען, וואָס איז שוין פּאַראַוים מכפּר אויף אַלע חטאים און גאַראַנטירט שכר-טרחה אויף דער וועלט און שכר-מצוה לעולם-הבא.

— ט-ס-ס-ס!

איהר הערט? מען דאַרף ניט וואַרטען לאַנג...
אַ טומעל, אַ געלויף...
אַ פּויקען־שלאָג, אַ גלעקער־קלאַנג...
דער פּאָרהאַנג הויבט זיך אויף!...

———

II.

דער לעבענס-גייסט:

עס ליענט פאַר מיר דאָס ביכעלע, אין וועלכען
עס זענען איינגעבונדען טאָג נאָך נאַכט
און נאַכט נאָך טאָג, מיט גאָלד-און פורפור-אָבשניט
פון אָווענד-שיין און העלער מאָרגען-פראַכט.
איך לייען מעשיות פול מיט שרעק און אַנגסטען,
מיט וועלכע ס'האָט קיין איינציג צויבער-בילד
נאָך קיינמאָל ניט געבלענדט דעם מענשענ'ס אויגען,
געברענט דאָס האַרץ אַזוי אונמענשליך-ווילד...
אַ גיהנום, וואו עס מאַטערט זיך, פערקאָוועט
אין איין צוגליהטער, שווערער שקלאַפען-קייט
אַ פאָלק. אַ גאַנצעס פאָלק, אַריינגעוואָרפען
אין העליש פייער לעבעדיגערהייט...
אַ גיהנום פול מיט לעבעדיגע קערפער,
אַ בלינדער גיהנום, וואו מען פייניגט בלינד
די פאָטערס — פאַר די קינדערס יונגע ליידען,
די קינדער — פאַר די פאָטערס אַלטע זינד...
אַ גיהנום, וואו די שדים שפּרינגען „קדוש",
אין ווייסע פריסטער-קליידער אָנגעטהאָן,
די קליפּה געהט אַ „כשר-טאַנץ", און ס'פלאַטערט,
בעשפּריצט מיט בלוט, די הייליג-פרומע פאָהן...

III.

דאָס געלע העמדיל:

אַ גיהנום, זאָגט איהר? ווי פאַר וועמען:
פאַר מיר, למשל, איז אָדעם

געוואָרען איצטער אַ גן־עדן:
איך הוליע, טאַנץ, און טרינק, און פרעס,

און שלאָג, און פייניג בפרהסיא,
האַלט אין די הענד די גאַנצע שטאָדט.
מען פלעגט אַמאָל מיך רופען זשוליק,
און איצטער הייס איך — פאַטריאָט!

מיט מיר איז פול די גאַנצע פרעסע,
מען שרייבט פון מיר, מען רעדט פון מיר
כ'האָב אין אופראַווע מחותנים
און האָב אַ גראַף אַ קאָמאַנדיר.

און ווי=זשע זאָל איך ניט פעררייסען
די נאָז אַרויף פון שמוץ און מיסט?
איך האָב געהייסען יורקע־שכור,
איצט הייס איך — נאַציאָנאַליסט!

פון אַלע לעבער, אַלע נאָרעם
אַרויסגעקראָכען אויף דער וועלט
בין איך געוואָרען אַ מיוחס,
אַ תנא ברא און אַ העלד.

כ'בין חבר־לאַפּ מיט היגע פּריצים,
איך קלאַפּ אין פּויק און טראָג אַ פאָהן;
:'פלעג אין אָסטראָג כל=ימי זיצען,
זון איצטער זיין איך — אויבען־אָן!...

IV.

דאָס שוואַרצע העמדיל

פון מיין בעריהמטער גבורה
האָט איהר געהערט געוויס:

בעוואַפּענט מיט כּלי־זין
פון קאָפּ און ביז די פיס —

מיט שפּייערס פל חמינים
מיט באַטבעטשקעס, אַ שרעק
וואָס קאָנען חרוב מאַכען
די וועלט פון עק ביז עק.

שטעה אויף דער וואַך איך תמיד
אין שטאָדט ביי יעדען הויף, —
און קומט אַ קאָזאַק — חאַפּ איך
אַ שטעקען און אַנטלויף!...

„כ'פערשטעה ניט" — זאָגט איהר? הערסטו,
אָט דאָס איז דאָך דער קונץ —
אַ שם אַזעלכען האָבען!
עס קלינגט אַ וועלט מיט אונז.

פון גאַנצען שבט פּאַר יודען
קומט אונז דער גרעסטער טייל:
ווי הייסט? „די שווארצע העמדליך" —
גבורי ישראל!!!...

V.

דאָס לעצטע העמדיל:

אַודאי, גרינג אַ גבור זיין
ווען ס'דאַ וואוהין אַנטלויפען...
איך אָבער בין צו'ם אומגליק דאַ
ווי צונעשרויפט מיט שרויפען:

די נאַס, דער מאַרק בעדעקט אַרום
מיט בייזע שלענג און שפּינען,
איך אָבער מוז דאָך געהן אַהין
דאַס שטיקעל ברויט פערדיענען.

דער שלעפּט און רייסט אויף שטיקער מיך,
דער פּרובט מיך פּלומר'שט היטען
און צווישעןביידע בלייב איך דאָ
אַ גוסס אין דער מיטען...

וואָס אָבער העלפען מיינע רייד,
וואָס טויגען טענות, ראיות?
אוי, ליעבע פריינד, עס געהט מיר אויס
דאָס לעצטע ביסעל חיות!...

VI.

דער ברויט-געבער:

מיין ליעבע שטאָדט, מיין שעהנע שטאָדט!
לעבסט-איבער איצטער שווערע צייטען,
און מיט אַ טיעף און הייס געפיהל
שיק איך מיין גרוס דיר פון דער ווייטען...

צו אַל'די רוחות דער זאַוואָד
מיט אַלע סקלאַדען און פּאָדריאַדען!
איך וואַרעם זיך אין סאַן-רעמאָ,
איך קיהל זיך אָב אין באַדען-באַדען

לופט פרישע שעפּ איך אין דער שווייץ,
איך דרימעל זיס אין אַ גאָנדאָלע

און אין „קאפע־אמעריקען"
געה איך צו קידוש און הבדלה..

אָדעס איז טייער מיר און ליעב
כל־זמן עס לעבט זיך רוהיג דאָרטען
ווי חזיר האָב איך פיינט בויקאָט,
מיט זאבאסטאָווקעס כל הסאָרטען.

אין ענין הייסט עס פּאָליטיק
בין איך א חסיד גאָר א קאַלטער,
און וויל מען שיסען — האָב איך דאָך
א קאסיר דאָרט מיט א בוכהאלטער!...

.VII

דער פרומער צילינדער:

(צוויי דיאלאָגען)

.1

— וואוהין, ה' דאָקטאָר, לויפט איהר
אזוי געשווינד אצונד?
„— צו אונזער גאָראָדניטשי,
איהם זאָגען זייגעזונד.

„א גאָלד געוועזן אב'אָדון;
צו יודען מילד און פיין;
א חוליגאַן פלעגט טרפ'ער
ביי איהם פון חזיר זיין;

„ער פלעגט ניט קאָנען ליידען
קיין אומרעכט, קיין געוואַלט,
און אַז מען פלעגט זיך גרייטען
צו אַ פּאָגראָם, פלעגט באַלד,

„נים קאָנענדיג דערהאַלטען
דאָס אומגליק, לייד און שרעק,
ער בעטען זיך אין אָטפּוסק
און פון דער שטאָדט אַוועק...

„און איצט פערלאָזט דער אָדון
זיין שטעל אינגאַנצען דאָ,
טאָ דארף מען דאך אנ׳אַדרעס
דערלאַנגען איהם, אַיאָ?"...

2.

(אין אַ חודש אַרום)

— וואוהין, ה׳ דאָקטאָר, לויפט איהר?
„— אין פּאָליציי אַריין:
דעם נייעם גאָראָדניטשי
מקבל־פנים זיין.

„מען זאָגט, ער האָט אין קיעוו
בשעת אַ פּאָגראָם
זיך איינגעשטעלט פאַר יודען.
און מיינט איהר וואָס? אַ קראָם

„צי אַ קבצנ׳יש הייזעל
געראַטעוועט? אָ, ניין,
ער האָט בעוואָרענט בראָדסקי׳ן
מיט האַלפּערין אַליין!

פערשטעהט איהר? דארף מען לויפען
צו איהם אויף אַ פּאַקלאָן,
און זאָגען איהם פאַר יודען
אַ דאַנק פון אָנתויב=אָן.

„איאַ? וואָס קאָן עס שאַדען?
— אַודאי... מילא וואָס...
חוץ דעם איז דאָך ביי יודען
אַ מנהג־אָבות דאָס...

VIII.

די קלוגע יארמעלקע:

רוהיג, מוטהיג, פריי און זיכער
צו די אורגעס, יודען, גיכער!
ניט געצווייפעלט, ניט געטראַכט!
ווי אַ שטורם, ווי אַ וויכער
וידט דער וואַהל=קאַמפף טאָג און נאַכט.

תערצער קראַנקע, חערצער שטומע,
באַקען געלע, רוקענס קרומע!
פרעהליך, בליהענד, פריש און גלייך
וועלען אין דער דריטער דומע
מיר, קאַדעטען, מאַכען אייך.

ס'זאָל בסוד קיין זאך ניט בלייבען;
אַלץ פערשרייבען, אַלץ פערשרייבען!
אויף אַ צעטיל וועלען מיר
און בעשיטען וועט פערגאַמענט

דעם מיניסטער אין פארלאמענט
מיט ואפראָסען אָהן א שיעור.

ווי א שטורם, ווי א וויכער
ווידט דער וואהל־קאמפף טאָג און נאכט
צו די אורנעס, יודען, גיכער!
ניט געצווייפעלט, ניט געטראכט!...

א שלאקס־רעגען פון וואהל־צעטליך גיסט זיך אוים פון עק ביז עק שטאָדט, די ברוינינגען טרעשטשען, די רעזינעם דרעהען זיך אין דער־לופטען... סטיאָפקא באָסיאַק, מיטקאַ דושעגוב און מאַטריאָשקאַ סאָראָקאָווקאַ טאַנצען אַרום יודישען בית־עלמין א פלאַם־פייערדיגען פאָגראָם רומפעל... „דאָס לעצטע העמדיל" בעגיסט זיך מיט בלוטיגע טרעהרען...

און דער קאָנצערט געהט זיך ווייטער...

„יודען, גיט א קאפיקע!"

(א שפּאָגעל-נייע, א פּריש-צאפּעלדיגע מעשה פון משיח-צייטען)

געווען איז דאָס זיעבּען יאָהר צוריק...

ניין — זיעבּען יאָהר מיט אַ חודש.

דער חודש, אַזוי ווי איהר וועט ארויסזעהן פונ'ם עיקר המעשה, שפּיעלט דאָ די וויכטיגסטע ראָליע.

אַ וואַרימע, שטערענדיגע נאַכט האָט פערשפּרייט איהרע וויכע, בּלויע פליגעל אויף דער גרויסער, ליכטיגער וועלט.

אין די פענסטער, איינער נאָכ'ן אַנדערן, האָבּען אָנגע-הויבּען אויסצוגעהן די לעצטע ליכט-פונקען... מענשען זענען געגאַנגען אין זייער רוה און מתים האָבּען אָנגעהויבּען אויפשטעהן פון די קברים...

אין פערשיעדענע לענדער, אויף די אַלטע בית-עלמינ'ס האָבּען זיך אויפגעהויבּען פון אונטער די פערשימעלטע, פער-פינסטערטע מצבות אַלערליי-פאַרבּיגע וואַנדעל-פייערלעך — רויטע, בּלויע, גרינע, געלבּליך-גרינע... ווי קאַצען-אויגען און

ווי וואָלפֿען־אויגען האָבּען זיי געפֿונקעלט צווישען די דונקעל־גרויע שאָטענס...

דאָס זענען געווען די נשמות פֿון די נביאי־השקר, פֿון די פֿאַלשע משיח׳ן, וועלכע פֿלעגען אין פֿערשיעדענע צייטען און אין פֿערשיעדענע מדינות אַראָבּפֿיהרען פֿון וועג דאָס אָרימע און פֿינסטערע פֿאָלק ישראל...

אויף אַ טערקישען בּית־הקברות אין דער שטאָדט דולטשינע, בּיים בּרעג פֿונ׳ם אַדריאַטישען ים, שטעהט־אויף די טיעף־זינדיגע נשמה פֿון דעם גרעסטען משיח־השקר — שבּתי־צבי... פֿון צפֿון־אַפֿריקאַ, פֿון אונטער די ריעזען־בּוימער בּאָאַבּאַב, פֿון יענער ווילדער געגענד, וואו אין די טייכען שווימען אַרום לויתנ׳ס און אין די וועלדער פֿיטערן זיך שור־הבּר׳ס, הויבּט זיך אויף די נשמה פֿון שבּתי־צבי׳ס בּעסטען תּלמיד אַברהם־מיכאל קאָרדאָזאָ... פֿון אונטער די טייטעל־און פֿייגענ־בּוימער פֿון דער שטאָדט גאַזאַ (גת) אין סיריען, וואו עס האָט געלעבּט דער פֿאַלשער נביא מיט׳ן נאָמען נתן העזתי... פֿון אַנאַטאָליען, פֿון יעמען, פֿון דעם בּלויען בּאָספֿאָר און פֿון דעם דייטשען שטעדטיל אָפֿ־פֿענבּאַך — פֿון אומעטום הויבּען זיך אויף די אונרוהיגע, פֿער־שאָלטענע נשמות און זיי ציטערן און וויעגען זיך אין דער־לופֿ־טען, און זיי שוועבּען און פֿליהען און קומען אַלץ נעהנטער צו אַ שטעדטיל אין וואָלינער גובּערניע, בּיים טייכעל אוסטיע...

די וואַרימע, שטערענדיגע זומער־נאַכט האָט אויסגעשפּרייט איהר פֿייכטען, דונקעל־בּלויען שלייער איבּער די קרומע און שטויבּיגע געסלעך...

א נאכט — א חיות! — אזוי ווי דער דאָרטיגער פּאָעט יענקעל־חנה צימבעל בעשרייבט זי אין זיין פּאָעמע:

א נאכט — א חיות!
— זינג, יענקעל־חנה —
ווי גאָט'ס הבדלה
ברענט די לבנה...
די בוימער דרימלען,
די בוימער שווייגען..
א שמונה־עשרה
ציהט דורך די צווייגען...
די שטערען שיינען
אזוי ווי מנורות...
א רויך פון בשמים,
א פּאר פון קטורת
שטעהט־אויף פון טייכעל...
די שטראָמען גלאנצען...
די זשאבעס קוואקען,
די זשאבעס טאנצען...
בעשיינט מיט בלייכע
לבנה-שטראלען
אין וועלדיל זיצען
די נאכטיגאלען
און מיט א נגון
גאָר מיט א נייעם
זינגט די קאפּעלע
מכלכל חיים...
אראָב פון הארצען
די מרה־שחורת,
און ווי א טלית
צו חתן־תורה

בעדעקט אַ חלום
די וועלט אײַנגאַנצען...
די זשאַבעס קוואַקען,
די זשאַבעס טאַנצען!...
שטעה־אויף, מיין ליעבע,
שטעה=אויף, מיין טרייע!
דערפריש מיין אָטהעם,
ווי מיך מחיה!
פון דיינע לאָקען,
פון דיינע ברעמען,
וועל צו די ליעדער
איך גראַמען נעהמען
און מאַכען, פרעהליך,
מיט גרויס כונה,
אויף דיינע ליפּען
שהחינו...
שטעה=אויף, מיין געטין,
שטעה=אויף, מיין כלה!
איך פיהל אַ ריח
פון פרישע חלה...
מלאָכים פלעכטען
פון לו"ב קראַנצען...
די זשאַבעס קוואַקען,
די זשאַבעס טאַנצען!...

אַ נאַכט — אַ חיות!...

און אויף אַ קרום גאַניקעל פון אַנ'אַלט, קרום הײַזעל אינ'ם שאָטען פון אַ דאַרע, קרומע ווערבע זיצט אַ מענש פער־טיעפט אין די געדאַנקען...

און די וואַנדעל-פייערלעך, די נשמות פון די פאַלשע משיח'ן, שוועבען און וויעגען זיך אין דער-לופטען... און זיי רינגלען-אַרום זיין אַיינגעבויגענעם קאָפּ, און זיי לייענען אין זיינע מחשבות... און דערשראָקענע און דערפרעהטע אינאיינעם צאַנ-קען זיי און ווערען אַלץ בלייכער און דונקעלער אין דער פייכ-טער, בלויער זומער-נאַכט.

ווער-זשע איז ער, דער מענש אויפ'ן קרומען גאַניקעל פונ'ם אַלטען, קרומען הייזעל?

היות, אַזוי ווי איצט איז שוין געקומען די צייט ער זאָל נתגלה ווערען פאַר דער וועלט און ער אַליין האָט אונז צוגע-שיקט אַ „מאַנוסקריפּט", וואו עס איז בעשריבען אַלץ וואָס עס קעהר זיך אָן מיט איהם, רעכענען מיר, אַז פון אונז וואָלט גע-ווען אַ גרויסע עולה צו פערבאָרגען פאַר דער וועלט זיין נאָמען.

הייסען הייסט ער רב משה לייב העבלאַנד, און אָט וואָס מיר לייענען אין זיין מאַנוסקריפּט, פון וועלכען מיר ברייננגען דאָ די פאָלגענדע ציילען אין זייער אָריגענעלען „ליטע-ראַטאָרישען זשאַנדר" (דאָס איז זיין אייגענער אויסדרוק) און מיט אַלע זייערע גראַמאַטיקאַלישע אייגענשאַפטען:

...„איך, דער פּערפאַסער, פון דער ווערק, האָב פיל גיטין וויגין דער סיאָניסטישער אידייע אין דערים האָב איך רעכט זיך גיבין אין דעם רייען אַיין גרינדליכע ערקלערונג... מיט זיבין יאָר צריק האָב איך צי נייף גינימען... פיינע אינגע לייט אין האָב גיוואָלט בילדען אַיין פּאַרטייא פין קלייבען

געלט אין האָב פֿערפאַסט 30 אויפֿטפינקטין ווי זוי די פּאַרטייא צי אַיינאָרדנען אין זי צי שפּרייטען אין אַלע לענדער נאָר די יונגע לייט מיט אַ מאָנאַט שפּעטער האָבּין מיר שוין מבשר גיווען אַז איינער ד״ר הערציל מאַכט אין באַזעל איין קאָנגרעס מיט דעם צעל צי קלייבען געלט. נאָך דעם ערשטין קאנגרעס האב איך גיגיבּין איין הֶצֶע... פארלייגען די סיוניסטין צי שיקען אין דער וועלט בעל דרשנים אין ארוים גיבּין איין זשאַרגאָנישע צייטונג״...

אַלזאָ זעהען מיר ארוים, אַז דער „רייען״ פון קלויבען געלד צום „צעל״ פון ציוניזם איז נולד געוואָרען זעלבּשטענדיג אויפ׳ן בּרעג פונ׳ם טייכעל אוסטיע מיט אַ גאַנצען חודש פריהער איידער עפּיס „איינער א ד״ר הערצל״ האָט געמאַכט דעם ערשטען קאָנגרעס אין באַזעל.

מיינט איהר אפשר, אַז ער, דער וואָלינער משיח, האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געזאָגט, אַז איהם, און ניט הערצלען, קומט דער ערשטער פּסוק פון אתה־הראת, דער כבוד פון דער ערשטער הקפה?

חס ושלום. רב משה לייב האָט באַלד פערשטאַנען, אַז דאָס איז מן השמים ער זאָל נאָך ניט נתגלה ווערען פאַר דער זינדיגער וועלט, און אין פערלויף פון אַלע זיעבּען יאָהר מיט די קאָנגרעסען אין באַזעל און אין לאָנדאָן איז ער זיך געזעסען על נהר אוסטיע און געוואַרט... איצט אָבּער, אַז ד״ר הערצל איז שוין ניטאָ און די ציוניסטען האַלטען שמאָל, איצט טרעט אַרויס רב משה לייב!

ראשית דבר גיט ער דערביי צו ערקלערען, אז מיט די יודען פון זיין אייגען שטעדטיל וויל ער קיין מגע ומשא ניט האבען. און ווייסט איהר — פאר וואס? לאמיר זיך ווענדען צו זיין „מאנוסקריפט":

..."די אורזאכע איבער וועלכער די בירגער פון מיין שטאדט האבען מיט מיר ענטפאנגען צו שטרייטען, איז וואס איך האב זייא געוויזען עטליכע גימטריעס מן התורה אויף מיין נאמען, היינע: אני מאמין באמונה שלמה בביאת המשיח ואף על פי און אזוי וייטער... איז די גימאטריע פון ראשי"ת מיין נאמען משה לייב העבלאנד (וויל איך הייס משה לייב העבלאנד). על יד בן ישי בית הלחמי זענען די אותיות פון משה לייב עבלנד אין ת"י איז די פיר אינדערט מיט 10 יאר פין גרש איספאניע. על יד איש בן פרצי זענען די אותיות עבלאנד ישי (?) פרץ"...

דוכט זיך, וואס דארף מען נאך מעהר? אמת טאקע, כדי צו ציפאסען די ציטאטען ווערט פון העבלאנד — עבלאנד און פון עבלאנד — עבלנד; נו, נעבעך, ווערט עס טאקע, און אז אין די ראשי תיבות פונ'ם פסוק אני מאמין ביז ואף על פי פעהלט א היבש ביסעל צום חשבון, איז דער פסוק שולדיג. א חשבון איז בכלל א גשמיות, וויכטיג איז דער רמז, די בחינה, דער וואונק... זענען אבער די דארטיגע יודען בעונותינו הרבים גרויסע לײדאקעס און ענטפערן, אז גימטריאות איז קיין בעוויז ניט, און בפרט ניט־ריכטיגע, און אויב איהר ווילט דוקא גמטריאות און איך שאדט ניט א רענדעל ארויף א רענדעל אראב צום חשבון, טא נעהמט די ווערטער „הקטן משה לייב

העבלאַנד נרו יאיר" איז קומט אויס בגמטריא „אָדם אַ מענש, קאַצקע דוק זיך"; און נאָך בעסער קומט אויס „פּריש, געזונד און משוגע"... וואָס גראַבע־יונגען קאָנען?!

נאָר זאָלען זיי זיך שלאָגען קאָפּ אָן קישען. רב משה לייב ווייסט וואָס ער האָט צו טהון.

היות, אַזוי ווי די ציוניסטען האַלטען קרוב לבאַנקראָט.

„האָב איך מיר — שרייבט ער — בעשטימט פאַרלייגען דער יודישער וועלט איין נייעם פּלאַן"...

„איך גייא מיט דעם הפך פון סיאָניזם: אָנשטאָט פּאָליטיקע האָב איך מיר ערוואָרבין גרינדליכע פריינדשאַפט פון פיל פעלקער וועלכע קיקען נאָר אַרויס איך זאָל עפּעס ענטפּאַנגען. וויא מי וועט עפענען פאַר מיר טיר אין פענסטער וויא אַזוי איך וויל. דער נצחן וואָס ניט ד"ר ערציל און ניט ד"ר נאָרדאַ קענען דער צו קימען, איז דער נצחן אין מיין האַנד; די השגחה האָט מיך אויסדערוויילט פאַר איין מלך איבער ציון... איך וויל בילדען איין חברה אָדער איין פּאַרטייא מיט דעם נאָמען אחרונים, ווייל דער יעצטיגער סיאָניזם זיינען ראשונים, אייב מי וועט באַשטיין אין עס וועלין צי שטיין צי דער פּאַרטייא מענשין, וועל איך פערפאָלגין די ראשונים טריט נאָך טריט אין וועל באַ זיי צינעמען דאָס, וואָס זיי ווילען. אין גרעבין דער צי צי וואָס די ראשונים בכלל קענען נישט גרעבין"...

וואָס־זשע, מיינט איהר, וויל אויפטהון אונזער נייער גואל צדק? ער זאָגט עס אַרויס קורץ און גוט:

..."וועלען זייא (די ציוניסטען) ניט נעמען ציון מיט פאַ־

ליטיקע, וועל איך נעמען מיט ידידות העמים, מיט השגחה און נצחון... ווען סי וועלין זיך יאָווען בעלנים צי אַריין טריטין אין דער פּאַרטייא אַחרונים, זאָל פין יעדער שטאָט יעדער מיט גלידער מיר שיקין איין קאָפּיקע... וועל איך מאַכין איין קאָנגרעס פין אחרונים אין רוססענלאַנד, וועט מען שוין באַלד זייען ווי ריכטיג די ידידות פון פעלקער איז צי מיר"...

וואָס מיינט ער מיט דער קאָפּיקע — שרייבט ער ניט, נאָר בזולי־זול איז דאָס. שיקט אַ קאָפּיקע — מאַכט ער אַ קאָנ־גרעס, און איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף צו יודישען גלות!

וינג־ושע, יענקעל־חנה!
שפּיעל, אָ, צימבעל ליעבער,
און בעקרוין מיט גדולה
אונזער נייעם גבור,
וועלכער וועט אונז פיהרען
אונטער ציונ׳ס פאָהנען
פונ׳ם טייבעל אוסטיע
צו דעם באַרג לבנון!...

און אַרויסקומען פון דעם וועלען צוויי פעולות: דאָס פאָלק ישראל וועט אויסגעלייזט ווערען און די פערשאָלטענע נשמות פון די נביאי־השקר, פון די פאַלשע משיח׳ין, וועלען סוף כל סוף אויסגעלייטערט ווערען, פערלאָזען דעם עולם התהו און קומען אין זייער רוהה...

שוין־ושע איז דאָס ניט ווערטה אַ קאָפּיקע?...

„וזאת הברכה"...

(אַ שמחת־תורה פּאַנאָראַמע)

I.

ניט בעוואָפּענטע מיט שפּיזען,
שטאַב און שילד און שווערד,
ריטער, שטאַרקע ווי די ריזען,
אויף די ראַשע פערד
יאָגען, פליהען, זידען, ברענען
אויף די ברייטע צירק־אַרענען
און טורנירען־טאַנץ...
פּויקען־שלאַג און פּאַקעל־פלאַמען, —
און דעם זיעגער קרוינען דאַמען
מיט אַ לאָרבער־קראַנץ...

לאָרבער... בלומען...

ניין, ניין!

דאָס געהט די יודישע קאַרוסעל מיט'ן יודישען פּאַקעל־צוג, וועלכע זענען פיעל עלטער פון אַלע קאַרוסעלען און פּאַקעל־צוגען אויף דער וועלט.

און פרעהליכער אויך.

שטיקלעך פאָהנען, ליכטלעך, שטעקלעך...
און ס'איז פרעהליך פאָרט;
ס'פלאַמען אויגעלעך און בעקלעך, —

„קליינוואַרג“ הוליעט דאָרט.
ס'וואַקסט און בליהט דאָס פּיצעל יודעל
מיט אַ טענציל, מיט אַ ליעדעל,
מיט אַ פריידגעשריי...
און די אַלטע מאַמע שכינה
מיט אַ גוטע, ליעבע מינע
זיצט און קוקט אויף זיי...

II.

איך שטעה... איך קיק...

די גרויסע שוהל מיט די זילבערנע און קריסטאַלענע הענגלייכטער, מיט די קוממיות'דיגע קאַפּעליושען, מיט'ן קאַזיאָנעם רב און מיט אַ שטרענג קאַזיאָנעם פּאַראַנדעק, וועלכען עס היטען אָב אַ פּאָר אָקאָלאָדאָטשנע מיט אַ מנין בודאָטשניקעס איש חרבו על ירכו, — און דער אַלטער בית־המדרש מיט די אָבגעריבענע עטרות און דורכגעשמאָלצענע יאַרמעלקעס. און די שניידערשע שוהל, און די קצבים־שוהל מיט'ן פּוילישען בית־המדרש, מיט'ן חב"ד — אַלץ שימערט און בליסטשעט פאַר מיינע אויגען און פּעראייניגט זיך, פּאַסט זיך צונויף און צעוויקעלט זיך אין איין לאַנגע, פיעל־פאַרביגע פּאַנאָראַמע.

פון אָדם הראשון אחד אלהינו
אין פאָר־שוהל, חב"ד און אין קלויז,
און כנסת־ישראל איז אומעטום איינע
און שיינט ווי אַ בליהענדע רויז...

און אַ פּשוטאַ שמחת־תּורה:

„שמחת־תּורה, האָפּעניו!
מיט'ן פּוס אַ קלאָפּעניו!"...

אזוי ווי עס זינגט זיך אינ'ם אלטען יודישען ליעדעל.

III.

די הקפות זענען אין פולען גאַנג.

— מורינו, הרב המזרחי איז מען מכבד מיט דער ערשטער הקפה!...

— מוחל! — הערט זיך אַ פערשטיקטער קול, — מוחל:

אָך, איך בין שוין אַרויס פון קאָן,
איי ציוניזם אַ חלוש
אַמאָל געזועסען אויבען־אָן
אין בגדי־כּהונה אָנגעטהאָן,
איצט בלייב איך שטעהן אין פּאָלעש...
געטאַראַראַמט: — אַ „מכתב־עת",
„מודעות" און „אַזהרות"...
געפּלאַמט, געאַרבייט ביז'ן שוויים,
און פרעגט מיך איצט, בחרם, כ'ווייס,
צו וואָס בעדאַרפט די צרות?
אַ וועלט — אַ חלום אויפ'ן וואָהר...
און ווער וועט מיך בעקלאָגען?
איין בירגער יעבץ, אפשר, נאָר
וועט קדיש־יתום זאָגען...

דער ליעבער, פרומער „מזרחי" — אַ ליכטיגען גן-עדן זאָל ער האָבען!...

IV.

— הרב רבי ישראל זאַנגוויל איז מען מכבד מיט דער צווייטער הקפה!

— אָל-רייט! איך פאָהר! — ענטפערט מיסטער זאַנגוויל:

איך פאָהר פון לאָנדאָן קיין בערלין,
איך פאָהר אַהער, איך פאָהר אַהין,
שרייב בריעוולעך און האַלט רעדעס;
און נאָט איז מיר מיין עדות,
אַז כ'וועל ניט רוהען אַ מינוט,
ניט זשאַלעווען קיין שווייס און בלוט,
פון גלות פונ'ם ביזען,
אייך, יודען צו דערלייזען!...

„— וואוהין-זשע מיינט איהר?"
— וו'הייסט „וואוהין"?
אין סורינאַם, אין מדבר סין,
אין אדום, אין קאַיענע,
אין אורוגוואַי, אין פּאַראַגוואַי, —
וואָס איז דער חילוק? סיי=ווי=סיי
אַ מדינה, די צו יענע;
ס'מעג זיין פאַר מיליאָנען מייל,
איך בין צו אַלץ זיך מכין,
אַבי נאָר צו דערגרייכען

א טעריטאָריע ד ע ר ו ו י י ל.
און שוין פון דאָרטען ציהען:
איה״ש, קיין ציון!...

— איה״ש, הייסט עס, ווען משיח וועט קומען?

יאָ, דער פּלאַן איז פּראָסט און פיין;
גאָט זאָל טאַקע געבען!
א הקפה וועט דאָס זיין
גאָר נישקשה כ׳לעבען!...

V.

פון אונטער דער קיפּע אָטשאָטען און רעפּעראַטען פון דער „עקספּעדיציע״ קריכט אַרוים א ו ג אַ נ ד ע.

ד ע ר ש מ ש (איבערראַשט):

— דו... טויטע נשמה... וואָס קריכסטו?

א ו ג אַ נ ד ע

(מיט א שווארץ־חנ׳עוודיג שמייכעלע):

— וואַרט... דו ביזט טאַקע גערעכט... מיין נשמה אָבער שוועבט נאָך און וועט לאַנג נאָך שוועבען אינ׳ם יודישען עולם־התהו־לעבען:

בעגראָבען איז אוגאַנדע שוין,
אוגאַנדע רוהט אין פריעדען;
די „יאָ־זאָגער״ און „ניין־זאָגער״
זיי בלייבען דאָך ביי יודען.

איך בין אַ צופאַל נאָר געווען
און בין פערשוואונדען טאַקע;
געבליבען איז ביי יודען דאָך
די אַלטע, גרויסע מכה:
דאָס „יאָ” און „ניין” אין יודישע
ענינים, אינטערעסען;
וואָס ליעגען טיעף ביי יעדערען
און ביז'ן ביין דערעסען!...

VI.

די קוממיות'דיגע צילינדרען מיט די זיידענע טליתים'לעך
און די עטרות מיט די יאַרמעלקעס ווערען פערשוואונדען...
די פאַנטאַזיע אַרבייט... די פאַנאָראַמע ציהט זיך ווייטער...

עס בעוויזט זיך דער „דגל מחנה השטרייקער”.

די בערשאַדער טליתים-וועבער:

עס שטרייקען פאַבריקען, עס שטרייקען זאַוואָדען
און מאַכען יד-אחת אינ'איינעם;
מיר קאָנען זיך ביישטעהן אַליין אונזער שאָדען,
מיר ווילען ניט, דאַרפען ניט קיינעם:
אַנידערגעשטעלט זיך און סטאָפּ די מאַשינע!
אַ ריהר ניט צו טהאָן זיך, ווי מתים;
און זאָל אַקאָרשט פּרובען אַ גאַנצע מדינה
בעגעהן זיך אָהן נייע טליתים?!...
איהר מעגט אייך קאַטאָוועסלעך פרעהליכע טרייבען;
וואָס טויגען דאָ חכמות אין מליצות?

א פשוט'ער ענין: פרובט, יודעלעך, בלייבען
אָהן ציצית, אָהן ציצית, אָהן ציצית!!!...

די סלאָנימער סופרים:

חיינט זאָגט וואָס וועט האָבען די וועלט פאַר א פּנים
און ווי וועט דער עולם זיך פיהלען
נאָר בלייבענדיג האָטש=בי א חודש אין סלאָנים
אָהן נייע מזוזות און תפילין?!...

VII.

ערשטוינט פון דער שרעקליכער קאַרטינע, קוק איך זיך איין מיט דערשראָקענע אויגען אין דערוויטען — און איך זעה:

עס געהט דער שטרייק דער יודישער,
ער גיסט זיך און ער קייקעלט זיך;
און צו דער שוהל דער ווייבערשער
דערגרייכט ער פול מיט שרעק:
די רבי'צין, די גבאי'טע,
די זאָגערקע, די שפּרעכערקע,
די העבאַם און די טוקערקע
א שטרייק געמאַכט — אב'עק!!!

איז דאָך אויף די שוהל=שמשים, אויף די בעדער און אויף די תוכחה=עליה'ניקעס אודאי שוין קיין חדוש ניט!...

VIII.

נאָר נענוג קלערען פון אומעטיגע זאַכען. שמחת=תורה איז

היינט: און שמחת־תורה מוז מען זין פרעהליך, מען מוז זינ־גען, און מען מוז טאַנצען בשמחה ובטוב לבב, און ווייסט איהר וואָס מ'טאָר ניט אום שמחת־תורה?

שיסען טאָר מען ניט.

בעשיינט מיט דער זיו השכינה, שווימט אַרויס די לויטערע נשמה פונ'ם בעל־המחבר פון דעם „של"ה הקדוש" — און מיט פלאַם־פייערדיגע אותיות צינדען זיך אָן פאַר מיינע אויגען די ווערטער:

„אָסור להבעיר פולוויר להשמיע קול לשמחה".

משמעות אַז ווען ניט דער איסור פונ'ם „של"ה" וואָלטען יודען יאָ געבאַלעוועט זיך מיט פולווער לכבוד דער הייליגער תורה אונזערער!

נאָר, ווי די מעשה איז, טאָרען טאָר מען דאָס ניט.

טאָ ערפילט־זשע, קינדער,
אונזער בורא'ס ווילען,
און געדענקט: מיט פולווער
טאָר מען זיך ניט שפּיעלען.
פולווער איז אַ חפץ,
וואָס מען דאַרף איהם ברויכען
צו אַ ציעל אַ רעכטען,
צו אַ צוועק אַ הויכען...
חוץ דעם, שיסען דאַרף מען
ווילדע וועלף און בערען,
שיסען בייזע כלבים,
פריי פון זיי צו ווערען;

אָבער, ליעבע קינדער,
פרעהליך זיך צו מאַכען,
שיסען אין דער לופטען —
דאָס איז פוסטע זאַכען!...

און מ׳דאַרף עס ניט טהון.
אַזוי שטעהט אינ׳ם „של״ה הקדוש״.

IX.

און ווידער ציהט זיך די ליעבע אַלטע קאַרוסעל און פון דער בימה דערהערט זיך דער אויפרוף: „יעמוד... עם כל הנערים!״...

„— חתן תורה!״
דער טלית דעקט זיי איבער אַלע
צושפּרייט אויף זיי ווי גאָט׳ס געצעלט...
„וזאת הברכה, — שאַלט אַ בת־קול, —
צו לעבען גליקליך אויף דער וועלט:

גענוג אויף נסים זיך פערלאָזען,
פון הימעל וואַרטען אויפ׳ן מן;
גענוג „וישלח״ צו דעם אָדון
און „ואתחנן״ פאַר׳ן פאַן.
ניט בויגט פאַר „בלק׳ן״ דעם רוקען
פאַר „פרעה׳ן״ — שטאָלץ און מוטה שטעהט;
אַליין, מיט אייגען קראַפט און ווילען
צוברעכט די שווערע גלות־קייט.
זאָל „עשו״ שאַרפען זיינע פיילען,
זאָל „בלעם״ קלינגען ווי אין גלאָק

אוּן שיטען שוואַרצע מאָן און פעפער, —
חזק, חזק ונתחזק!
און פונ'ם אַלטען „בית=עבדים"
געמאַכט אַ סיום, פריש און פריי,
שטעהט אויף, שטעהט אויף, הויבט־אָן „בראשית"
אַ מענשען=לעבען פון דאָס ניי!"...

„א גוטער המן".

טוק=טוק=טוק!... ווער קלאפט אין טהיר?
„— איך"... און ווי א וויכער
פליהט אריין א כרוב צו מיר:
„— שלח־מנות! גיבער!
טינט און פעדער און פאפיר
מיט א מאה גראמען, —
א פּרעזענט אויף פורים דיר
פון דער ליעבער בת השיר...
גראמען ווי די פלאמען,
הייסע, לעבעדיגע, ס'גליהט
און עס פונקעלט און עס פליהט
ווי א בליטץ אין הימעל...
נא!" — און ווערט פערשוואונדען גיך...
. . . .
צויבער=בילדער וויעגען מיך
אין א זיסען דרימעל...
און איך זעה... איך זעה — דערקוויקט
פון א פרייד א שטילע;
אויף א בלאהען וואלקען ליעגט
אויסגעשפרייט די מגילה.
שרפים שטעהען מחנות־וויין
און, ווי עפּעס פון א נייס,
קלייבען פערגעניגען,

הערענדיג ווי קונציג דאָרט
מרדכי לייענט וואָרט נאָך וואָרט
מיט'ן אַלטען ניגון...
כּרובים, קליינוואַרג, אויך דערבײַ,
רוישען ווי די שטראָמען, —
און אַ דונער=גראַגערײַ
געהאַט בײַ יעדען „המן"...
צו דער סעודה שטעהט אַ טיש
גרייט שוין, אָנגעלאָדען
אָהן אַ ברעג — מיט זיסע פיש,
קוילעטשען און פלאָדען...
שטערען זינגען שירה זיס
און מזלות טאַנצען...
אסתּר זיצט, פּרובט ווײַן, קנאַקט ניס
שיילט און עסט מאַראַנצען.
און, בּעציהרט מיט הימעל=פּראַכט
פון'ם כּסא־כּבוד,
פון צוויי המן=טאַשען מאַכט
זי אַ מגן-דוד...
די שושנת יעקב בּליהט,
שיינט פון זיסען פריעדען...
. . . .
נײַן, עס גראַמט זיך עפּעס ניט,
מײַנע ליעבע יודען!...

„— אוי, ניטאָ די כּחות וואָס מיידעל=ווײַנז!" — זאָגט אַ יודענע, ליעגענדיג אין קימפּעט.

ניטאָ — מוז מען זיך מודה זײַן — ניטאָ מעהר די זיסע קינדער=חלומות מיט זייערע ליכטיגע בּילדער, מיט זייערע קלאָהרע, ליעבּע געשטאַלטען...

א שווערע, הארטע האנד לעגט זיך אַרויף אויפ'ן אקסעל, און זכרונות פון דער ווייטער פערגאַנגענהייט פערבינדען זיך און מישען זיך צונויף, מיט דער בלייכער און דונקעלער פראַזע פונ'ם דונקעלען, וואַכעדיגען לעבען...

*

* *

צייטען בייטען זיך. דאָס איז אַ כלל גדול פון דער אַלטער באָבע-היסטאָריע; און זי דערווייזט עס מיט טויזענדער סימנים.

די אַלטיטשקע איז אָבער ניט דורכאויס שטרענג און ערנסט אַזוי ווי עס פּאַסט טאַקע פאַר איהר. צייטענווייז, און אפשר ניט-ווילענדיג, וויצעלט זי זיך גאַר ניט שלעכט און רופט-אַרויס ביים לעזער אַ שמייכעל אויף די ליפּען... עס מאַכט ניט אוים אַ קרומען, אַ ביטערען שמייכעל...

אָט הערט אַ וויטץ:

אין יאָהר 1672 איז אינ'ם קעניג-פּאַלאַץ אין דאָרף פּרעאָבראַזשענסקאָיע פאָרגעקומען אַ סצענע, איבעראַל אַ זעלטענע אין יענע צייטען, ניט נאַר אין די ווייטע געגענדען פונ'ם ווילדען און פינסטערען שאַנד, נאַר אויך אין די העכסטע קרייזען פון דער אַלטער קייזער-רעזידענץ מאָסקווע.

אינ'ם הויף-באַלאַגאַן, וואָס האָט זיך גערופען „קאָמעדינאַיאַ חאָראָמינאַ“, איז געגאַנגען אַ טעאַטער-שטיק מיט'ן קונציגען נאָמען „אַרטאַקסערקסאָוואַ דייסטוואַ“.

פשוט געדערט — „פורים־שפּיעל".

דער צאַר אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש מיט דער קעניגין און מיט די קינדער און אינ׳איינעם מיט זיי די גאַנצע דעמאָלטיגע הויף־אַריסטאָקראַטיע זענען געזעסען און געקליבען נחת פון דער וואונדער־שעהנער פאָרשטעלונג.

די טרופּע איז בעשטאַנען פון 64 קינדער, און רעזשיסאָר איז געווען דער לוטהעראַנישער פּאַסטאָר גרעגאָרי, אַ מענש, ווי ס׳ווייזט־אויס, אַ מומחה אין דער מגילה. אַ סימן דערצו: לויט דעם בעפעהל פונ׳ם צאַר, האָט מען דעם פּאַסטאָר, אַלס האָנאָראַר, אַרויסגעגעבען פון קאַזנאַ 40 שוויבלענע פּעלכלעך וואָס האָבען בעטראָפען דעמאָלט גאַנצע הונדערט רובּל מיט אַ צוגאָב פון נאָך אַ פּאָר פּעלכלעך במקח 8 רובּל, און דאָס ווערק אַליין, די „אַרטאַקסערקסאָווע דייסטווא" הייסט עס, איז בעפעהלען געוואָרען איינבינדען אין סאַפיאַן־לעדער, בעפּוצט מיט גאָלדענע אָרנאַמענטען, — אַ כּבוד, וואָס די מגילה האָט ניט געהאַט זינט די וועלט שטעהט.

וואָס, אייגענטליך, איז אַזוי געפעלען אין דער „דייסטוואָ" דעם צאַר אַלעקסיי מיכאַילאָוו׳טש? מרדכי׳ס גדולה, המן׳ם מפּלה, צי ושתּי׳ס ליכטיגער שטערען?...

בלי ספק, הויף־קאָמיש האָבען געמוזט אויסזעהן די אַלע 64 אַקטיאָרל׳ך, אָנגעטהאָן און אויסגעשלייערט אַלס „פּערזאָנען" פון דער אַלטער מגילה. לאַכען איז געווען פון וואָס, אָבער בעצם פונ׳ם אינהאַלט וואָס איז געווען אַזוי נתפּעל צו ווערען?

מיט יודען איז דער צאַר בעקענט געווען שוין פון לאַנג,

דערהויפּט מיט ווילנער יודען, וועלכע האָבען געהאַט די זכיה צו זעהן איהם פּנים אל פּנים בּיי דעם טריאומף אין ווילנא נאָך זיין נצחון אין דער מלחמה מיט פּוילען.

צו האָבען בּיי איהם מיט וואָס ניט איז ניט נושא־חן געווען די ווילנער יודען — ווייסט מען ניט; נאָר דאָס איז בּעוואוסט, אַז די דעמאָלדיגע ווילנער שווארצע מאָה האָט גרייליך געפונען חן און לייטזעליגקייט אין זיינע ליכטיגע אויגען, און ווען פון די דאָרטיגע דובּראָווינצעס איז אָנגעקומען א בּקשה, אַז מען זאָל יודען פּערוועהרען וואָהנען אין ווילנאַ, איז אָבּגעגעבּען געוואָרען א פּריקאַז: „די יודען אַרויסשיקען פון ווילנא און ערלויבּען זיי צו בּעזעצען זיך הינטער דער שטאָדט־גרענעץ”, — ווי אין פּסוק שטעהט: מחוץ למחנה.

— גוואַלד! — האָבּען געקלאָגט די ווילנער יודען, — גע'טענה'ט צו גאָט:

„גוואַלד, טאַטעניו, מיינער!
וו'הייסט, הינטער דער שטאָדט?
גאָר מעשה־ציגיינער!”...

ווי איהר זעהט — פּונקט דער היפּך פון דעם, צו וואָס עס האָט זיך דערקלעהרט מיט כּמה יאָהר שפּעטער אונזער אַלטער גוטער פריינד, דער גראַף איגנאַטיעוו. צייטען בּייטען זיך: פריהער — מעשה־ציגיינער, דערנאָך — מעשה־אַרעסטאַנט...

נאָר אויף בּיי דער פאָרשטעלונג פון דער „אַרטאַקסער־קסאָוואַ דייסטוואָ” איז געווען אויך דער פירסט שאַחאָווסקאָי, דער ערשטער רוסישער וואָיעוואָדאַ אין ווילנא, האָט ער בּפירוש געמעגט זאָגען:

— זעהט, ווי ציימען בייטען זיך. המן הרשע האט גע-וואלט אומ'הרג'ענען די יודען פון גאנץ פרס ומדי, און איך האב מיך בענוגענט מיט ארויסטרייבען דאס ביסעל זשידאקלעך פון ווילנא. איא, וואס פאר א גוט הארץ איך האב!

און וואס האבען געטראכט די ווילנער יודען?

ווער ווייסט, אפשר אויך טאקע: „שא, וואס איז דער ליארעם? און אין שושן-הבירה, אהן מרדכי'ן מיט אסתר־'ן, וואלט בעסער געווען?"

און א זיסע לויב געשיקט
צו זיין ליעבען נאמען;
וואס ער האט זיי דא בעגליקט
מיט א „גוטען המן"...

דער גלגול-הנפש, אדער. ווי רופט מען דאס, די עוואָ-לוציע, פונ'ם המנ'ס טיפ איז צו בעמערקען אויך אין אונזער צייט.

למשל — באבערישטשעוו-פושקין.

ווען איוואן גראזני האט איינגענומען פאלאצק, און מען האט איהם געפרעגט, ווי זאל מען זיך בענעהען מיט די דאר-טיגע יודען, האט ער געענטפערט: „— וויל זיך ווער שמד'ן — שמד'ט; ניט — ווארפט אין טייך אריין". קורץ און גוט.

איוואן איוואנאוויטש באבערישטשעוו-פושקין איז ביי גראזני'ן א יעגער געווען, פאר בלוט פלעגט ער בודאי זיך ניט שרעקען.

היינט אַז מען הייסט דערטרינקען יודען, בעדאַרף מען דאָך זיין אַ רוצח אויף זיך אַליין אָבצוזאָגען זיך פון אַזאַ דבר־מצוה, נאָך מיט אַזאַ תענוג דערצו.

איז דאָס געווען אין יאָהר 1563, און אין 314 יאָרן אַרום האָבען מיר דאָס פערגעניגען צו זעהן אַ באָבּרישטשעו. פּושקין, וואָס שרייבט אין „נאָוואָיע ווערעמיאַ“ חי־וקיים און שווערט בּיי׳ם עלטער־עלטער־זיידענס בּייטש־שטעקעל:

נעהמט און פּאַטשט איהם אָהן אַ ברעג
חאָטש אין ביידע באַקען;
זאָל ער אויפ׳ן גלייכען וועג
ברעכען האַלז און נאַקען.
זאָלען שטיקער־וויז די הויט
שדים פון איהם רייסען;
אום׳ברחמנות׳דיג אויף טויט
מיט נאַגייקעס שמייסען.
זאָל ער שלינגען גיהנום־לופט,
אין אַ קעסעל זיעדען, —
אויב ער האָט חאָטש ווען געפּרובט
טראַכטען שלעכטס אויף יודען!

אומגעקעהרט, ער טענה׳ט די גאַנצע צייט, אַז על־פּי יושר דאַרף מען יודען אויך געבען... דאָס, וואָס מען וועט מסתמא אַלעמען געבען — אין סטאָליפּינ׳ס פּאַרלאַמענט.

ס׳אַר גוט־האַרץ דאָס איז, — זאָגט דער קיעווער ראש־גלותא. לאַזאַר בראָדסקי, זיצענדיג ביי אַ „בעזיג“ מיט יוזעפּאָ־וויטשען, — ס׳אַר אַ גוט־האַרץ, ס׳אַר אַ ריינע, כּשר׳ע נשמה; געזונד זאָל ער זיין!...

און נאָך אַ מיטעל!

בשעת איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געהאָלפען וואַרפען די פּאָלאָצקער יודען אין טייך אריין, זענען געשטאַנען דערבּיי, קוקענדיג אויף די אינטערעסאַנטע סצענע, צוויי גרויסע לייט פון גראָזני'ס חבריא: דער באָיאַרין אַנדריי וואַסילעוויטש און דער באָיאַרין פּיאָדאָר מיכאַילאָוויטש, ביידע פון דער משפחה טרובּעצקאָי. מעגליך אַז אַליין, ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן זייער גוטען ווילען, וואָלטען זיי דערויף ניט מסכים געווען; היות אָבּער דאָס האָט געהייסען טהון דער צאַר, האָט מען גע־מוזט שטעהן און אַכטונג געבּען, אַז קיין איינציגע יודישע פּאה זאָל ניט דערוועגען אַרויסשטעקען זיך פון'ם וואַסער.

— אַי, סלאַוונאַ, וואַניושאַ! — האָבּען זיי אונטערגע־געבּען חשק איוואַן איוואַנאָוויטשען, — טאָפּי, טאָפּי איח, פּראָ־קליאַטיך!... טאַק, טאַק, סלאַוונאַ, וואַניושאַ, ליחאַ!...

יודען אין רוסלאַנד טרענקט מען איצט ניט נור אין פּאָ־לאָצק; אין טויזענדער טייכען ראַנגלען זיי זיך מיט'ן מלאך־המות, אָט־אָט געהט מען צום גרונד... און ווער־זשע געהט מציל זיין זיי פון טויט־געפאַהר? די ביידע באָיאַרינ'ס אַנ'אור־אור־אייניקעל, — דער פירסט יעווגעני טרובּעצקאָי, אַ פּראָפעסער, אַ פילאָזאָף און, ווי מען זאָגט, טאַקע אַ גאַנץ אָרענטליכער מענש.

ווי אַזוי־זשע האָט בדעה דער ליעבּער תלמיד־חכם מציל זיין יודען פון דערטרונקען צו ווערען?

— ביסלעכווייז. אַ ציה געטהאָן און אָבּגערוהט זיך, אָבּגערוהט זיך און ווידער אַ ציה געטהאָן...

און ווייסט איהר, אויף וואָס נאָך פאַר אַנ׳אופן?

ניט נאַריש און ניט שלעכט געווים:
כּדי די פיש אין טייך ניט שרעקען,
פאַמעליך ציה׳ן פאַר די פיס,
דעם קאָפּ געלאָזט אין וואַסער שטעקען...

יאָ, מיינע ליעבע פריינד, ציימען בייטען זיך!

צייטען פליהען יאָהר נאָך יאָהר,
צייטען פליהען ווי די שטראָמען;
און געוועהנליך יעדער דור
האָט זיך זיין בעשעהרטען המן.
איינם נאָר בלייבט: זיין ליעבען נאָמען,
— אונזער אַלטען אָפּעקון —
איצט און אייביג רחמים בעטען,
ער זאָל אונז דעם חסד טהון —
פון די גוטע המנ׳ס רעטען
(וואָס מיר האָבען אָהן אַ שיעור
אויף דער וועלט פון זיי געליטען);
פון די בייזע װעלען מיר
ווי ניט איז אַליין זיך היטען!...

דער רויטער גערעכטער.

(צו שלום-עליכם'ס יובילעאום).

אָט איז ער, ליעבע יודען, אָט איז דער אמת'ער, עכט-יודישער, רויטער גערעכטער!

דעם 11-טען אָקטאָבער 1883 האָט ער זיך אַ גאַס גע-טהאָן פון שלום-עליכם'ס הארצען.

און פינף און צוואַנציג יאָהר האָט ער ניט אויפגעהערט צו פליסען איבער די יודישע גאַסען.

אַ גערעכטער מיט קרעמעניעס, אַ גערעכטער מיט יאַסטש-ערקעס.

אַ גערעכטער, וואָס האָט געקיצעלט מיט קאַלטע, אויס-געדאַרטע, אויסגעהונגערטע פינגער.

אַ גערעכטער, וואָס האָט געוואָלט שטעכען און בריהען ווי מיט צוגליהטע נאָדלען.

אַ גערעכטער, מיט וועלכען עס לאַכט יענער, ביי וועמען דער תלין מאַטעוועט-אויס די קישקעס*).

---

*) Bowels

אַט דאָס איז געווען אין פערלויף פון פינף און צוואַנציג יאָהר שלום־עליכם׳ס געלעכטער.

און אַז דער געלעכטער איז רויט ווי בלוט און הייס ווי בלוט — דאָס האָט מען בעמערקט ערשט איצט.

אין פינף און צוואַנציג יאָהר אַרום.

און וואו?

ערגעץ אויף אַ סטאַנציע באַראַנאָוויץ!

בנאמנות, אַ געלעכטער!

אַ כל־ישראל־געלעכטער!

און שוין־זשע אויך איצט וועט שלום־עליכם׳ס בלוטיגער געלעכטער זיך אָנשלאָגען אָן דער אַלטער, טויבער, קאַלטער וואַנד פון אונזער קאַלטבלוטיגקייט און גלייכגילטיגקייט; אָן דער שווערער, שוואַרצער חמאַרע, וואָס האָט שוין אַיינגעשלונגען און אויפגעפרעסען אַזוי פיעל, אַזוי פיעל בלוט און מאַרך, געזונד און חיות פון דעם ווייסטען, עלענדען, יודישען מחבר?!

דער געלעכטער, דער געלעכטער, דער הייסער, רויטער, יודישער געלעכטער!...

„ברוך הבא" און „זיי־געזונד".

...איז דאָס געווען, דערצעהלט מען, אַ שמחה, וואָס אַנ׳אויג האָט נאָך אַזוינס ניט געזעהען און אַנ׳אויער ניט געהערט אויף קיין ציגיינעשער חתונה פונ׳ם ברעג טייך פרוט ביזן ברעג טייך דניעסטער. איבער די פערדאַרטע וויינשטאָקען און טאַבאַק־פלאַנטאַציעס האָבען זיך געדרעהט די ווילדע שנעע־שטורעמס געברומט, געפייפט און געזונגען:

פון די קרומע זומפען־שליפעס,
ברונענס, קעלערס קריכט אַרויס
לויפט און פליהט, מזיקים, קליפות,
רוחות, שדים, קליין און גרויס!
מיט רעזינעס און מיט פלעקער,
און מיט פויקען און מיט גלעקער,
כדבעי צום פּאַראַד.
פיהרט אין דומע, פיהרט אין דומע
דעם אבי־אבות הטומאה,
דעם בית־עלמין־דעפוטאַט
מיטן׳ גנבה׳שען מאַנדאַט!
זאָל מען שרייען, פראָטעסטירען,
שרייבען גאַנצע פעק פּאַפּירען, —
ער וועט בלייבען פראַנק און פריי:
ס׳איז צו־הילף דאָס טרפ׳ע גליק איהם
און דער גיהנום בלייבט איהם טריי.

חוליעט, קליפות! טאַנצט, מזיקים!
מאַך אַ סעודה, אַשמדאי!...

דריי טעג מיט דריי נעכט איז געגאַנגען די סעודה. פּשע־ניטשקעס און מאַמאַליגעס זענען געפלויגען ווי פויגעלעך איבער די דעכער. בעסאַראַבער רויט־וויין האָט געפליוכעט פון די פּע־סער, ווי דאָס יודישע בלוט איבער די גאַסען... און פערקראָכען הינטער די אייוועגס זענען געזעסען קישינעווער יתומים און אַלמנות און שטיל־ינקערהייד (דער גאָראָדאָוואָי זאָל ניט דער־הערען) אונטערגעבאָמקעט אַ מזל־טוב דעם נייעם דעפּוטאַט, אונ־געפעהר בזה הלשון:

פּאַוואָלאַקע, פּאַוואָלאַקע,
בעל־הבית פון היגען סדום!
זיין זאָל דיר אין בויך אַ מכּה
און אין הארצען אַ פּאָגראָם!

קיין שום צווייפעל ניט, דער וואונש איז געווען אַנ'ערנס־טער, אַ געטרייער, טאַקע וואָס ס'הייסט פון פולען האַרצען. פּאַוואָלאַקען אָבער האָט דאָס גאָר ניט געשאַדט. אָבגעהוליעט דריי טעג מיט דריי נעכט און בעגלייט גרויסאַרטיג מיט פויקען, טאַצען, גלעקער־קלאַנג און שדים־רומפּלען, האָט ער זיך אַוועק־געזעצט אין אַ סאַלאָן־וואַגאָן אויף „קאַזיאָנע־סטשאָט“ און היידאַ, קיין פּעטערבורג!

צו דעם מקור, פון וואַנען
ס'קומען אָן קרושעוואַנ'ען
(קעגען נאַכט ניט דערמאָהנען!)
די „עכט־רוסישע“ פּאָהנען...

און קרושעוואַן איז אין דומע!...

*

* *

קרושעוואַן איז אין דומע, און די פּעטערבורגער פּעליטאָ־ניסטען, זאָלען לעבען, זיצען און זענען זיך מתחכּם אין דער טיעפער שאלה: צו איז דאָס גוט וואָס ער איז דאָ, צו ניין? און כּמעט אַלע ענטפערען כּפּה אחד: „ניט. מחמת, אדרבּה, אָט לאָמיר הערען, וואָס וועט ער טענה'ן, דער תּכשיט, און ווי אַזוי וועט ער זיך ערלויבען דאָ, אין דומע...“

— ער וועט זיך ערלויבען, מיינע ליעבע פריינד, איהר מעגט זיין זיכער. די פראַגע איז אָבער גאָר ניט אין דעם, וואָס וועט ער טענה'ן און וואָס וועט ער זיך ערלויבען. וואָס־זשע דען, — פרעגט איהר? אַנ'ענטפער אויף דעם איז, ווי מיר דאַכט, אַנגעגרייט שוין אַ צייט פון דריי־פיער טויזענד יאָהר צוריק, ווענינגסטענס אַזוי לאַנג וויפיעל עס עקזיסטירט דאָס אַלט־אַלט ביכעל, אין וועלכען עס דערצעהלט זיך:

ויהי היום ויבוֹאו בּני האלהים להתיצב על ה' — אַמאָל זענען געקומען גאָט'ס ליעבע קינדער, די מלאָכים, פאָרשטעלען זיך פאַר זיין ליעבען נאָמען. „ויבוֹא גם השטן בּתוֹכם“ — איז דער שטן, אַ מפלה איהם, אויך געקומען צוזאַמען מיט זיי.

קענטיג איז דאָס געווען נאָך אין יענע צייטען, ווען אויפ'ן הימעל האָט מען נאָך געהאַלטען וויפיעל ניט איז פון דעם פאַר־שוין מיט די ברייטע, שוואַרצע פליעגעל, אין דער לאַנגער, שוואַרצער זופּעצע מיט אַ פרום, חנ'עווריג שמייכעלע (ווען דאָס האָט געפּאַסט) אויף די דינע, בּלייכע ליפּען, מפלפּל געווען זיך

מיט איהם אין חקירה־און־אמונה־זאכען און אַלץ נאָך ניט גע־
גלויבט, אַז דאָס איז אַ פּשוט׳ער שוואַרץ־מאַה׳ניק, אַ בּלוטזויגער,
אַ ווילדע בּיזע חיה...

האָט מען זיך צורעדט מכּה איוב׳ן.

— דו, שטן, זאָגסט: איוב איז דער פּאַר גוט און פרום,
ווייל עס לעבּט זיך איהם רוהיג און גליקליך, און אַז מען האָט
עולם־הזה, איז ניט שווער אָבּשפּאָרען אויף עולם־הבא? טאָ נעהם
און מאַך אַ תּל פון זיין האָב און גוטס, עס זאָל אַ שטיין אויף
אַ שטיין ניט בּלייבּען, און לאָמיר זעהן, וואָס וועט פון דעם
אַרויסקומען...

— איא, שטן, עס העלפט ניט? אלא וואָס? פּשוט אַ פּאָ־
גראָם זאָגסטו, איז ווינציג? די זיהן זיינע דער׳הרג׳עט, די טעכ־
טער פערבּרענט, אַלץ נאָך ניט גענוג? אַ מענש, זאָגסטו, איז
בּכּח צו אַלץ געוועהנט צו ווערען, איז פערלאַנגסטו אַז ער
אַליין זאָל איבּערגעגעבּען ווערען אין דיין רשות? גוט, מען איז
אויף דעם אויך מרוצה, נעהם און טהו מיט איהם וואָס דיין
האַרץ גלוסט, און לאָמיר זעהן וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען.

און דער שטן האָט אַלץ איבּערגעפּרובּט מיט׳ן אונגליק־
ליכען מענשען. וואָס דער סוף פון דעם איז געוועזן — ווייסט
איהר.

דער פרומער מחבּר פונ׳ם ספר איוב דערצעהלט, אַז עס
האָט ניט געהאָלפען. איוב האָט איבּערגעטראָגען די גרעסטע
פּייניגונגען, וואָס אַ מענש איז נאָר אימשטאַנד זיך פאָרצושטעלען,
און איז פּאָרט געבּליעבּען גוט און פרום, פרומער פון אַלעמען

אינ'ם לאנד עוץ און אפילו אין גאנץ אראביען.

*

* *

— נו, און דער שטן?

דער שכל הישר איז מחייב, אז נאך אלעמען, ווי שווער ס'איז איהם ניט געווען, האט ער פארט בעדארפט קומען און — איינס פון די ביידע — אדער מודה זיך זיין אויף זיין מפלה, אדער פרובען זוכען נייע פשט'לעך מיט המציאה'לעך און סטארען זיך דערוווייזען, אז ער איז גערעכט.

ויהי היום און ער איז געקימען טאקע, די פערוואשענע אויגען זיינע! געקומען — אזוי ווי אין איינער פון די היגע צייטונגען דערצעהלט זיך פון קרושעוואנ'ען — בלייכער עטוואס פון געזיכט און אזוי ווי אבהענדיג א ביסעל. און אט-א דא איז שוין געקומען די רעכטע צייט פאר די בני-האלהים ארויסצוטרע-טען מיט היובע און קלאהרע דבורים און פערשווארצען איהם דעם פנים זיינעם...

און, גאט דו ליעבער! וואס פאר גרויסע און מעכטיגע רעדנער-טאלאנטען האבען מיט אמאל אויפגעשטראהלט און א שאט געטהון זיך אויפ'ן שטן פון אלע זייטען!

עס האט דארט געראוישט און געקאכט, און געברענט,
עס האט זיך דער הימעל געוויעגט ווי א וויעגעל...
עס האבען געצויגען זיך טויזענדער הענד,
געפלאטערט מיליאנען צופלאקערטע פליעגעל...

עס האָבען זיך רעדעס געגאָסען אַרום
ווי טייכען פון פלאַם און זידיגען שוועבעל...
און ער איז געשטאַנען פּערוויקעלט אין נעבעל,
דאָס פּנים פערדעקט מיט די הענד, בלייך און שטום...
און צייטענווייז פלעגט נאָר אַ פונק אויפ'ן שטערען,
מיט בלוט=דאָרשט און האַס, נאָר אָהן קראַפט און אָהן מאַכט,
אַ צאַנק טהון ביי איהם און פערלאָשען באַלד ווערען,
אַזוי ווי אַנ'אויג פון אַ וואָלף ביי דער נאַכט...

די פלאַם=פייערדיגע רעדעס האָבען זיך געגאָסען און גע=גאָסען איינע נאָך דער אַנדערער ביז וואַנען ער, דער שוואַרצער ימח שמו, האָט מעהר שוין אויסהאַלטען ניט געקאָנט און, ניט וואַרטענדיג אויף דעם בשר=פערדיענטען האַלז=און=נאַקען, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן מיט'ן קאָפּ אַראָב און איז פערשוואונדען געוואָרען אין דעם וויטען פינסטערן אָבגרונד.

וואו ס'הערשט נאָך און קעניגט
דער אַלטער מיוחס,
דער ווידע פון אַלע
מזיקים און רוחות;
דער נחש=הקדמון, —
ביי איהם, ביי דעם אַלטען
מקטרג, זיין גרויסע
מפּלה בעהאַלטען...

און ריין און העל איז געוואָרען אויף אַלע זיבען הימ=לען... אַ קול דממה דקה, אַ וואונדער=מחיה'דיגע שירה האָט זיך צוגאָסען איבער די גינגאָלדענע געוועלבען, איבער די שטראַה=לענדע עטהער=טייכען...

עס האָט זיך געשאָטען
ווי זילבערנע ביסער
אַ קדושה אַ שטילע,
אַ הלל אַ זיסער.
אַנ׳אָבקלאַנג אַ מילדער,
פון דינעם קריסטאָל,
וואָס געהט פונ׳ם טיעפען
פער׳חלום׳טען טהאָל...
עס האָבען געזונגען
דער וואָלקען דער גראָחער
דער גאָלדענער שטערען,
דער אויר דער בלאָהער
עס האָבען די בליצען
ווי ביהנען געזויזמט
די דונערען „אָמן"
זיי אונטערגעברומט...

און מיט אַמאָל...

גאָר אומגעריכט און אומגעוואָרט דערהערט זיך אַ שרעק־ליבער, אַ האַרצרייסענדער, ביטערער קלאַג!...

פון אַ זילבער־קלאָהרען וואָלקענדיל ביי׳ם סאַמע כסא־הכבוד הויבט זיך אויף אַ פּיצעל מלאָכ׳ל אַ שרעטעלע, מיט אַ פּאָר מילדע טויבען־אויגען, מיט אַ פּאָר ציטערדיגע רויזען־פליגעלעך און, אויסגעשטרעקט דאָס דין, ווייס הענטעלע, שרייט עס מיט אַלע כחות זיינע:

„— אהא! בני האלהים! גאָט׳ס ליעבע קינדער! כשר׳ע, פרומע, הייליגע נשמות, איצט זאָגט איהר שירה?! איצט האַלט איהר רעדעס?! איצט שטעכט איהר איהם די אויגען,

דעם שוואַרצען רוצח? איצט, איצט?!... וואו־זשע זענט איהר געווען פריהער? וואו זענט איהר געווען דעמאָלט, ווען מען האָט איהם געגעבען רשות צינדען און ראַבעווען איוב׳ס גוטס, הרג׳ענען איוב׳ס קינדער, און איהם אַליין פּייניגען מיט די גרעסטע און שרעקליכסטע ענויים? דעמאָלט האָט איהר גע־שוויגען?! דעמאָלט האָט איהר זיך ניט דערוועגט אַ וואָרט, אַנ׳איינציג וואָרט אַרויסזאָגען פאַר דעם אומגליקליכען! פאַר וואָס־זשע האָט איהר דעמאָלט ניט אויפגעהויבען אייער צאָ־רענדיגען קול אָבצושטעלען די שרעקליכע, מערדערישע גע־וואַלט? עס האָט אייך מוטה געפעהלט דערצו? פחדנים! קנעכט! איהר האָט ניט געקאָנט? גוט. וואָלט איהר וועניגסטענס געטהון דעמאָלט דאָס קלענסטע, דאָס איינציגע, וואָס אייך איז דאָך ניט פערוועהרט געווען: מיליאָנען, צעהנדלינגער מיליאָנען אַלע אינאיינעם אַרויסזאָגען הויך און אָפען אייער טיעפעס מיטגעפיהל, אייער ברידערליכע רחמנות צום ליידענדען און אייער אַלגע־מיינעם פעראַנג צו דערבאַרעמען זיך אויף איהם... דאָס אפילו האָט איהר אויך ניט געקאָנט?!... און איצט... רעד־נער! רעדנער!... שירה־זינגער!... פועלט־זשע לכל־הפחות דאָס איינציגסטע: פערזיכערט איוב׳ן, אַז מעהר וועט שוין אַזוינס ניט געשעהען מיט איהם. איהר הערט? דאָס איז איצט אייער הייליגער חוב. איין מאָל פאַר אַלע מאָל — דאָס דאַרפט איהר טהון, דאָס מוזט איהר טהון!“...

. . . .

*

* *

אַלזאָ, מיינע ליעבע פעליעטאָניסטען? האָט עפּעס אַ גרוי־

סען ווערטהה די פראגע וועגען קרושעוואנ׳ען?... שפייט אוים דריי מאל, מיינע געטרייע פריינד, און טרייסעלט אָב דעם לעצטען טראָפּען טינט פון אייערע פעדערן... ס׳איז פאראאן עפּעס פיעל וויכטיגערס און געפעהרליכערס...

ציים אויף אייביג אויסצוראָטען
אונזער אלטען, שווארצען שטן
מיט די הונדערט שלאנגען=קעפּ;
אויסצורייסען איהם די צייהנער
און פערשלאָגען ווי מיט שטיינער
יענעם ברונעם, יענעם קוואל,
וואו ער שעפּט ביז היינט זיין גאל...
און פערגעסט אויף קרושעוואנ׳ען;
ס׳וועט אליין די פרייהייט׳ס־האנד
איהם א שליידער טהון פון דאנען
מיט׳ן גרעסטען שפּאָט און שאנד
אויפ׳ן מיסט פון פאטערלאנד...
ווי א טראנטע, ווי א שקראבע
וועט ער פוילען אויפ׳ן גרונד, —
ס׳וועט זיין ערשטער „ברוך=הבא"
זיין, זיין לעצטער „זיי=געזונד!"...

ליעדער פון דעם יודישען זשארגאָן.

פראלאג.

ט־ס־ס! ... שאט! ... איהר הערט?

דאָס קליינע זילבערנע גלעקעלע קלינגט און קלינגט צווישען די פייכטע, גרינע בלעטער...

דאָס זינגט און וויינט, זיפצט און לאַכט א ריינינקע, הייליגע נשמה׳לע, וואָס שוועבט און פליהט אַרום אין דער העלער, פרישער אָוועגד־לופט...

דאָס ריינינקע, הייליגע נשמה׳לע שוועבט איבער די פעלדער און גערטנער, בערג און טהאָלען...

הויבט־איף און בויגט ווידער אוים גלייך און שטאָלץ די איינגעבויגענע זאַנגען און די צווייגען פון די יונגינקע בוימעלעך...

בעשפריצט מיט טהוי די פערטריקענטע און פערשטויבטע בלעטער פון די גרויסע, אַלטע עפעל און איילבערט־בוימער...

ציהט־צוזייף און פערמאַכט די שעהנינקע געקרייזעלטע קעפעלעך פון די רויזען...

„— שלאָפט־איין, שלאָפט־איין, מיינע ליעבע קינדערלעך — זינגט דאָס ריינינקע, הייליגע נשמה׳לע —

„— שלאָפט־איין! ... מאָרגען, אַז די זונן וועט אויפגעהן, וועל איך ווידער קומען, וועל אויפמאַכען אייערע פערשלאָפענע אייגעלעך, וועל אָבוואַשען אייערע קעפעלעך מיט דעם פרישען זילבערנעם טהוי...

„— און איהר וועט זיך ווידער באָדען אין דעם העלען

זונען-שיין, איהר וועט זיך ווידער וואַרעמען אין די גאָלדענע שטראַהלען..."

דאָס זילבערנע גלעקעלע קלינגט און קלינגט... זומער-פויגעלעך מיט רויטינקע, בלויענקע, גאָלדענע און זילבערנע קווייטעלעך אויף די דינינקע זיידענע און סאַמעטענע פליגעלעך פליהען און פלאַטערען אין דער לופט...

דאָס רייניגקע, היילינע נשמה'לע שוועבט און קומט-צו צו מיין פענסטער...

„— א גוטער, ליעבער אָוועגד דיר, מיין קראַנקער, מיין טרויעריגער, פערקלאָגטער, פעריאָמערטער יודישער מחבר!" — הערט זיך מיר אַ ליעבע, אַ זיסע שטימע:

„— אַ גרוס דיר פון דעם באַרג „כרמל", פון טהאָל „שרון"! —

און אַ גאַנצער היפען וויסינקע ליליען און רויטינקע רויזען שיטען זיך-אויס אויף מיין שרייב-טיש...

איך נעהם אַראָב פון דער וואַנד מיין פידעל — די אַלטע, היילינע האַרפע, וואָס איז אַמאָל געהאַנגען אויף די ווערבעס ביי'ם ברעג טייך אין בבל...

מיינע בלייכע, דאַרע פינגער הויבען אָן צו ציטערען אויף איהרע אָנגעצויגענע גאָלדענע סטרונעס, — און אַ ליעד, אַ זיסעס, ליעבעס ליעד, קלינגט און גיסט זיך אין דער בלויער, קיהלער אווענד-לופט:

* * *

אין אַ קראַנץ פון העלע שטערען,
אויסגעצירט אין הימעל-פראַכט,
איף די וועלדער, אויף די טהאָלען
שוועבט די שעהנע, בלויע נאַכט;

* *
*

פערעל שיטען זיך און פאלען
אויף דאָס גרינע גראָז אראָב
פון די לאנגע שווארצע לאָקען
פון איהר שענעם, שטאָלצען קאָפּ.

פערעל שיטען זיך און גלענצען,
בלומען פאלען אָהן א צאָהל
אויף די גערטנער, אויף די פעלדער
און אויף יעדען בארג און טהאָל...

„פערעל... בלומען...״

אַך, חלומות... חלומות!

די מוזע, די אייביג-יונגע און אייביג-שעהנע מוזע, מיט די לאנגע ברוינע לאָקען, מיט די בליהענדע ראָזאָווע בעקעלעך, מיט די פרישע רויטינקע ליפּעלעך, וועלכע עס קיסען נאָר מלאָכים, די שעהנע, געטליך-שעהנע בת-מלכה מיט אַ זיעבען-סטרונענע ארפע אין איין האנד און מיט אַ לאָרבער-קרענצעל אין דער אַנדערער, די קינצליכע זינגערין און שפּילערין, דאס ווייסינקע, אונשולדיגע, ליעבע טייבעלע... וואו איז זי? וואו איז זי?...
חלומות!... חלומות!...

* *
*

בלאַס ווי די וואַנד, מיט בלייע, פערטריקענטע ליפּען, מיט קראַנקע, קורץ-זיכטיגע אויגען, מיט געלע, אָבגעבליאַקע-וועטע באַקען, איינגעבויגען דעם רוקען און אָנגעשפּאַרט מיט ביידע דאַרע, איינגעשרומפּענע הענד אויף אַ שטעקען, שטעהט פאַר מיר אַ זקנה, אַ דאַרע, אַ קוואַרע, פער׳חושכ׳ט, פעריאָמערט, אָבגעריסען, אָבגעשליסען... זי האַפּט זיך אָן מיט ביידע הענד

ביי'ם הארצען, פערגעהט זיך אין א לאנגען טיפען, שרעקליכען הוסט און הוסטענדיג סטארעט זי זיך עפעס אויסצורײידען...

איך קוק זיך איין אין איהר בלאסען, איינגעקנייטשטען פנים, הער זיך איין אין איהר הייזעריגען קול און קען אבער קיין איינציגעס ווארט ניט פערשטעהן...

און איהרע בגדים!!....

אנ'אלטע, צעריסענע, צעביסענע, פערשמאדערטע וואטובקע; איין ארבעל א געלער, דער אנדערער א בלויער; איין פאלע א ווייסע, פערקאפעט מיט הבדלה־וואקס, מיט טשאלענטיוך און מיט נאך עפעס .. די אנדערע פאלע א שווארצע, פון אויבען ביז אראב בעמאלט מיט פיפערנאטערס, וויזעלטהירען, קאפהענער, מויל־אייזלען, מגן־דוד'לעך, לכבוד'לעך, לפ"ק'לעך און נרו־יאיר'ס — אויסגעקרייזעלטע און אויסגעקינסטעלטע — א חיות! אויף דער פלייצע אויסגעדרוקט מיט רש"י־כתב א שפרוך פון אנ'־עין הרע:

„א"ש"ט"ר"ב"ו — דא שפראך דער מלאך:
וואוהין ווילסט דו אהין געהן? —
„— צו פלוני בן פלוני, וויל עסען זיין לייב
און טרינקען זיין בלוט...' וכו'.

אויף איין פוס א חליצה־שיכעל, אויף דעם אנדערען א ווייסע יום־כפור־זאק; אויפ'ן קאפ...

נאר גענוג!...

ווייסט איהר ווער דאס איז?

וועה צו אונז, וועה צו אונזערע יאהרען!

דאס איז זי, אונזער ליעבע, טייערע, יודישע זשארנאךמוזע!...

אַלץ שיינט און גלענצט, און לייכט אויף איהר,
עס קלינגט און זינגט, און בליצט...
אַ גוטען אָבענד, באָבעניו!
פון וואַנען קומט איהר איצט?

— פון וואַנען?... חהע־חהע־חהע!... אַ שאלה! — פו׳ן מזרח־וואַנד, נשמה מיינע, פון מזרח־וואַנד!...

געשוואומען אויף אַלע זיעבען ימים;

געשפּיעלט זיך מיט׳ן לויתן;

געפאָהרען רייטענדיג אויפ׳ן שור־הבר;

געוועזען אויף יענער זייט סמבטיון, ביי די רויטע יודעלעך;

געגעסען באָקסאָרען מיט מילגראָמען;

געקוקט ווי דער הימעל שפּאַלט זיך;

געוואָהר־געוואָרען די לויתנ׳טע אין דעם ים־המלח (נישט־קשה, זי זאַלצט זיך, וועט ניט קאַליע ווערען)...

און אַט, נאַ קוק, איך האָב דיר געבראַכט מתנות:

זעהסט? —

אַט איז אַ שטיקעל קראַפּיווע, וואָס וואַקסט נעבען דעם כתל־המערבי;

אַט איז אַ הויפען ערד פון דער מוטער רחל׳ס קבר;

אַט איז אַנ׳איי, אויסגעקאָכט אין די הייסע קוועלען פון טבריה;

אַט איז אַ שטיקעל פּאָדקאָווע פון בלעם׳ס אייזעל...

... נאָר, בקיצור, גענוג פון דיינעטוועגען... האַ? יואָס? יאָ, יאָ, איך וויים, כ׳וויים: דו ווילסט נאָך עפּעס: גריגס, ווילסט דו — אַ גרעזעלע, אַ בלעטעלע, אַ בלומעלע... אוי, דו נאַר, דו נאַר!... נו, נאַ דיר, נאַ... אַט האָסטו — אַ גרינינקע,

אַ פרישינקע, אַ שפּאגעל-נייע הושענא'לע!... נעהם, בעהאַלט, ס'וועטס צונוץ קומען...

— נו, ביסטו צופריעדען מיט מיר?...

„— איך... באָבעניו... איהר ווייסט דאָך..."

— נו, גוט, גוט... בקיצור... נו... און איצט נעהם זיך אָקאָרשט צו דער אַרבייט...

„— גוט, באָבעניו, גוט... אַט באַלד..."

א.

אַ יוד איז געשטאָרבען — „ישראל'יק דער לאַנגער" —
געשטאָרבען, צו קבורה געקומען,
ער ליעגט זיך אין קבר און הור'ט: „— ישראל'יק...
ישראל'יק... אַזוי איז מיין נאָמען".

„דער מלאך-הדומה וועט קומען צופליהען
מען זאָגט — אַ בעל-כעסן, אַ מורא!
נאָר וואָס? אַז מען דאַרף נאָר דעם נאָמען געדענקען,
איז ניט אַזאַ שרעקליכע תורה...

און דאָ, ווי ער ליגט זיך און דרעמעלט גאַנץ רוהיג,
דערהערט זיך איהם עפּעס פון אויבען
אַ מין קלאַפּעריי, קליגגעריי, עפּעס טרעשצעט
אַזוי ווי צובראָכענע שויבען...

און דאָ טאַקע הערט ער דעם מלאך-דומה'ס שטימע:
„רשע! מה שמך"?... „איזוואַלטיע" —
טהוט ענטפערען רוהיג ישראל'יק דעם מלאך —
„ישראל'יק דער לאַנגער, פון האַלטיע".

„— מה שמך?״ פרעגט ווידער דער מלאך. „ישראל׳יק!
איך זאָג דאָך איך, פּאַני... מיין נאָמען —
ישראל׳יק... אַזוי טאַקע הייס איך, ישראל׳יק,
קאַטאָרי... וואָס... וועלבער... געקומען

פון האַלטיע... אַ יודישעס שטעדטעל... איהר ווייסט דאָך...
„— מה שמך? מה שמך? ענה לי!״
שרייט ווידער דער מלאך פון אויבען מיט כעס:
„הוי, רשע! מה שמך?!...״ „— נו מילא...

בקיצור, וואָס ליאַרעמט ער דאָרט? —· טראַכט ישראל׳יק
כ׳פערשטעה גאָר ניט, חלעבען... אַ חידוש!
מיר דאַכט זיך — אַ מלאך... אַ יודישער מלאך,
און זעה נאָר! — פערשטעהט ניט קיין יודיש!...״

„— איי, פּאַני... רב מלאך!... פּרובט ווידער ישראל׳יק,
נאָר דאָ האָט איהם עפּעס געגעבען
אַ שליידער, אַ שמיץ אין דער הויך, — און איין רגע
איז ער חלשות געבליבען...

* *
*

געקומען איז צו זיך ישראל׳יק דער לאַנגער
גאַנץ ווייט שוין פון דעם בית=הקברות
ער קוקט זיך אַרום... גוואַלד! וואו איז ער, וואו איז ער?
וואָס זענען דאָס נאָך פּאַר אַ צרות?!...

ער איז אויפ׳ן הימעל, ער זיצט אויף אַ וואָלקען;
אַרום איהם פון אַלע פיער זייטען,
ווי אָדלער אים פעלד פליהען הונדערט מלאָכים —
זיי פיהרען... וואָס זאָל עס בעדייטען? —

זיי פיהרען, זיי פיהרען און ברייננען און שטעלען
אַוועק נעבען איהם עפּעס זקנים
מיט גרויסע שפּאַקולען, מיט ביכער, מיט פּנעמס...
וואָס איז דאָס?... ער קען ניט קיין איינעם.

„— אָט דער איז אַ דייטש דאַכט מיר... יאָ, נאָר וואָס וויל ער?
— ע, הערט, רב קאַרטאָפּעל! וואָס דאַרפט איהר?...
ער פרעגט עפּעס... חמע! אַמין צונג! אַ בעל־דברן!
עס רעדט מיט אַ ניגון פון מפטיר...

„— און אָט איז אַנ'ענגלענדער... הא? וואָס רב קרוב?
ער טענה'ט... אַ, ווער דיר דערוואָרגען!
אַלשון אַ ביסעל!... נו, באָלבע דיר, באָלבע,
מעגסט ריידען פון היינט און ביז מארגען!..."

נאָך איהם געהט אַ גרעק, נאָך דעם גרעק געהט אַ שפּאַניער
אַ טערק, אַ ציגיינער, אַ טאָטער,
און יעדערער פרעגט אויף זיין אייגענעם לשון...
נו, לשונות, אַך, גאָטעניו, פאָטער!

עס געהען פראַנצויזען, אַראַבען... שלימזל'ן
ער זאָגט זיי, ער שרייט זיי אויף יודיש:
„וואָס ווילט איהר, רבותים?! — זיי הערען און קוקען
אויף איהם ווי אויף עפּעס אַ חידוש,

צולעגען די ביכער און בלעטערען, זוכען,
זיי שמועת'ן און גיעבען זיך עצות,
זיי הערען זיך־צו צו זיין לשון און קוקען
און קנייטשען אויף איהם מיט די פּלייצעס...

און דאָרטען, פון וויטענס, זעהט אונזער ישראל'יק,
שטעהט איינער, אַ גרויער אַן־אַלטער,
אַרומגעהאַפּט און צוגעטולעט צום הערצען
צוויי לוחות פון מירמעלשטיין האַלט ער.

עס ציהען זיך גאָלדענע שטראַהלען און גלענצען,
און שיינען אַראָב פון זיין שטערען,
און שטראָמען־ווייז גיסען זיך איהם פון די אויגען
די הייסע, די ביטערע טרעהרען...

ב.

איהר זעהט אָט דאָרט דעם אָרימאַן?
זיין אַלטער, גרויער קאָפּ געבויגען,
די ליפּען בלייך, די באַקען געל,
און טרעהרען טריפען פון די אייגען.

דאָרט אויף אַ שטיין, ביי'ם גרויסען וועג,
זעצט ער זיך צו, מאַכט אויף דאָס זעקעל...
אַך, וויפיעל מינים ברויט איז דאָרט —
פון יעדען, יעדען סאָרט אַ ברעקעל.

פערדאַרט, פערשימעלט זיינען זיי,
בעדעקט מיט שטויב, ארומגעביסען...
עס איז איהם אָבער, געביך, ליעב —
אַבי האַטש עפּעס צו געניסען.

אַ לעפּעל וואַרעמס, אַ געקעכטס
צו געבען איהם וואָלט זיין אַ יושר...
איהר זעהט דעם אַלטען אָרימאַן?
ער איז אַמאָל געוועזען אַנ'עושר.

אַמאָל, אַמאָל, פיעל צייט צוריק —
ער האָט די טעג נאָך ניט פארגעסען —
ער האָט געלעבט צו לייטען גלייך,
קיין פרעמדע שטיקלעך ניט געגעסען.
ביי איהם אין הויז פון אַלערליי
מאַכלים איז געוועזען ניט וועניג;
אַ טיש איז דאָרט געדעקט געוועזען
האַטש מאַך אַ מאָהלצייט פאַר אַ קעניג.

נאָר מיט אַמאָל (ווי שרעקליך גרויס,
ווי שטאַרק איז גאָט געוועזען דיין צאָרען!)
זיין גאַנץ פערמעגען איז געראַובט,
זיין הויז איז אָבגעברענט געוואָרען;

פון אלץ געבליבען אויף דער וועלט
איז איהם די איינציגע נחמה:
זיין אייגען, אייגען שטיקעל ברויט
צו אונטערהאלטען די נשמה.

און דאָס אויך, נעביך, האָט ער ניט
געקענט בעהיטען און בעשאָנען:
איהם איז געבליבען אויף דער וועלט
ביי פרעמדע לייט אין שכנות וואָהנען.

אין פרעמדע לענדער, פרעמדע שטעדט,
פאר יעדען ווינקעל צאָהלען שכירות...
און איבערשלעפענדיג זיך אָפט
אין נייע שטעדט, אין נייע דירות,

האָט שטיקלעך־ווייז און ביסלעך־ווייז
ער אויך דאָס לעצטע אָנגעוואָרען —
זיין ליעבעס אייגען שטיקעל ברויט,
דאָס לעצטע שטיקעל ברויט פערלאָרען...

צום גרויסען אונגליק האָבען איהם
שוין ניט געהאָלפען קיינע עצות...
און מיט א שטעקען אין דער האַנד
און מיט א זעקעל אויף די פלייצעס

האָט אָנגעהויבען ער צו געהן
אין היץ, אין קעלט, אין אימת־מות:
פון שטאָדט צו שטאָדט, פון שטוב צו שטוב
און קלייבען שטיקלעך=ווייס נדבות...

וואָס קען מען אויסבייסען פון זיי?
שטופּ זיי אין טאָפּ, קאָך היינט, קאָך מאָרגען...
דער מאכל שטעלט זיך אָב אין האלדז,
מען ווערט פון איהם שיער ניט דערוואָרגען...

דו שטאַרקער גאָט! דו גיבסט דער וועלט
אי ליכט, אי טהוי, אי שנעע, אי רעגען —
קעהר-אום דעם אַלטען אָרימאַן
חאָטש וואָס עס איז פון זיין פערמעגען! —

זיין הויז איז חרוב... גיב-זשע־אָב
איהם חאטש די איינציגע נחמה:
זיין זיסעס אייגען שטיקעל ברויט
צו אונטערהאַלטען די נשמה!...

* *
*

עפּילאָג.

געגוג!...

אין דעם קליינעם בלעכענעם לעמפּעל געהען שוין אוים די לעצטע כחות, עס הויבט שוין אָן צו טשאַדען און מיט יעדער רגע ברענט עס אַלץ פינסטערער און פינסטערער.

די פעדער הויבט שוין אויך אָן צו קריצען מיט די צייהן און שאָקלען זיך, געהענדיג איבער'ן פּאַפּיר, אַזוי ווי שמחה דער סבאָרשציק — ניט פאַר אַייך געדאַכט — אַרויסגעהענדיג פון עלקאָ דער פּוילישערס קעלער.

און די אַלטעצקע שטעהט אָנגעשפאַרט אויפ'ן שטעקען...

איהר קאָפּ, וועלכער זעהט זיך קוים אַרוים פון אונטער דעם גרויסען, געלבליך-גרינעם שלייער, בויגט זיך אַלץ ניעדריגער און ניעדריגער אַראָב צו דער ערד...

זי שטעהט, און יעדער אבר ציטערט ביי איהר ווי אין אַ קדחת, און קאַלטע, שווערע טרעהרען קייקלען זיך איינע נאָך

דער אנדערער איבער איהרע איינגעקנייטשטע, פער'חושב'טע באקען...

זי שטעהט טיעף, טיעף פערקלערט און איהר אלטע, הייזעריגע שטימע הערט זיך מיר אין דער שטילער, פינסטערער נאכט:

„ווער בין איך? וואס בין איך,
„איך, אלטע יתומה?
„וואוהין און פון וואנען
„ציהט זיך מיין וועג,

„דער שווערער, דער לאנגער,
„וואס האט ניט קיין אנפאנג
„האט ניט קיין ברעג?

„ווער זייט איהר געוועזען,
„מיין פאטער, מיין מוטער?
„וואו איז מיין געבורטס-ארט,
„וואו ס'איז אמאל

„מיין וויעגעל געשטאנען —
„מיין קינדהייט פערגאנגען —
„די קינדהייט, וואס פריידען
„ברייננט אהן א צאהל

„ווער בין איך? וואס בין איך?...

דאס לעמפעל געהט אויס און ווערט פערלאשען... איך לעג אוועק מיין פעדער, איך זעץ זיך-צו צום פענסטער, און דורך דער קאלטער פינסטערניש, וועלכע וועהט אויף מיר פון דרויסען, הויב איך אן איינצוקוקען זיך אין דעם הויכען, בלויען הימעל...

און דארט, טיעף, טיעף אין דעם הויכען בלויען הימעל

ועהט זיך מיר דער גרויער, אַלטער מאַן מיט די צוויי שטיינערנע לוחות, צוגעטולעט צום האַרצען...

עס ציהען זיך גאָלדענע שטראַהלען און גלאַנצען
און שיינען אַראָב פון זיין שטערען,
און שטראָמען=ווייס גיסען זיך איהם פון די אויגען
די הייסע, די ביטערע טרעהרען...

עולם התהו.

(אַ מין קאָנצערט.)

פערזאנען:

א כאר עולם־התהו'ניקעס.
א כאר כף־הקלע'ניקעס.
א כאר עשיו'ס אייניקלעך.
דער ערשטער עולם־התהו'ניק.
דער צווייטער עולם־התהו'ניק.
דער דריטער עולם־התהו'ניק.
א כאהר „איבערגעקעהרטע".
גענעראל שמוליעוויץ.
נאכט־שטימען.

אַ קאַלטע און אַ פינסטערע נאַכט, אַ טהאָל, בעדעקט מיט אויסגעטריקענטע ביינער, סאָוועס, פלעדער־מייז, וואָלקאָלאַקעס, עולם־התהו'ניקעס און כף הקלע'ניקעס שוועבען, קריכען און געהען אַרום אין דער פינסטער.

א כאָר עולם־התהו'ניקעס:

קאַלט און פינסטער איז דער הימעל;
צו בעגינען איז נאָך ווייט;

אין פערבלענדינעש, אין דרימעל
הערשען שפינוועבס, שטויב און שימעל
און די אַלטע פּאַווע שרייט:
„— או־הו־הו!... די אָדלערס שלאָפען...
איך צושפּרייט די פליגעל ברייט,
האַלט דעם קרומען שנאָבעל אָפען
און די שאַרפע קראַלען גרייט...
או־הו־הו!...

און ווי דער ווארעם
נאָך אַ רעגען, פון דער ערד,
קריכען מתים פון די קברים
אויף דער וועלט אַרויס... איהר הערט?

דער ערשטער עולם־התוהו׳ניק:

אַ יוד איז דערשלאָגען; זיין מזל איז וויסט;
אין אייזערנע קייטען פערקאָוועט
זיין פינסטערעס לעבען; און זעלטען געניסט
ער, נעביך, אַ שטיקעלע כבוד.
היינט געהמט־ושע בערעבענט, איך בעט אייך, אז איצט,
ביי היינטיגער ווילדער מהומה
איז דאָ חאָטש איין־איינציגער יוד, וועלבער זיצט
ביי אונז אין אַ גלאַטנע דומע;
זיצט ברייט, ווי ביי׳ם טאַטען אין וויינגאַרטען דאָרט,
האַלט רעדעס, זאָגט דעות, גיט עצות
און הערט ניט אנטקעגען אַ וואָרט,
מ׳קנייטשט ניט אויף איהם מיט די פּלייצעס;
ער זיצט מיט די „פּריצים” און הערט ניט פון ווי
„ושידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ” און „ושיד־האַלאַמיי”

„ושיד-פארך" אָדער „המנ'עאוחא";
ער טרינקט זיך אַ קהל'שע גלעזעלע טחיי
און פיהלט זיך בשלוה ומנוחה...
טאַ איז דאָך אַ שבח צו דעם בורא!... נאָר געה
ביי היינטיגע פינסטערע יאָהרען —
מ'האָט צו אונז טענות; וואָס איז? אָח און וועה,
למאי איז פערבאָטען געוואָרען
אונז יודען צו אויסקלויבען גלאָסגע? בכן
בעדאַרפען די גלאָסגע זיך אָבזאָגען! — ניין,
רבותים, זאָל דונערען, בליצען —
איך זיץ אויף מיין אָרט און בלייב זיצען.
געפעהלט אייך ניט? זאָל אויף מיר וועך עס בענעהרט
דערלאַנגען צו גאָט אַ פראָשעניע...
אַ שפיי איז גאַנץ כנסת ישראל ניט ווערטה
כנגד גובערנסקע פראוולעניע!!!...

אַ כאָר כף-הקלע'ניקעס:

מיר זענען מינסקער מתים,
אָהן קיטלען, אָהן טליתים...
מיר זענען שלים-מזל'ניקעס
געוועזען אויף דער ערד
און ווערען כף-הקלע'ניקעס
איז אונז געווען בעשערט...
נאָך קאַרג געהאַט ביי'ם לעבען צרות,
איז אויף אַ צוגאָב נאָכ'ן טוידט
פערקויפט מען אונזער בית-הקברות:
דער „חברה" נעביך איז אַ נויט
אין מינסקער קהלה איז דאָך אָרים,

נו, מילא, שליידערט מען אַרויס
די דאַרע ביינער פון די קברים,
פון אונזער מאַמעס אַלטען שויס;
און זאָלען דאָרט וואו ס'פלעגען ליעגען
די מינסקער מתים אין דער ערד,
זיך רוהיג פּאַשען קיה און ציעגען,
חזירים חריוקען, הירזשען פערד...
מיר זענען שלים=מזל'ניקעס
געוועזען אויף דער ערד
און ווערען כף=הקלע'ניקעס
איז אונז דערפאַר בעשערט!...

אַ כּאַר עשו'ס אייניקלעך:

מיר זענען עשו'ס אייניקלעך,
ניט זעלטען אין דער=היים
מקים זענען ווענינגלעך
מיר כבוד אָב ואם
און אָפּטמאָל ביי אַ בוסה
(כּמנהג ביי אַ גרויסע)
האַפּט אומגעריכט אַליין
דער טאַטע אין די צייהן.
נאָר פון די אַלטע יאָהרען
איז הייליג אונז און ריין
דער שטומער, גרויער שטיין,
דער אייביגער זכּרון,
פון לעבען און פון טוידט...
און אין דער גרעסטער נויט
וועט ניט פערשעמען קיינער

דעם טאַטענס טויטע ביינער...
מיר זענען עשו׳ס אייניקלעך...
א. ז. ו.

דער צווייטער עולם-התוהו׳ניק:

און איך בין משה פאָליאַק;
איך בין דער מינסקער גביר;
גאַנץ קהל שטעהט פאַר מיר
ווי פאַר דעם לייב דער קראָליק,
לאָז שרייען יונג און אַלט:
„אַי, קאַראַאול, אַי גוואַלד!...
פערקויפט דעם בית-הקברות!...
פאַר מתים נעהמען געלד!!!"
עט, זאָל איך מעהר קיין צרות
נים האָבען אויף דער וועלט,
ווי שרעקען מיך, משמעות
מיך?!? שאַ, ליידאַקעס, שטיל!
איך זיץ דאָ אויף גבאות —
און טהו איך וואָס איך וויל!
ווי פאַר דעם לייב דער קראָליק,
גאַנץ קהל שטעהט פאַר מיר!
איך הייס רב משה פאָליאַק,
איך בין דער מינסקער גביר!...

אין פינסטערען אין פייכטען טהאָל, צווישען שטיינער און ווילדע גראָז, בעוויזען זיך עטליכע וואַנדעל-פייערלעך: זיי צאַנקען, ציטערן... און עס דערהערט זיך פון דאָרטען

א כאר „איבערגעקעהרטע״:

אָי, מ׳שטיינס־געזאָגט, אַ תכלית,
אָי, אַ פיין געשעפט געמאַכט! —
די מאַיאָנטקעס און די נחלות,
וואָס מיר האָבען איינגעבראַכט:
„פּראַווא־זשיטעלסטווא״ געניסען
איז געווען דער צוועק דאָס רוב
מיט׳ן לעבען, מיט׳ן ויסען
נאָמען „וויקרעסט איז זשידאָוו״...
און עס ציהט, אָי, ציהט, עס ברידער,
פון דעם גאַנצען נייעם גליק
צו דער אַלטער מאַמע ווידער,
צו דער אַלטער היים צוריק!...

צווישען די טרויעריגע און בלייכע וואַנדעל־פּייערלעך, שיי־נענדיג און גלענצענדיג מיט די אָרדענס און מעדאַליען, הויבט זיך אויף ברייט און שטאָלץ

גענעראל שמוליעוויץ:

חא־חא־חא! כדאי געווען,
אויך אַנ׳עסק — פּראַווא־זשיטעלסטווא!
אויך מיר לייט!... איך בין אַליין
אַ „יעווא פּרעוואָסחאָדיטעלסטווא״,
גענעראל שמוליעוויץ! האַ?
ס׳קלינגט ניט שלעכט, עך, גאָספּאָדאַ!...

ער פערראויכערט אַ גוטע, טהייערע ציגאַר און קוקענדיג

מיט א שמייכעלע אויף די עלענדע, „פראווא־וּשיטעלסטווניקעס" רעדט ער ווייטער:

יאָ, אויפשטעהען תּחית המתים איז גוט,
נאָר גרינג זאָל זיך פיהלען דערביי יעדער אבר,
אָהן גלגול מחילות, אָהן חבוט הקבר,
דאָס הארץ זאָל זיך קוויקען אין פרייד און אין מוטה.
פון טהייערסטען סאָרט עולם־הזה געניאָסען,
פון „גלות" געוועזען בעוואָרענט און פריי,
אי בלייב גענעראַל, אי בין יוד פון דער ניי,
און זיץ אין גן־עדן אזוי ווי א חתן,
טרינק יין־המשומר, פערבייס מיט לויתן.
און ניטאָ אויף מיר קיין יאָך...
אי, א צייט געקומען:
פרעסען חזיר און דערנאָך
בענשען מיט מזומן!...
און צום סוף דער רעוולטאַט —
אז פון אונזער אומה
א נאַראָדני דעפּוטאַט
ווער איך אין דער „דומע"!!!...
חא־חא־חא! ניש'קשה, כ'לעבען,
א יאָ? בערעכענט נאָר, בעטראַכט:
אזא קאַריערע האָט אינ'ם לעבען
א יוד נאָך קיינמאָל ניט געמאַכט!...
זאָגט אליין שוין, קאָן זיין נאָך
בעסערס פאַר א מענשען?
פרעסען חזיר און דערנאָך
מיט מזומן בענשען!!!...

אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, איינגעהויקערט, אומעטיג און אראָבגעפאלען, געהט ארום צווישען שטיינער און ביינער

דער דריטער עולם-התוהו'ניק:

איך בין דער אלטער,
דער קלוגער שתדלן,
איך בין געוועזען
א מאָל א גדלן.
ווי מיט א ליאלקע
ווי מיט א גולם,
פלעג זיך בעגעהען
איך מיט'ן עולם;
געהאַט געזונדע
און ברייטע פלייצעס;
אָהן קהל'ס דעות
אָהן קהל'ס עצות
אליין פלעג קריכען
איך צו דעם אָדון
און בעטען רחמים
פאַר אונזער שאָדען,
און פלעג בעקומען
לכל הפחות
אויף יעדע פראָסבי
א טוץ הבטחות.
הבטחות פוסטע —
וואָס קאָן מען מאַכען! —
נאָר, ווי איהר ווילט אייך,
חוץ אלע זאַכען,
ווערט אויפ'ן הארצען

שוין עפּעס גרינגער
אַז אַ מיניסטער
דערלאַנגט צוויי פינגער...
און איצט... אָי, וועה!!!...

רייסט קריעה, טהוט־אויס די שטיוועל און זעצט זיך זאָגען „איכה״.

נאַכט־שטימען:

עס רוישען אָדלער־פליגעל...
אַ פריהלינג שטורם געהט...
עס פּלאַצט דער שוואַרצער זיגעל,
עס קראַכט די אַלטע קייט...
מיר וואַרטען ניט פון אויבען
קיין נסים... ניין, מיר גלויבען
אין אונזער מזל־שטערען:
צובראָכען וועט אויף ברעקליך
די אַלטע תפיסה ווערען...
דערווייל איז אָבער שרעקליך,
דער יאָך אי שווער, אי גרויס...
עס הענגט דער גרויער נעבעל...
עס שיט זיך שוואַרצער פעפער...
עס שמעקט מיט פעך און שוועבעל...
אוי, גאָטעניו־בעשעפער,
די כוחות געהען אויס...
די כוחות געהען אויס!!...

הומאריסטישע ליעדער.

„פערדיענט עולם־הבא.

מיר האט זיך געחלומט, אז איך בין געשטארבען
(פון הארצוועהטאג — ניט פאר קיין מענשען געדאכט! —
די קראנקהייט האט פיעל שוין מחברים פערדארבען,
א תל פון פיעל יודישע־קינדער געמאכט...).
איז בין איך געשטארבען... נו, מילא, פערשטעהט איהר,
עס איז דאך קיין חילוק ניט — פריהער צו שפעטער:
געקרענקט ווי עס פאסט פאר א יודען, גאנץ שטארק,
און... אוים פונ׳ם וועלטעל — אראב פונ׳ם מארק!...
מע האט מיך מלוה געוועזען בכבוד!
דער כאר־חזן האט אויף מיר ביטער געקלאגט
מיט „אל־מלא־רחמים”; דער דַין רב דוד
האט טאבאק געשמעקט און א הספד געזאגט
נאך איהם דער ראבינער — א רעדע געהאלטען
א לאנגע, א לאנגע, אהן וואג און אהן מאס,
צוויי יודענעס האבען די נעזער געהאלטען
אין פארטוך, צוויי יונגלעך — דעם פינגער אין נאז...
עס האבען די פושקעס געקלאפט און געקלונגען,

צעהן פאר תלמוד־תורה׳ניקעס זענען אין ריאד
גענאנגען און „צדק לפניו״ געזונגען...
בקיצור, געווען א גרויסער פאראד,
א וואזשנע לויה געווען...

אין בשעת
מען האט געחלאפאטשעט אזוי ארום מיר,
איז, נעבעך, געשטאנען — „העני ממעש״ —
מיין בידנע נשמה אליין ביי דער טהיר,
זי איז ביי טהיר פון גן־עדן געשטאנען,
פעריאמערט, פער׳חושכ׳ט, אין לייד און אין פיין
און גיסענדיג שטראמען־ווייז ביטערע טרעהרען,
געקלאגט פאר דעם מלאך: אוי, לאז מיך אריין!״
„— אריינלאזען? ווילסט אין גן־עדן? ביסט, כ׳לעבען,
קיין נאר גאר ניט... זאג־זשע מיר, טייערעס קינד,
וואס אויפגעטהון האסטו אזוינס אין דיין לעבען?
מיט וואס האסטו, זאג, עולם־הבא פערדיענט?...״
„אוי, מלאך! איך ווייס... כ׳האב אין לעבען פיעל צרות,
פיעל שמערצען געליטען: מען האט מיך געפלאגט.
געשלאגען מיט מיר, לא עליכם, כפרות
פאר פרעמדע עברות, געזידעלט, געיאגט...״

„— ניין, ברודער, מיט דעם וועסטו גארנישט דא מאכען:
ניין, ווייז נאר ארוים עפּעס בעסערע זאכען
די סחורה, רב יוד,
וואס דו האסט געבראכט פון יריד״...

אוי, מלאכ׳ל, מלאכ׳ל! לאז מיך צופריעדען,
איך בין דאך נישט מעהר — א מחבר געווען —
געאקערט דאס פעלד פון זשארגאן מיט׳ן פען,
געטריבען זשארגאנישע שירים פאר יודען,
עס פלעגט מיך בעגיעסען דער ביטערער שוויים
דעם משקל־השיר מיט די גראמען צו האלטען,
צעזור מוט נקודות... אוי, מלאכ׳ל!... כ׳וויים,
א חידוש, ווי כ׳האב דאס געקאנט גאר דערהאלטען...״

„הא? וואס? — האט דער מלאך געטהון א געשריי:
וואס הער איך?—ווארט אוים נאר, ווארט אוים... אהן לצנות:
צעזור מיט א משקל?! אוי, וועה איז מיר, וועה!
דו ביסט דאך א קדוש, אויף מיינע נאמנות! —
זשארגאן מיט א משקל?! זשארגאן מיט צעזור?!
קאפּויר אי די וועלט, אי די גאנצע נאטור!...

קום, קרוין מיינע, קום!... ברוך־הבא!
גענוג דיר. דו ביסט שוין מיט צרות גאנץ זאט,
דו האסט אויף דער ערד שוין דיין גיהנום געהאט,
האסט כשר פערדיענט עולם־הבא!"

חדר־ליעדער.

I.

דער פריהלינג געהט, דער פריהלינג געהט
א פריש, א פרעהליך ווינדטעל וועהט
אין וואלד, אין פעלד, אין גארטען.
דאס ווינדטעל וועהט, דאס ווינדטעל פליהט.
א ליעד, א זיסעס פריהלינג־ליעד
דערהערט דאס קינד פון דארטען.
די שטראהלען שיינען, און פון זיי
צוגעהט דער לעצטער אייז און שניי
די ווילדע פויגעל פליהען;
די פייגען־בוימער שטעהען שוין
אין זייער הויכער, גרינער קרוין,
די וויינטרויב־צווייגען בליהען.
עס זינגט דאס טייבעלע, עס רופט,
עס ווארקעט אין דער בלויער לופט...
. . . .
מיין קינד! דו קוקסט זיך ווילד ארום?

דו שטעהסט פערוואונדערט, בליקסט אין שטום
און טרעהרען אין די אייגעלעך:
ווי זילבער־טראפּען שטעהען?...
דעם „שיר השירים", יונגעלע,
דעם „שיר השירים" לייען!...

II.

א העלע שיין פון הימעל פליסט;
מיט היים צושמאלצען גאלד בעגיסט
די זון די פרייע פעלדער.
די ארבייט קאכט: מ'שניידט, מ'בינדט;
עס וואקסען, וואקסען אויס געשווינד
פון גארבען גאנצע וועלדער...
דער אווענד קומט, די נאכט פערשפּרייט
די שטילע פליגעל... פול מיט פרייד,
מיט פרישען, יונגען לעבען
גיסט־אויס דאס הארץ א לויב־געזאנג
פאר יעדען גארב, פאר יעדען זאנג
וואס גאט האט אונז געגעבען...
א זיסער שלאף מיט זיסע רוה

מאכט שטיל און ליעב די אויגען צו...

. . . .

מיין קינד! דו קוקסט זיך ווילד ארום?
דו שטעהסט פערוואונדערט, בלייך און שטום?
דו זוכסט דאס פעלד דאס גאלדענע,
דעם גליק דעם שטילען, ליעבען? —
ביי בועז'ן, נשמה'ניו,
און „רות" איז דאס בעשריעבען!...

III.

די סטעפּ איז טויט, די סטעפּ איז שטום;
קיין איינציג בוימעלע ארום,
נאר הוילע זאמד און שטיינער,
און זעלטען־זעלטען שלאגט אין טהאל
א קוואל, ווי זילבער, ווי קריסטאל
א ליכטיגער און ריינער,
נאר זעה, מיין קינד: אט מיט אמאל
לעבט־אויף דער מדבר... אהן א צאהל,
ווי זומער־צייט די פליעגען,
דארט געהען, געהען אהן אנ'עק

די שעהנסטע שעפּסען, אייזלען, בעק,
קיה, אקסען, קעמלען, ציעגען...
דער מדבר לעבּט... עס קאכט, עס זידט,
עס ברומט, עס מעקעט... א יריד...

. . . .

מיין קינד, דו קוקסט זיך ווילד ארום?
דו שטעהסט פערוואונדערט, בלייך און שטום?
דערמאהן זיך נאר, דו, נארעלע,
גערענקסט ניט? א לצנות! —
פון יעקבן צו עשו'ן,
צו עשו'ן מתנות!...

IV.

דער קאנטשוק אויף דעם בענקעלע,
די טייטעל אויפ'ן טיש...
נו, לעבּעדיגער, יונגעלע!
מיט חשק, שנעל און פריש!
דער רבי הוסט... אין שטוב איז איינג
מ'קאן דערדושעט ווערען...
איך אבער הער ניט און ניט זעה —

איך לערען, לערען, לערען!...
עס ברענט דער פראסט; דער מארך, דאס בלוט
אין מיר פערגליווערט ווערען...
איך פיהל עס ניט, איך קלאג זיך ניט —
איך לערען, לערען, לערען!...
א כישוף־קראפט בעדעקט די שטוב...
עס גלענצען פונקען, שטערען...
די וואנד ארום צוגעהען זיך...
איך לערען, לערען, לערען...
א בלאט אהין א בלאט אהער...
און קוק נאר — ווי אויף הייוועז,
איך הויב־זיך, וואקס וואס א מינוט...
איך ווער אויף אלץ א מבין,
א מייסטער גאר ניט ווילענדיג,
א גאנצער מענש ממילא:
איך מעקלער אוים ביי אפרונ'ן
די מערת־המכפלה;
דאס פעך און שוועבעל זעהענדיג,
דעם רויך, דעם פלאם דעם רויטען
„גוואלד, שריי איך, יודען, ראטעוועט!"
און לויף פון סדום מיט לוט'ן;

און זיץ בײַ מלכּי־צדקן
גערלאַדען צו דער סעודה;
מאַך יעקבֿ פֿיער מאָל חתונה;
אינאײנעם מיט יהודה
גײ שערען איך די שעפּעלעך
(וואָס הײסט: איך גײ? אַנ׳ערך,
פֿערשטעהט זיך — מיר צושײדען זיך
מיט איהם „על אם הדרך”...)
איך שדכן אויס פֿאַר יצחקן
אַ כּלה — לבֿנ׳ס שוועסטער —,
דער אַרמי ווערט מיט מיר דערפֿאַר
אַ גוטער פֿרײַנד דער בעסטער
(דאָס גוטע פֿרײַנדשאַפֿט צווישען אונז
איז, ווײסט איהר דאָך, עד היום...);
איך קלויב צונויף מיט יוספֿ׳ן
די תּבֿואה אין מצרים
און נעהם דערנאָך גאָלד, זילבערוואַרג
בײַ׳ם מצרי אין משכּנות
(אַ יורקע, טאַקע אמת, דאָך
וויל עסען... אַ רחמנות!)
איך פֿיהל אַז נעבּיך יעקבֿן

בײַ לבנ׳ען איז ביטער

און היט מיט איהם די שעפּסעלעך

און קאַרב מיט איהם די ריטער;

איך בױ מיט אלע פּיצעלעך

דעם משכּן מיט בצלאל

דערלאַנג דעם װײַרעך אהרנ׳ען

און העלף איהם אונטער הלל;

איך קלאַפּ אין פּויק מיט תּמר׳ן;

איך זינג מיט משה׳ן שירה;

איך גלעט און קנײַפּ מיט דוד׳ן

די סטרונעס אויף זײַן לירע..

מלחמה האַלטען? נאַרישקייט!

איך בין אַ לײב, אַ גבור

און אלע פעלקער ציטערען,

עס טרײסעלט זײ אין פיעבער;

אויף אלע שונאים אונזערע

פאַלט־אָן אַ מרה־שחורה;

אנו, אנו, זאַטשעפּעט נאַר!

פאַר װעמען האָב איך מורא?

אי, אי, װאָס פאַר אַ ביטערע

מפּלה האָט דאָ בלק!

אַי, מאך איך תל פון מְדִינָ׳ן,
אי, חאפּט פון מיר עמלק!...
פרנסה, פרעגט איהר? גאטעניו,
אבי נאר גיב מיר יאהרען,
מיר געהט ניט צו פערזינדיגען,
אויף אייך געזאגט געווארען;
געלויבט זאל זיין דער אויבערשטער,
איך לעב און דארף ניט בעטלען:
איך עס דעם שְׂלָו אין מדבר־סין,
אין אֵלִים עס איך טייטלען,
אין אשכּל עס איך וויינטרויבען
און מילגראמען און פייגען,
וואס איצט אפילו רויטשילדען
וואלט שווער זיין צו דערשטייגען...
פון אלע זייטען וויינשטאקען,
אויף יעדען טריט א גארטען,
אי באקסערען, אי איילבערטען,
אי בשמים כל הסארטען.
פיש חאפּען? — איז חדקל דא

און פישון, פרת און גיחון, —
וואס פאר א העכט אין נעץ אריין,
וואס פאר א קארפּען קריכען!
די לענג, די גרעב פון זיי! חוץ דעם
א סברה אז געפילטע...
היינט פאלאצען פון מירמעלשטיין?
געזילבערטע, געגילדטע, —
איך סטרויע זיי מיט חירם'ן
אין גאנץ ירושלים
פאר שלמה'ס טויזענד פלונית'טעס
פון מואב און מצרים...
אין אלע שבע חכמות ווער
א בקי איך — א מורא:
פון „קטרת" ווער איך א דראגיסט,
א דאקטאר פון „מצורע".
פון „פאה" ווער איך זעמלעמער,
א גאלדשמיט פון „ויקהל",
פון „שקלים" א סטאטיסטיקער
צו מאכען דעם סך־הכל,

פון פרשה „אמור” — סאניטאר,
„משפטים” — א זאקאניק . . .

א כלל איך לעב, איך פרעגעל זיך
אין פוטער און אין האניג . . .

דער רבי הוסט . . . די רביצען
קאכט קרופניק . . . און א שמאטע
פערוויקעלט, דאס מוזיניקעל
שרייט: „חי־וקים, טאטע!!”
איך זעה זיי ניט, איך הער זיי ניט —
איך לערען! — און מיין קעפעל
צומישט זיך: ווייערך, מויל־אייזלען,
גאלד, פיפערנאטערס, עפעל
מיט גלעקעלעך, מיט מילגראמען,
מיט זעמעל־מעהל, מיט טויבען,
מיט שפרענקבעקענס, מיט פימסענהאלץ . . .
פון אונטען און פון אויבען
בריליאנטען, פערעל שיטען זיך,

גראז, רויזען, פרוכט און זאנגען —
אלץ וואס עס קאן א מענשען־הארץ,
א נאריש הארץ פערלאנגען, —
פערטיעף זיך אין תנך׳ל נאר
מיט קאפ און מיט געהירען...

* *
*

נו, דארף מען, יודען, פרעג איך אייך,
דעם חדר רעפארמירען?...

היים און קאלט.

(א ליעד'ל).

נו, — מזל־טוב, רחל'ע, מזל־טוב דיר —
א קינד, א בן־זכר געבּארען!...
דאס פּיצעלע קוויטשעט און שרייט אהן א שיעור...
וואס איז דאס, דו, קליינער, וואס איז דאס מיט דיר?
דו ציטערסט? דערפראָרען געווארען?
אך, דארט, אויפ'ן הימעל, וואו דו ביסט געוועזן,
איז ליכטיג און פרעהליך, און ווארעם, און שעהן,
און דא... הערט זיך צו — בנאמנות:
דאס פּיצעלע רעדט דאך, עס שרייט דאך: „געוואלד!"
אוי, מאמע! ווי פינסטער איז דא און ווי קאלט!...
אוי, וועה! האב רחמנות!"...

* *

*

דאס רעדעלע דרעהט זיך
ארום אהן אנ'עק;
א טאג קומט צוקריעכען,
א יאהר פליהט אוועק...

— „גוט מארגען אייך, רבּי!" — גוט מארגען! א נו!
אט זעץ זיך אקארשט נאר אניעדער

און נעהם זיך צו׳ם חומש... נו, לעבעדיג... דו!
מיט חשק, מיט אברים, מיט גליעדער!...
דו שווייגסט?!... נו, טא לעג־זשע זיך! ליעג... אט אזוי...
איינס!... צוויי!!... „רבי! רבינוּ! אוי!...״
„—ליעג, ליעג! דו, בל־בונִיק!... ס׳וועט קאסטען דיר טייער!...
איך ארבייט, איך קנעל, איך בעגים זיך מיט שוויים,
און ער... טא, אט נא־זשע דיר! פיהל זשע און ווייס...
הא? ווארעם?״... „היים! רבינוּ, רבינוּ, היים!
עס ברינהט ווי א פייער!...״

* *
*

א טאג קומט צוקריעכען,
א יאהר פליהט אוועק,
אלץ האט זיך זיין אנפאנג,
אלץ האט זיך זיין עק...

און נאך אמאל — מזל־טוב! — מזל־טוב אייך!
שפּיעלט כּלי־זמר׳לעך! הויבט זיך אויף פליעגעל!
דעם חתן איז פּשוט... „דער קרומער ניט גלייך״:
די כּלה — א דימאנט. א שפּיעגעל!
מע הוליעט!... ווארט אוים, ליעבע פריינד, זייט ניט פויל—
דער דימאנט האט נעגעל! דער שפּיעגעל — א מויל...
— נו, מאנעלע! ווארעם? עס קוועלט די נשמה?
„—אוי, ברידער, בחורימ׳לעך! איילט זיך ניט! — קאלט!

איך פריהר ווי אום שבת ביי דער נאכט אין א וואלד...
איך ציטער, איך צאפּעל... אוי, ברידערלעך, גוואלד!
איך פריהר, פון נחמה!"

*   *
*

די וועלט איז א חדר
פאר קליין און פאר גרויס!
מע קוועטשט זיך, מע שטופּט זיך —
מע לערענט זיך אויס...

א סוחר געווארען... נו, גיכער, רב יוד! —
אין האַץ איז א מארק און אין קלאַץ — א יריד...
עס הודיעט, עס קאכט ווי אין גיהנום!
איהר זעהט — קיין עין־הרע! מע לויפט! —
פעל, אקסען, זאלץ, קארן, פלאקס, פאצירקעס, לעדער!
מע פליהט ווי אויף פליגעל, מע פאהרט ווי אויף רעדער,
מע האנדעלט, מע וואנדעלט, מע קויפט, מע פארקויפט...
דאס סוחר'ל יאגט זיך נאך דעם און נאך יענעם,
עס ציטערט, עס צאפּעלט, בעגיעסט זיך מיט שוויים...
אוי, סוחרים'לעך, יודעלעך, פייערדיג, היים!
עס ברענט ווי אין גיהנום!

*   *
*

דאס וועלטעלע דרעהט זיך —
א מארק, א יריד!

עס הודיעט, עס פלאקערט,
עס ברענט און עס זידט...

ברענט, ברענט,—איהר וועט אבגעקיהלט ווערען, רבי־יוד—
איהר איילט זיך נאך סחורה?—נאך אייזען, נאך ברעטער,
נאך זייד און נאך סאמעט—איהר פלאקערט, איהר זידט?
פערגעסט נאר ניט — זייט אזוי גוט — פון יריד
א שטיקעלע לייוואנד צו בריינגען, רבי־פעטער...
עס קלאפען די פושקעס, עס ארבייט די זעג:
פיער ברעטער, צוויי שערבלעך,—און אוים מיט אנ'עק!
געקומען צופאהרען פון לעצטען ירידל...
נו, גיכער, שמשים! פערשיט שוין, בעהאלט!...
אוי, יודעלעך! קאלט איז דארט—זאג איך—קאלט?!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

געפעלט אייך מיין ליעד'ל?

מיין עפּיטאפיע.

(אויפשריפט אויף דער מצבה).

פיעל ביטערע, פיעל טרויעריגע ליעדער
האב איך איך שוין געזונגען, ליעבע ברידער!
מיט אלע כחות, מיט דעם לעצטען צאהן
געביסען און געריסען דעם זשארגאן,
געקייט די ליעבע שפּראך פון אונזער מאמען,
געפּעפּערט מיט צעזור, געזאלצט מיט גראמען,
צו מאכען זי אביסעלע האטש ווייך
און צו פערדושען יענעם ליעבען ריח
פון ווילנער מארק און דינאבורגער יאטקעס
מיט אלערליי פערוואלגערטע אסטאטקעס,
וואס שמעקט אויף דרייציעהן מייל ארום דעם ארט
וואו נאר עס בליהט האטש איין זשארגאניש ווארט...
אך, ברידער, וויפיעל יאהר האב איך צו טהאן
מיט דעם געשמאקען, טהייערען זשארגאן;
מען האט מיך שוין געלויבט און אויך געזידעלט—
איך האב געהערט און האב מיר אלץ געפּידעלט...

נאר יודען זענען דאך אנ'עם קשה ערף,
א ביטער פאלק, גאר ניט ווי אלע לייט:
נאך פון דעם ים־סוף ביז דעם מדבר־חורב,
פון מדבר־חורב און ביז אונזער צייט
האט גאט אליין בעשיינפערליך בעוויעזען,
אז חאטש צוריים זיך — גלעט זיי, לויב זיי, בענש —
ניטא קיין סוף צו זייערע קאפריזען,
היינט וואס קען טהון מיט זיי א שלאפער מענש?
בפרט נאך א זשארגאן־מחבר?

,— שרייבען?
איהרווילט, רב קרוב, שרייבען? — זאגט א יוד —
גוט, שרייבט אייך; נאר איהר זאלט קיין נאר ניט בלייבען,
ניט קומען מיט'ן בייטשעל פון יריד,
פערגעסט ניט אז איהר האט צו טהון מיט יודען.
איז שרייבט אזוי — פערשטעהט איהר מיך — אזוי
אז אלע זאלען זיין מיט אייך צופריעדען...
פערשטעהט איהר מיך?..."

אוי, ליעבע יודען! אוי!
איך האב ביז איצט פון אלע, אלע זאכען
נאר איינס פערשטאנען, שרייבען, דארף מען דאס

לִמען־השם, נאר טאקע דאס, פון וואס
דער עולם זאל הנאה האבען, לאכען.
„אי, לאכען! אי א חיות! שרייבט, הערר פרוג!
געֶנוג איך זיפצען, כ׳לעבען, עט, גענוג!
א חכמה׳לע, א פשט׳לע, א וויצעל,
קאטאוועסלעך מיט גראמען אהן א שיעור.
אזוי, אז יעדער אות זאל טהון א קיצעל״...

איך קען עס ניט, איך קען ניט —, וועה צו מיר!
איך קען קיין ווילדע, קרומע חנ׳דעלעך מאכען
איך קען ניט לאכען, גוואלד — איך קען ניט לאכען
דערפאר אויף מיין מצבה אז מיר וועט
איה״ש דאס לעבען געבען גט —
כדי איהר זאלט אן מיר נקמה האבען
שרייבט אויף:

„פה נטמן — אט דא ליעגט בעגראבען
א טיפש, א משוגע׳נער פאעט
א ווילדע זאך, א חסר־דעה, כ׳לעבען:
ער האט געוויינט, געוויינט דאס גאנצע לעבען!!!״...

דריי חברים.

מיר זענען געווען דריי חברים, דריי פריינד
אזעלכע וואס זענען ניטא שוין מעהר היינט:

אליקום דער רויטער און נחמן קלאנעט
און איך, אייער איצטיגער בידנער פאעט.

אינאיינעם געוואקסען, געלערענט אינאיינעם
די הייליגע תורה, דעם גלייבען דעם ריינעם,

אינאיינעם גערזאוונט, אינאיינעם געשטופט,
אינאיינעם געאטהעמט דיזעלביגע לופט,

געגלויבט, אז מיר וועלען זיך אייביג ניט שיידען
פון איצט ביז איה"ש דארט, אין גן־עדן.

און הערט, וואס עס האט זיך מיט אונז געפאסירט
מיר האבען אינדרייען אין וואלד געשפאצירט

מיט דריי שרעקליך־שארפע און שפיציגע מעסער —
ביים מלאך המות אודאי ניט גרעסער.

איהר מיינט אפשר גזלנ'ען, — גאט איז מיט אייך —
הושענא'ס צו אנשניידען דארט נעבען טייך.

די שטראהלען פון מערב־זייט האבען, שוין קאלטע,
בעלייכטעט א ווערבע א קרומע, אנ'אלטע,

און דארטען דערזעהען מיר — זיצט אויף א שטיין
א ל י ה ו ה נ ב י א אליין.

*
*   *

און מיט א קול א פריינדליכען און שטילען
האט ער געזאגט אונז: „— ליעבע קינדער, הערט,
איך וועל אייך זאגען וואס מיט גאטעס ווילען
איז אויף דער וועלט אין לעבען אייך בעשערט:

„אליקום'ס קול וועט ווי א דונער ברומען,
און מענער, ווייבער, קינדער, גרויס און קליין,
איהם הערענדיג, זיך בויגען ווי די בלומען
אין שטורעם אין צוגעהען פון געוויין.

„דו, נחמן וועסט זיין ווייט פון אלע שמערצען;
ווי נאר מען וועט דיין קול דערהערען, דארט
וועט ווערען גרינג ביי יעדען אויפ'ן הערצען,
וועסט בריינגען פרייד און ליכט אין יעדען ארט.

און איך? — „מיין קינד, פיעל טרויער און פיעל פריידען,
פיעל גליק און אומגליק דיר דיין מזל טראגט:
דיר איז בעשערט וואס זיי אינאיינעם ביידען" —
האט אליהו מיר געזאגט.

פערגאנגען זענען טעג, חדשים, יאהרען —
אליקום איז אין פוילען לאנג אוועק:
א בעל־תוקע איז ער דארט געווארען,
און פון זיין קול נעהמט ממש אן א שרעק...

א כלי־זמר איז געווארען נחמן — שפיעלען
אויף חתונה׳עס געהט ער פון אָרט צו ארט,
און הערענדיג זיין פיעדעל, מענשען פיהלען
אין הארצען יוגענד, פרייד און טאנצען דארט...

און איך, רבותים? וועה צו מיינע יאהרען —
דער נביא האט פארשטאנען וואס ער רעדט:
א יודישער פאעט בין איך געווארען.
און וואס בעדייט ביי אידען א פאעט?

א בעל־תוקע מיט א כלי־זמר, ברידער!
בלאז שופר ביז די כחות געהן אויס,
שפיעל, פיעדעלע, בלאז שופר, בלאז און ווידער
שפיעל, שפיעל ביז די נשמה וועט ארויס...

שלאף און רוה — אלץ פעריאג,
און אין פרייד און אין פלאג
שפיעל, בלאז נאר א טאג נאך א טאג!...
און איך לאך, און איך קרעכץ,
און איך זינג, און פון שמערץ
צוגעהט זיך, צורייסט זיך מיין הערץ...

דער יריד.

די זון געהט ארוים פון איהר פוטערפאס, — הויך
געהט אויף אין דער לופט פון די קוימענס דער רויך.
דער מהוי גלענצט אין פעלד; די נאטור איז מקים
די הייליגע מצוה נטילת ידים;
די פויגעלעך הויבען אן שחרית; און זעהט:
אט וואו נור א ועלדיל — א כאר־שול איז גרייט;
עס שאקעלט זיך דאוונענדיג דארט יעדעם בלעטיל...
נאר וואס אבער טהוט זיך ביי אונז דאס אין שטעדטיל?
אין שול־הויף, אין פאליש — א מארק, א יריד,
עס ברומט און עס הודיעט, עס קאכט און עס זידט...
עס מעקען די ציעגען, עס קוואקטשען די היהנער...
מע קלויבט א ראבינער!...

אט איז די אופראווע. — עס קלויבען זיך שוין,
די שטאדט־בעלי־בתים, די גרויסע פארשוין;
פערסאפעט, פערשוויצט, ניט צו חאפען דעם אטהעם
פליהט, ארבייט און פלאקערט די חברה חיטים...

בײ׳ם אלטען ראבינער שטעהט אפען אין זאל
ביער צװײ גאנצע פעסליך און בראנפען א קװאל,
בײ׳ם נײעם איז שטיל, ס׳האט א שענערען פנים:
נישטא דארט קײן משקה — ער גיט מזומנים...
געקאנטשעט די װיבארעס — און טאקע באלד
װי פױגעלעך פליהען דאנאסלעך, א גװאלד...
עס דרעהט זיך די װעלט, װי דאס שפינדעל בײ׳ם שפינער...
מע קלױבט א ראבינער!!!...

„דאס קנעפּיל“.

„—כ'פערשטעה גאר ניט, כ'לעבען, וואס טהוט זיך מיט אייך,—
א וועלט, א פאריאדאק געווארען!
אך, גאטעניו־פאטער! וואו זענען זיי, וואו,
די אלטע פערגאנגענע יאהרען?

„— וואו איז זי, די אמת'ע „גאלדענע פאחך“?
וואו זענען די „בערען“, די „לייבען“,
מיט וועלכע ס'פלעגט ברומען און קלינגען א וועלט?
וואו? — זאגט מיר — כ'פערשטעה גאר ניט, כ'לעבען!

„— אמאל... נאר וואס זאל איך דא ברייען אייך לאנג? —
למשל... א פורים פאר צייטען:
עס איז דאך, ווי זאגט מען דאס... עך, ברידער, עך!
נו, האט האט איהר א פנים פון לייטען?

— ווי הייסט? די מגילה... דאס האט דאך פאסירט“
מיט יודען, מיט אונזערע אבות:
אנ'אסתר המלכה... א מרדכי... א וועלט!
נס־פורים! א שפאס, א קאטאוועס?

„— נו, טאקע אהן חכמות: וואו האט איהר דאס איצט
אט חאטשבי א גראגער א רעכטען —
א שרייער, וואס טאקע א שרייער מען רופט,
הא? ווייזט נאר? יא! קומט, כ'בעט אייך נעכטען

א גראגער — א ווידער־קול! ס'טייטש, יעדער יוד
פלעגט פיהלען... ווי זאגט מען עס... פטור, —
נו, המנ'קע, טהו מיר נאר עפעס אקארשט,
איך הער דיך אצונד, ווי דעם קאטער!

„— היינט נעהמט א פארצייטיגען „אלול"... איך מיין,
פערשטעהט איהר מיך, תקיעות בלייבט תקיעות
עס איז אבער גאר ניט דער בלאז וואס אמאל,
דער בלאז... דאס מתיקות... דער חיות...

„— און טאקע א פשוט'ער פרייטאג... עס קאכט!
א וועלט געהט אין מרחץ, שארפט מעסער,
שטעקט ליכט אין די לייכטער, שטויסט פעפער, רייבט חריין
עס לעבט זיך, עס פיהלט זיך גאר בעסער...

„— און געה נאר, פרוב ניט פיהלען, ניט זיין א יוד...
דו האסט דען, אפנים, א ברירה?
אז ממש דו פיהלסט, ווי עס שפארט זיך אין דיר,
עס קריכט א נשמה יתרה...

„— ניט למדות, ניט דאס בין איך אויסען, — דער ברען,
פערשטעהט איהר מיך, אט וואס: דער הייסער,
דער שארפער, דער אמת'ער יודישער ברען...
פרעגט איצט ביי א יודען — וואס וויס ער.

„—וואס פיהלט ער, וואס קעהרט זיך דאס אן מיט איהם?... אוי,
אז וועה צו די טעג און די יאהרען, —
דערשפּיעלט־זיך, דערלעבט צו א נחת אצונד,
א וועלטיל, פאריאדקעס געווארען! —

„—דער אויקעט, דער קרעכצט און דער ווארגט זיך שוין גאר
מיט עפּעס ניי־מאדישע צרות:
דער שרייט: „ס'איז צו פינסטער", דער ליארעמט: „צו ענג!"
און דער שלאגט מיט אלץ שוין כפּרות...

„—און וואס האט מען אויסגעפיהרט?—פרעג איך אייך—וואס?
וואו זענען דאס אייערע גליקען?...
פע! ביטער! חלשות! עס קריכט ניט אין האלדז
אפילו דאס קאפּיצקע תיקון!...

„— וואס? אפשר, ניט אמת?..."
אזוי האט צו מיר
געשמועס'ט מיט געשריי און געוואלטען
רב יודעל־דער־תכשיט. ער האט מיך דערביי,
ווי ס'פיהרט זיך, ביי'ם קנעפּיל געהאלטען;

ער האט עס געטרייסעלט, געצופּט און געדרעהט,
געבוינגען, געקוועטשט און געריבּען —
אזוי, אז צום סוף איז שוין, נעבּיך, פון דעם
א צעהנטעל כמעט ניט געבּליבּען...

*   *
*

אוי, קנעפּיל, קנעפּיל! וויפיעל שטעהסט
דו אוים מחלוקות און סכסוכים
דו בּיסט דער אנפאנג און דער סוף
פון אלע יודישע ויכּוחים...

„ג ע ג נ ב ט".

(א מ ד ר ש).

מיט אנ'אלטען, קלוגען תנא
האט אמאל געשמועסט א יונגע,
שעהנע רוֹמישע מאטראנא
פון דער יודישער אמונה.

„זאגט מיר, רבי" — האט פערוואונדערט
איהם געפרעגט די יונגע דאמע:
„אין דער ביבעל שטעהט געשריעבען:
אום די עלטער־באבע חוה

צו בעשאפען, האט דער בורא
אויף דעם מענש א שלאף געווארפען
און אין שלאף ביי'ם שוואכען מענ'שען
שטילערהייד א ריפּ גע'גנב'ט...

יא, גע'גנב'ט, אמת, רבי!
ווייל ביי'ם שלאפענדען גענומען —
הייסט גע'גנב'ט... זאגט־זשע, פאסט דען
פאר א גאט צו זיין א שטעהלער?

און אט דאס איז אייער גרויסער,
שטארקער, ליעבער גאט, מיט וועלכעס
איהר שטאלצירט פאר אלע פעלקער,
הייליגט, זינגט און לויבט זיין נאמען?..."

"— ליעבע דאמע — האט געענטפערט
איהר דער אלטער, קלוגער תנא:
איהר ערלויבט מיר צו ערצעהלען
איך א קליינינקע געשיכטע:

די געשיכטע איז א וואהרע,
האט מיט מיר אליין געטראפען:
דא ניט לאנג, מיין ליעבע דאמע
האט מען מיך ביינאכט בע׳גנב׳ט:

אין דערפריה, ווען צו בעגינען
בין פון שלאף איך אויפגעשטאנען
און געוואלט זיך זעצען לערנען,
חאפ איך מיך — נישטא מיין לעמפעל.

מיין פערשמאלצען, אלטעס לעמפעל
וועלכעס האט געקאסט מיין טאטען,
דרייסיג יאהר צוריק, אנ׳ערך,
זיעבען קופערנע מטבעות,

אט דאס לעמפעלע איז פערפאלען.
אבער... הערט אנ׳אקט א ביסעל:
אויף דעם ארט וואו ס׳איז געשטאנען
דאס פערשמאלצען, אלטעס לעמפעל,

זעה איך, שטעהט א לאמפ — אנ׳אוצר! —
הויך און ברייט, פון גאלד געגאסען
פיינע, קונציגע פיגורען
אויף די רעהר און אויף די זייטען.

און פון אויבען שיינען בלישטשען
דארט אראב א פאר ברילׂיאנטען,
טאקע ממש ווי די שטערען
אויפ׳ן טיעפען, בלויען הימעל...

נו, מאדאם, וואס וועט איהר זאגען
אויף אזא מין ליעבען גנב?
נעהמט־זשע, כ׳בעט אייך, ליעבע דאמע,
אויף א ווײַלע אונזער ביבעל,

נעהמט, איך בעט אייך, חזר׳ט איבער
נאך אמאל, וואס דארט ערצעהלט זיך
וועגען אדם׳ן און חוה׳ן...
נו, מאדאם, א שעהנע גנבה?...

די ריפּ.

(א גמרא)

אז דער ליעבער בּורא־עוֹלם
האט בּעשטימט בּעשאפען חוה
(חאטש, אין תּוֹך גערעדט, געוועזען
איז דער גאנצער פּלאן ציקאווע).

האט ער שטאף — זאגט די גמרא —
ניט פון אדם׳ס הענד גענומען,
ניט פון זיינע פיס און אויגען,
ניט פון קאפּ, פון צונג, פון גומען.

ווייל עס ליעגט אין קאפּ די גדלות
און די תּאוה אין די אויגען —
צוויי חסרוֹנוֹת, וועלכע דארפען
פאר א פרוי דורכאוים ניט טויגען.

ניט פון אדם׳ס הענד בּעשאפען
האט זי גאט, זי זאל ניט וועלען
מיט דעם מאן מלחמה האלטען,
איבער איהם זיך העכער שטעלען.

ניט פון צונג און ניט פון גומען,
ווייל דאס זענען יענע כלים,
וואס מיט זיי, ווי מיט אנ׳עמער
שעפן מענשען דברים־בטלים,

פון די פים — זי זאל ניט גלוסטען
פון דעם מאן א פלטה מאכען.
אט כדי זי זאל בעפרייט זיין
פון די אלע שלעכטע זאכען,

פון דער ריפ האט זי געבוירען
דער בעשעפער. פון א שטומען,
בלינדען, אונשולדיגען ביינדעל
האט דער בורא זי גענומען...

אט דערפאר — זאגט די לעגענדע
פון די אלטע, קלוגע יאהרען —
האבען ווייבער אלע מעלות
און קיין איינציגען חסרון...

א ירושה.

בשעת אונזער עלטער־פאטער יעקב
האט זיך געדארפט בעגעגענען אויפ'ן וועג
מיט עשו'ן, וואס איז געווען אין כעס
אויף איהם נאך פון די פריהעריגע טעג,

האט ער פאראויס געשיקט איהם א מתנה
פון בהמות און פון חיות אלערליי:
באראנעס, אייזלען, מעלקעדיגע קעמלען,
מיט ציעגען און מיט צאפעס נאך צו זיי.

און דאס איז טאקע קלוג געוועזען: עשו
האט איהם בעגעגענט ווי א גוטער פריינד...
אוי, ברידערלעך! פון יעקב'ן דער מנהג
איז אונז געבליעבען נאך ביז היינט:

אז יודען דארפען שיקען צו א פריץ,
בעגעגענען זיך מיט א מאגנאט, א פאן,
איז וועמען קלויבט מען אוים פאר דעפוטאטען?
א מויל־אייזעל, א קעמעל, א באראן.

דער אייזעל איז דער גרעסטער שוטה טאקע
זיין יחוס איז, פערשטעהט איהר אבער, גרויס,
ער האט געהאט א פיינעם עלטער־זיידען; —
פון בלעמ'ס אייזעל קומט ער דאך ארויס;

דער קעמעל האט א לאנגען, שענעם גארגעל,
דער באק — א גרויע בארד, און דער באראן
א גוטען פוטער און א פעטע קאדע —
טא איז דען בעסערס וואס פארהאן?...

דער פרעהליכער קבצן.

(א מאָנאָלאָג).

אז גאָט אויף אונזער וועלטעלע
האָט אלץ ארום בעשאפען —
דעם רייכען און דעם ארימען,
דעם שטארקען און דעם שלאפען,

א האָז, א העכט, א טייטעלבוים
א קאזאק מיט א פיקע,
א רב, א ציעג, א וויזעלטיער,
א חזן א זאאיקע, —

האָט פונ'ם קוואל דעם הייליגען
געבראכט צום בורא־עולם
א מלאך מיין נשמה'לע,
נאָך פון דעם גוף דעם גולם

א פרייע, ניט פערקויטיגטע
פון תאוות, יצר־הרע,
און ווי דאס מארגענשטערענדיל
א ליכטיגע, א קלארע,

און פרעגט: — „מיט וואס בּעפעהלסט דו מיר
די טפּה־סרוחה בּענשען?
עס זענען אויף דער וועלט שוין דא
פון כּל המינים מענשען —

אי פרומע, אי חזיר'ניקעס,
דאקטוירים אי רבּנים,
גלאט מענשען, מענשען אײדעלע
נגידים אי קבּצנים.

טא וואס זאל זיין ד א ס מענשעלע?
גיבּ, גאטעניו, מיר שׂכל״...
— „א קבּצן, — האט דער איבּערשטער
געענטפערט מיט א שמייכעל, —

א קבּצן, נאר א פרעהליבּער!
זאל זיין מיט אלץ צופריעדען,
און דאס איז דאך, פערשטעהסטו מיך,
א זעלטענעס בּיי יודען״...

און אט־א בּין איך, בּרידערלעך!
בּעקוקט מיך דא אין גאנצען:
פריש, פרעהליך, פריי און לעבּעדיג;
שפּיעלט, כּלי־זמר — געה איך טאנצען!

וואס איז די שמחה — פרעגט איהר מיך?
למשל, נעהמט מיין דירה:
א נעסטעלע, א וויעגעלע,
עס איז צו זינגען שירה.

די גבירים אין די פאלאצען —
א מאדע היינט געווארען,
געה, וויס איך, קריך, קאראבקע זיך
אין דריטען, פיערטען גארען.

וואס טויגען מיר דער מירמעלשטיין,
דאס שפיגלען־זיך און גלאנצען —
מען בלייבט אהן פיס! ניין, אט ביי מיר
פינף טרעפלעך גאר אין גאנצען.

און גליך אראב, פערשטעהט איהר מיך,
אין קעלער־שטאק, — א חיות! —
מען שטעלט א פוס — אי נאס, אי גלאט,
עס גליטשט אראב אהן שהיות!...

די גבירים, כ'וויס, מען דאקטארט זיך,
מען היט זיך, מען האט מורא
פאר היץ, פאר קעלט, עס גיסט זיך אויס
אויף זיי א מרה שחורה,

מען לעקט, מען טאפּט צו אויסזוכען
א תּרופה אין די ביכער
דאס לעבען צו פערלענגערען.
איך, דאנקען־גאט, בין זיכער —

א יונגער שטארבען קאן איך ניט,
ווייל נאך אין יענע יאהרען,
וואס יוגענד רופט מען, בין איך שוין
אי אלט, אי גרוי געווארען...

היינט נעהמט, למשל, עסענווארג, —
וואַרטוּטלעך, קניזשעס, טאַרטען,
געבּראַטענס, קעזלעך, זעמעלעך
און צימעס כּל הסאַרטען. —

נגידים זענען אויסטראַכטער.
ס'איז פּשוט א ליצנות,
זיין שטה האט זיך יעדערער,
מען עסט מיט גרויס הכּנות.

חער פליישיגס און ווער מילכיגס נאר,
דער — קרעפּלעך, יענער — פּראַקעס,
איך, דאנקען גאט, בין פּארעווע —
איך עס כּל ימי מכּות!...

דאס נעמליכע ביי אונזערע
נגידים ווענען בגדים:
מען פוצט זיך און מען מאדעט זיך —
א פאדים צו א פאדים.

מען היט זיך, ס'זאל א ווינטעלע
א בלאז ניט טהון חלילה
אפילו אין א זומער־נאכט,
א ווארימע, א שטילע.

דאך נייהט מען אויף יום־טובים נאר
א בגד'ל א נייעם;
אזוי איז פון פארצייטען שוין
דער מנהג דא עד־היום.

עט, נארישקייט, א יונגעלע,
א קדיש האב איך (איינער
און מיידלעך זעקס) אנ'עופעלע,
אין גאנצען הויט און ביינער;

איז מיינט איהר וואס? אוי־אוי, אבי
לאנג לעבען זאל דער טאטע! —
ער לעגט איהם יעדען דאנערשטאג
א נייע, פרישע לאטע!...

פון וואנען נעהמט זיך, פרעגט איהר מיך
די קראפט אין מיינע גליעדער,
די פרישקייט און די פרעהליכקייט?
פון מזל, ליעבע ברידער!

אז גאט גיט מזל, האבען ניט
קיין שליטה דיינע שונאים...
איהר זעהט אויף מיר די נייאינקע,
די פרישינקע סמנים?

צוהאקט א ליפ, צופלאצט די נאז,
א פנים — א קארטינקע...
דערפאר צובראכען, דאנקען גאט,
איין האנד נאר — און די לינקע!!...

צוויי אסיפות.

א.

די רבנים זיצען,
די רבנים קלערען.
וואס זאל מיט'ן ליעבען
פאלק ישראל ווערען?

די אסיפה זייערע
מאכט א גרויסען רושם —
סטייטש, די גרויסע פאסטוחער
פון די צאן־קדושים:

פון פאלטאווא, קאוונא,
גשן, יורהדעוועקע,
תוכחה'זוקע, זלידיניווקע,
שחינ'עווקע, צפרדע'ווקע;

אלץ „מאורים גדולים",
ס'איז א פראכט, א מורא;
אח, אויף יעדער יארמעלקע
שיינט דער כתר־תורה!..

די רבנים זיצען,
די רבנים קלערען,
וואס זאל מיט'ן ליעבען
פאלק ישראל ווערען?

די רבנים קלערען
און פאר גרויס רחמנות
אויפ'ן פאלק־ישראל
מאכען זיי תקנות:

— באשר, ווי מיר ווייסען,
אז דער גאנצער גלות
מיט די אלע גזרות,
מיט די אלע קללות.

רשעות און בלבולים,
שנאה, צרות, מכות
קומט ארויס דורך יענע
שקצים און טרפניאקעס

וועלכע זענען פלוצים,
אין די לעצטע יאהרען,
כזויים, פון וואס, פון וואנעט,
גוט און פרום געווארען...

„לכן דארף מען עפּיס
טהון דערצו וואס גיכער. —
און כּדי אויף ווייטער
רוהיג זיין און זיכער,

„זיי מיט אלע זייערע
קרובים און חברים,
ווייבער, קינדער — ווארפען
מיר אריין אין חרם!!!"

די רבּנים ארבּייטען,
די רבּנים אקערען...
שופרות בּלאזען, שווארצע
ליכט בּיי'ם עמוד פלאקערען...

און דאנאסלעך פליהען,
שיטען זיך פון דארטען
לעבּעדיג ווי פויגעלעך
זומער־צייט אין גארטען;

און פון אלע זיבּען
הימלען שרייט מען: „בּראווא!
לעבּען זאל הקטן
עקיבא מפּאלטאווא!"...

ב.

די „טרפניאקעס" זיצען,
די „טרפניאקעס" קלערען.
וואס זאל מיט'ן ליעבען
פאלק־ישראל ווערען?

אין די ערי־מקלט —
גשן, יורהדע'ווקע,
תוכחה'ווקע, זלידיני'ווקע,
שחינעוו'קע, צפרדע'ווקע

זענען שוין פאר הונגער
אלע מייז אנטלאפען;
אויס, א סוף, ניטא שוין
דארט אויף וואס צו האפען;

ווי א רויך צוגאנגען,
מיסט פון אלץ געווארען;
ווייטער ווארטען קאן מען ניט...
הייסט עס. דארף מען „פאהרען".

פאהרען דארף מען, אבער
ווי אזוי אנ'ערך?
אויף א שקל רייטענדיג
איז א לאנגער דרך...

און וואוהין, למשל?
נאר אין פאלעסטינא,
אדער ערגעץ אנדערש־וואו
זוכען א מדינה?

אפשר ביי דעם לעבער־ים,
וואו, בעדעקט מיט שנייען,
אלכסנדר מוקדן׳ס
הריי־חשך שטעהען?

אפשר צו די גלעזערנע
בערג זיך לאזען וואנדלען,
וואו עס וואקסען צוקערקעס,
ראזינקעס און מאנדלען,

וואו אין שבת אפילו
איז דער פראסט ניט שולט,
און דער בוים־לבנה
בליהט ביז צו דעם מולד...

די „טרפניאקעס" זיצען,
די „טרפניאקעס" קלערען,
קראצען זיך אין נאקען,
רייבען זיך דעם שטערען,

שוויצען נעבּיך, מיהען־זיך,
גאָט איז זייער עדות;
ווי א האָגעל שיטען־זיך
רעפעראַטען, רעדעס.

סמעטעס מיט אטשאָטען
כל המיני סאָרטען,
און זיי מאַכען סוף כּל סוף
א תקנה דאָרטען:

אין א יאָהר אין צוויי אַרום
פאַר די אַלע זאַכען
נאָך אמאָל איה״ש
אנ׳אסיפה מאַכען!...

א חלום.

מיר האט זיך גע׳חלומ׳ט: דער מלאך צושפרייט
די ווייכע, די שניי־ווייסע פליעגעל...
איך האפּ מיך ארויף און איך פליה... ווייט און ברייט
און ליכטיג און ריין ווי א שפּיעגעל
צוגיסט זיך די פרישע און ווארימע לופט...
עס שמעקט ווי פון רויזען א ריח...
און זינגענדיג הערט זיך א בת־קול, זי רופט:
„וואס זעהסטו, בן־אדם?" — וואס זעה איך?
געלויבט זאלסט דו זיין, דו אלמאכטיגער גאט!
איך זעה א גן־עדן א ריינעם —
א גרויסע, א גליקליכע יודישע שטאדט, —
אי פרום, אי געבילדעט אינאיינעם:
דער מורה־הוראה קוועטשט פלייסיג די באנק
און שלינגט טאג און נאכט יורה־דעה;
א מורה־הוראה א צאצקע... שוין לאנג
פערגעסען א צורת מטבע.

איהר פרעגט: „וואס איז שייך? א למדן... נאר פארט״?...
ווי זאל איך דאס ריכטיג אייך מאהלען?
א יאהר שוין אז קהל, זאל לעבען, האט דארט
איהם אויפגעהערט שכירות צו צאהלען...
א שטאדט א געבענטשטע! אין שוהל זינגט א כאר
אזש ברומט אויף דער זיבענטער גאס ער...
א רב א קאזיאנער א גדול־הדור —
אין עברי־טייטש קלאר ווי א וואסער! —
פון צאינה־וראינה די אמת׳ע שפראך!...
אַיָא, נאר א מופת? א זעלטענע זאך?
נאר וואס איז דער חידוש? נאך איידער
ראבינער צו ווערען — ווי ביטער און שווער
עס איז ניט געווען — האט געלערענט זיך ער
צוויי יאהר אין א מיידעלשען חדר...
א שטאדט א געבענטשטע מיט לעבען און גליק —
א גארטען א פרישער און שעהנער!
אויפ׳ן מארק שטעהט א קהל׳שע צוקער־פאבריק
פאר יענע פערטריקענטע ביינער,
מיט וועלכע עס האדעוועט ארימע לייט
די ליעבע קאראבקע: קייט, יודעלעך, קייט,
און שלינגט מיט א ליכטיגען פנים.

צושטעכט זיך דעם גומען, צובּרעכט זיך די צייהן,
פערדארט ווערט אליין ווי א טרוקענער בּיין —
אויף שׂכירות דעם רב דעם קאזיאנעם!...

* *
*

איך פליה און איך שוועבּ... מיט א גאלדענער פאהן
טהוט נעהן די לבנה הקפות...
א חסיד'ל טאנצען א ציעג מיט א האהן...
קאנאריקלעך זינגען „מה יפית״:
„— מה יפית, מה יפית!... א גאלדענע שיין
גלאנצט־אבּ פון דער שטאדט, פונ'ם קהל...
מה־יפית! — אי, האסטו, געזונד זאלסטו זיין,
א פנים אצונד, פאלק ישראל!״...

גאט אין אדעס.

(ס ק י צ ע).

צוריק נישט מעהר דריי־פיער מעת־לעת
איז גאט געקומען קיין אדעס
(געוועהנליך, אונטערוועגענס).
„אז כ'בין שוין דא — האט ער געטראכט —
טא לאמיך זעהען, וואס דא מאכט
מיין ביסעל יודיש איינענס".

וואו זעהט מען יודעלעך? — אין שוהל.
ער געהט אריין — די שוהל איז פול,
עס קאכט, עס ברענט, פלאם־פייער;
הו־הא, א טומעל, א געשריי...
„וואס טהוט זיך דא? ווער זיינען זיי?"
— די „פריעדליכע בענייער".

ער לאזט זיך אויף שאלאשנער גאס.
די שוהל, ווי הערינג אין א פאס,
ווי גארבען אין א שייער,

איז אנגעלאדען אהן א ברעג.

„ווער זיינען די״?‏ — טהוט גאט א פרעג.

— אויך „פריעדליכע בענייער״.

נאך אין א שוהל׳כעל, נאך אין צוויי —

און אומעטום אלץ זיי און זיי

און אומעטום פון דאס נייער;

אי גרוים, אי קליין, אי יונג, אי אלט,

אין יעדען ווינקעל, יעדען שפאלט

אלץ „פריעדליכע בענייער״.

און אומעטום — רב דוב ברב״ש,

דער גרעסטער דארטיגער בר־נש,

טהוט חי־וקים שרייען;

מאכט א גוואלד, א טאראראם

בכדי דאס פריעדליכע פראגראם

צו טהון „ראספראסטראניאיען״.

אך, שרעקליך מאכט רב דוב ברב״ש

פון אלע „רויטע״ שטויב און אש!

ער פלאקערט ווי א פייער;

ער ווארפט זיך בייסען ווי א שלאנג

און קלינגט און זינגט א ליבּ־געזאנג
די „פריידליכע בּנייער".

— „א סוף צום אומגליק, לייד און פּיין —
געזונד און גליקליך זאלען זיין
הערד פּראפּער און גראף היידען!
קלייבּט־אויס און דומע די פּאר לייט —
וועט ווערען באלד פון יעדער זייט
גאנץ רוסלאנד א גן־עדן.

„אין דעם גן־עדן וועלען זיין
די טייכען פול מיט ביער און וויין,
די וועלדער מיט מאראנצען;
ס'וועט יעדער פויער האבען זיי,
טאג־טעגליך טרינקען זיסע טהיי
און געהן א פרעהליכעם טאנצען.

„קיין חלוק וועט שוין, ווי אמאל,
ניט זיין: א טאטער, א חאחאל,
א פּאליאק, א ציגיינער;
ניין, אלע גלייך און אלע פּיין, —
דער לעצטער בעטלער וועט זיך זיין

א בעל־הבית א פיינער...

„אין דעם גן־עדן וועלען אויך
מיר יודען זיצען ברייט און הויך.
עס וועט פאר אונז אפילו
דארט קיין „טשערטא״ ניט זיין... עס הייסט
ס׳וועט יא זיין... מחמת... דו פערשטעהסט...
עס פאסט ניט לכתחלה

„מבטל זיין זי גאנץ און גאר:
מ׳וועט נאר יעדע צוואנציג יאהר
צורוקען זי אביסעל״...
— „אזוי? — זאגט גאט — כ׳פערשטעה דעם טעם...
דאס איז, זייט מוחל, א פראגראם
בבחינת „כשר־פיסעל״...

„נו, ליעבע יודען, כ׳זעה, צו׳ם גליק,
איהר האט א קאפ אין פאליטיק, —
אז וואויל צו אייער טאטען!...
און וואס איז טאקע דא דער נס?
עט, נו, אדעס בלייבט פארט אדעס!...
נאר איינס וואלט איך אייך ראטען:

„רב דוב ברב״ש׳ן האט אידר שוין,
איז פעהלט אייך איצט נאך איין פארשוין, –
צו פאשען מיינע שעפסען
אין פוסטען פעלד, אין וויסטען וואלד;
נעהמט ווידער־צו און טאקע באלד,
פאר א ראבינער – קרעפס׳ן!!״...

דער בעל־רחמים.

(א פאבעל).

דער פוקס, דער עופות־שוחט (ער איז אייך
געווים בעקאנט נאך פון די אלטע צייטען...)
איז צוגעגאנגען צו א טיעפען טייך
און האט דערהערט פון נאהענט און פון ווייטען
א ליארעם א געשריי —
די פישעלעך ווארפען זיך ארום אין אלע זייטען...
וואס זאל די זאך בעדייטען?
וואס טהוט זיך דארט מיט זיי?
„— שאט, פישעלעך! — זאגט דער פוקס:
שאט, גיט מיר צו פערשטעהן
וואס ציטערט איהר אזוי? וואס איז מיט אייך געשעהן?
עס ברענט דאך ניט אין טייך,
טא וואס־זשע איז אויף אייך
דאס פאר א מין בהלה?...

— אַי, פוקס'עלע? אוי ווערה! —
האט זיך דערהערט פון טייך א גרוים געשריי,
אַ ביטערע יְלָלָה:
דו הערסט דען ניט? אט דארט ניט ווייט
אויף יענער זייט
פערוואַרפט מען דאך א נעץ, א ברייטען, א לאנגען...
אָי וועה! מען וועט אונז אלע פאנגען
און טויטען באלד...
אָי וועה! וואס טהוט מען? — גוואלד!

„— יא, זאגט דער פוקס מיט גרוים רחמנות:
איהר ביעדנע פישעלעך, זיינט טאקי אין סכנות...
יא, יא, איך זעה, איך הער —
זיי שווימען שוין אהער,
זיי חאפען שוין, זיי שטעכען,
זיי שלאגען, שניידען, ברעכען!
לויפט, פישעלעך, לויפט אהער! צו מיר לויפט קליין
און גרוים
ארוים פון טייך, ארוים!
איך וועל איך ראטעווען, איך האב אויף איך רחמנות...
לויפט, פישעלעך, לויפט!..."

„— ווארט־אוים!” — האט דא א גרויס געשריי
געטהון אנ'אלטער פיש: „מיר זענען אין גרויס סכנות —
פאר אונז טויג אבער גאר ניט דיין רחמנות!
שוין לאנג, ניט איין מאל און ניט צוויי
האפּט אונז דער נעץ פון טייך אויף פרעגלען און אויף קאכען;
נאר דארט, ביי דיר און דא, אין טייך —
איז פארט ניט גלייך.

אינ'ם געסיל.

(געווידמעט צו דאָס יודישע געסיל אין די הומאָריסטישע וואָכענבלאַט „דער בעזים").

דאס געסיל קאכט, דאס געסיל זידט...
וואס איז דאס, ליעבע ברידער?
— וו'הייסט? איהר ווייסט דען ניט, רב יוד?
„דער בעזים" געהט שוין ווידער!
„דער בעזים" געהט, דער בעזים קומט,
א טאראראם — עס רוישט, עס ברומט,
עס קאכט ווי אין א קעסיל,
ס'געהט תאדאראם דאס געסיל!...

דאס געסיל, וואו פערשווארצט, פערוויסט,
אהן לעבען, אהן נחמה,
ליעגט יאהרען־לאנג אין שמוץ און מיסט
די יודישע נשמה.

צעגעהט פון היטץ און פרידרט פון אייז,
און ווערים, שפינען, וואנצען,
חזירים, כלבים, קעץ און מייז
צעטאָטשען זי אינגאנצען...

שטעהט אויף! שטעהט אויף און קוקט אין הערט,
ליעבהארציגע פארשווינען!
„דער בעזים“ וועט נאך יעדענם ווערטה
אייך אלעמען בעלוינען.

שטעהט אויף, גאט׳ס פרומע סטריאפטשעס,
וואס קריכען מיט די לאפּצעס
צו אונז אין הארץ אריין!
שטעהט אויף און הערט זיך איין,
איהר, יארמולקעס, איהר שפיטציגע,
בעל־מוסר׳ניקעס היטציגע,
פער׳דבֵק׳עטע, פערהימעלטע,
פערהימעלטע, פערשימעלטע,
נאך פון קדמונים אן!...

שטעהט אויף, איהר, אונזער „פאהק“,

איהר פופקעס, גראבע, פעטע,
געפעסטעטע, געגלעטע,
בן־יחיד'לעך ביי גאט —
פון שוהל און ביז דער באד!...

מנדבים, בעלי־צדקה,
די הילף אין אונזער נויט —
וואס זאגען צו אַנ'אָקע
און גיעבען קיים א לויט
דעם חולה נאכ'ן טויט!...

איהר, קהל'שע, „פּאָלאָניקעס",
שתדלנים און זאַקאָנ'יקעס,
וואס קריכען, אונז פון שאדען
צו היטען, דורך דער הינטער־טהיר,
און זענען גרייט אויף אלע פיער
צו טאנצען פאר'ן אָדון!...

„דער בעזים" געדהט! שטעהט אויף, שטעהט אויף
פאליטיקער פערברענטע,
וואס פליהען שנעל, ווי בארג־ארויף
א שקאפע אין א פענטע!...

שטעהט אויף „אריסטאקראטען״
פערפוצט אין „וויענער שיק״ —
מיט בעל־עגלה־שטיק
בירושה פונ׳ם טאטען!...

איהר דאמען־פאטראנעסען
בעריהמטע, וואס פערגעסען
די קינדער מיט׳ן מאן,
און זענען גרייט אינגאנצען
מיט לייב און זעעל — צו טאנצען
צוליעב דעם ארעמאן!...

איהר דראמאטורגלעך נייע,
פון פארם און אינהאלט פרייע,
וואס האלטען, אז דורכאוים
האט גאט בעשאפען דראמען,
דאס פובליקום, אי גרוים
אי קליין אויף טויט צו סמ׳ען!...

דו, וועמעס ליעד איז צוקער־זים,
משורר׳ל מאדערנער:
וואס מאלט א ציעג אויף זיעבען פים

א אינדיטשקע מיט הערנער!...

שטעהט אויף! שטעהט אויף און קוקט און הערט,
ליעבהארציגע פארשוינען!
„דער בעזים" וועט נאך יעדענס ווערטה
אייך אלעמען בעלוינען.

ער געהט, ווי פונקען שפריצען
און ברענען זיינע וויטצען.
זיין שמייכעל שטעכט און בריהט,
פאר שווארצע קעץ און קאָטערס
און גרינע פיפערנאטערס
קיין מורא האט ער ניט:
בעשיטצען און פערדעקען
וועט איהם דער שארפער וויטץ, —
א שטעקען האט צוויי עקען,
א נאדעל — נור איין שפיטץ...

שטעהט אויף אויך איהר, געפלאגטע,
פעריאמערטע, פערקלאגטע,
פערקלעמטע ביזן טויט

פון טרוקען שטיקעל ברויט!
שטעהט אויף, בויגט אוים דעם רוקען גלייה!
ס'איז ביטער, שלעכט — און פארט
ביי'ם „בעזים" איז פארהאן פאר אייך,
א גוט און ווארעם ווארט,
א שמייכעלע, א וויטצעלע, —
א ברעקעלע, א פיטצעלע
פון טרייסט און ליכט און פרייד...
שטעהט אויף „דער בעזים" געהט!...

מיט'ן אלטען נגון.

I.

אין צפרדע'ווקע (א שטעדטיל
נעבען גי־התפּת),
מנחה־צייט. שוין אויף די שטאנגען
זיצען דארט די עופות;
אויסגעמאלקען ביז א טראפּען
האט מען שוין די ציגען,
און דאס אלטע קלוגע ליעדעל
הערט זיך ביי די וויעגען:
— שלאף, מיין קדיש, מיין נחמה!
דו וועסט לערנען תורה;
אונזער תורה, קרוין דו מיינע,
איז די בעסטע סחורה.
נאט וועט העלפען, גאט וועט וויזען
אונז א נס, א מופת:
אויף די דארע־קווארע דערנער

אינ׳ם ני־התפת

וועלען וואקסען נים, אתרוגים,
מאנדלען און מאראנצען...
אז דער טאטע שלאגט די מאמע
געהען די קינדער טאנצען״...
שטיל געוועזען איז דער אווענד
מיט׳ן זיסען דרימעל;
שרעקליך איז די נאכט געווארען:
אויפ׳ן קאלטען הימעל
ניט קיין שטערען לייכטען, שיינען, —
וואלפען־אויגען בליצען,
פון די שווארצע שווערע חמארעס
גיהנום־פונקען שפריצען...
אין דער פינסטערניש, מיט בייזע,
טייוועלשע העויות
לויפען — ווער? מיט שכל מענשען,
אדער ווילדע חיות?
לויפען, ליארימען און פייפען,
טהיר און טויער ברעכען,
פרויען פייניגען זיי, קינדער,
זקנים שלאגען, שטעכען...

שויבען טרישטשען, קוימענס פאלען...
רויטע פלאמען גלאנצען...
אז דער טאטע שלאגט די מאמע
געהן די קינדער טאנצען!...

II.

גוואלד, וואס טהוט מען? יונגע־לייטלעך
האלטען — ס'קאן ניט טויגען,
קאן ניט העלפען איצט דעם רבי'ס
אלטער פיילענבויגען...
אך, זיי וויסען און זיי פיהלען:
פון חמעלניצקי'ס מכות
און פון האנטע'ס קלעפ ביים יודען
שטעהען נאך סיניאקעס...
ניין, גענוג, גענוג דעם יודען,
ווי די מייז, אין שפאלטען,
אויף די בוידעמס, אין די קעלערס
קריכען זיך בעהאלטען!
אוי, גענוג אין שאנד געוואלגערט
און מיט שמוץ געמישט איהם...

און אויב שטארבען דארף מען — תמות
נפשי עם פלשתים!...

אונזער קלוגער שתדלן אבער
זאגט, אז שטייף זיך האלטען
דארף מען אייביג אין דעם מנהג
אבות, אין דעם אלטען:
היינו — געהן און בעטען רחמים,
בעטען, אז די שׂרים
זאלען היטען אונז מיט זייער
אויסגעשטרעקטען ארעם.
פאדאם־דא־נאג*) מיט א מתנת
יד — ביי אלע ליידען
איז געווען די בעסטע תרופה
נאך ביי אונזער זיידען...
אט נאר וואס געדענקען אייביג
דארפען מיר אינגאנצען,
ווען דער טאטע שלאגט די מאמע
און די קינדער טאנצען...

---

*) מיר פאלען צו די פיס.

והראיה? וואס האט חרוב
דא געמאכט דאס פייער?
הייזלעך, קרעמלעך, וועלכע זענען
ווערטה אנ'אלטען דרייער;
זעהט־זשע אבער, ביי רב קמצא —
ביי דעם נגיד פון שטעדטיל —
איז ניט אנגעריהרט אפילו
ניט אנ'איינציג ברעטיל...
און בשעת יודען האבען
שאנד און פיין גענאסען
און עס האט זיך פריי ווי וואסער
יודיש בלוט געגאסען,
איז זיין תכשיט'ל געזעסען
ביי די שרפה־פלאמען
און גע'חזר'ט און געגרייט־זיך
רוהיג צום עקזאמען...
און רב קמצא וועט ביי קהל
וויעדער ברייט זיין דעה
זאגען, קלינגענדיג ווי פריהער
שטאלץ מיט דער מטבע...
די מטריז היט איהם בעסער

פון די שטארקסטע שאנצען,
ווען דער טאטע שלאגט די מאמע
און די קינדער טאנצען...

III.

די מטבע... אט פון וואס נאר
האט דעם גביר געגאלטען...
די מטבע, די מטבע —
זיין זאל זי פערשאלטען!
און פערשאלטען זאל זיין אויף אייביג
דאס שתדלנות ווערען,
וואס מישט־אוים מיט שמוץ און חרפה
אונזער בלוט און טרעהרען...
„לעבען, עהרע, ליכט און פרייהייט!"
זאל דער אויסרוף ווערען;
און אויב שטארבען פון די רוצחים'ס
הענד וועט גאט בעשערען,
הויך און שטארק ווי „שמע ישראל"
זאל ביי אלע פאלען
„תמת נפשי עם פלשתים!"
דונערען און שאלען

און דערשטיקען אונזער אלטעס
ליעדעל ביי די וויעגען
מיטן שענדליכען, פערהאסטען,
אלטען שקלאווען־נגון!!...

צוויי בילדער.

Neue Zeiten — neue Vögel,
Neue Vögel — Neue Lieder.

I.

איהר געדענקט די אלטע זאגע,
ווי אמאל, אמאל פארצייטען,
פלעגען מיר דעם טאג פארברייגען,
וועלכער הייסט ביי אונז „יום־כפור“?

אין די גערטנער פון יריחו,
אין די גרינע פאלמען־גערטנער,
קלינגען הארפען און טראמפעטען,
שאלען זיסע, יונגע שטימען;

זיסע פרויען־שטימען קלינגען
און זיי פליעסען העל און פרעהליך,
ווי א קלאנג פון זילבער־גלעקער
אויף די פרישע בלומען־שטאקען:

— קומט אהער, אהער, בחורים!
קלינגען יענע ליעבע שטימען:
קוקט, דא זענען אלע שעהנסטע,
פיינסטע טעכטער פון יריחו.

„ווי די פאלמען, הויך געוואקסען,
פריש און דופטענד ווי די רויזען
אלע שעהנסטע, אלע ליעבסטע,
פיינסטע טעכטער פון יריחו.

„קומט אהער, אהער, בחורים!
קלייבט אייך, קלייבט אייך כלה׳ס... אבער
קוקט ניט נאר אויף אונזער יוגענד,
וועהלט ניט נאר אליין די שעהנהייט,

ווייל די יוגענד וועט פארבליהען,
און פארגעהן וועט די שעהנהייט;
בלייבען וועלען גוטע זיטען,
בליהען אייביג וועט די טוגענד.

גוטע זיטען, טיעפע ליעבע,
פיינע, איידעלע געפיהלען —
דאס איז אונזער גרעסטעס רייכטהום,
דאס איז אונזער בעסט׳ פערמעגען!...״

שוואַרצע לאַקען, ווייסע קליידער,
שווינדלען, פלאַטערען פון ווייטען,
דורך די גרינע פאַלמען־צווייגען,
דורך די פרישע בלומען־שטאַקען,

אַלע גלייך געקליידט — אין גלאַטע,
ווייסע קליידער. לויט דעם מנהג,
פלעגען דאַמאַלס זיי די קליידער
באַרגען איינע ביי דער צווייטער:

ס׳זאָל ניט זיין, ניט רייך, ניט אָרים,
ניט קיין גדלות, ניט קיין בושה...
אַלטע צייטען — אַלטע בילדער,
אַך, זיי זענען שוין פערגאַנגען!...

II.

נייע צייטען — נייע מענשען,
נייע מענשען — נייע בילדער:
העל און ליכטיג איז דער גרויסער
שעהנער טאַנץ־זאַל אין „סאַבראַניע״.

אין דעם גרויסען, שעהנעם טאנץ־זאל
זאמלען זיך צונויף צום „אבענד״
אלע שעהנסטע, אלע בעסטע,
פיינסטע טעכטער פון יריחו;

אלע פיינסטע, אלע בעסטע,
שעהנסטע טעכטער פון יריחו,
פון יריחו און פון חברון,
פון בערדיטשעוו און פון קאוונא:

פריילין מאריא פייסאחאוויטש,
נאסטיא קאפהאן, פראסיא למך,
און די שעהנע איזאבעלע,
איזאבעלע לאקשען־צימעס.

אלע זענען זיי געקליידעט
נאך דער לעצטער, שעהנסטער מאדע
און זיי זינגען גאר אנ׳אנדערש,
גאר אנ׳אנדערש, נייעם ליעדעל:

„קומט אהער, אהער חתנים! —
זינגען מאריא, נאסטיא, פראסיא,
און די קלוגע איזאבעלע,
איזאבעלע לאקשען־צימעס:

„קומט אהער, אהער, דאקטוירים,
אינזשינערען, אדוואקאטען,
מיט נאשיווקעס, מיט קאקארדעס
מיט דיפלאמען, אטעסטאטען;

„נעהמט אונז, גוואלד, אוי, האט רחמנות,
נעהמט אונז, חאפט אונז!... אך, מיר אלע
זענען גרייט מיט אייך צו לויפען
אין גן־עדן און אין גיהנום...

נעהמט אונז, חאפט, הילט־איין, פערוויקעלט
אונז אין זייד, אין סאמעט, אטלאס,
קויפט אונז לאזשען אין טעהאטער,
פיהרט אויף בעלער, מאסקאראדען,

„אונזער הוט זאל זיין א גאנצע
סקירדע בלומען —, שיינען בליצען;
גאנצע גענז און גאנצע העהנער,
זאלען דארט פון אויבען זיצען.

אונזער קלייד זאל זיין פון אלע,
אלע קליידער שעהנער, בעסער;
אונזער שלעפּ — פון אלע לענגער,
דער טורניור — פון אלע גרעסער, —

אונזער אנצוג, אונזער ציערונג
זאלען גלענצען ווי די שטערען —
אלע אונזערע בעקאנטע
זאלען א כפרה ווערען!...

און זוי ווייטער, און זוי ווייטער,
זינגט דאס ליעדעל, ליעבע ברידער!
נייע צייטען — נייע מענשען,
נייע מענשען — נייע ליעדער.

נייע נעמען, נייע הערצער,
ניים און ניים פון אלע זייטען,
איינס נאר איז ביי אונז געבליבען
פון דעם מנהג פון פארצייטען,

איינס, א קליינינקייט: די קליידער,
ליעבע פריינד, די פיינע קליידער
מיט דער ציערונג, מיט די בלומען
זענען אפט... אויף בארג גענומען!!!...

דער ספּאַדעק.

(אַ ליעדעל)

„לאַמיר בּעהאַלטען
אַ ספּאָדעק אַנ'אַלטען
בּחדרי חדרים אויף לאַנג,
ס'זאָל אונזערע טעכטער
ניט זיין צום געלעכטער
דער כּשר'ער יודישער גאַנג"...

(אַ אַלט פאָלקס=ליעדעל).

מיצלעך, פאַנטאַפעל מיט ווייסינקע זעקעליך,
בּעקעשעס לאַנג בּיז דער ערד,
פּאות געקרייזעלטע, פּאות צופּלאַטערטע,
לאַנגע צובּאַרשטענע בּערד.

שטריימעליך סויבּלענע, ליעטניקעס, יארמעלקעס,
נאַרטלען פון אַטלעס און זייד...
וואו איז די אַלטע אויף אייבּיג פערגאַנגענע,
ווילדע און נאַרישע צייט?...

יודען אין פראַקען, אין ווייסינקע האַלזטיכלעך...
אַ בּודואַר און אַ זאַל...
יודישע ווייבּער פערפּוצטע, געקינצעלטע
נאָך דעם פּאַריזער זשורנאַל —

און מיט דיפּלאָמען, מעדאַליען געבילדעטע
גאַר אַנ'אַנטיק יונגע־לייט...
וואו איז די אַלטע, אויף אייביג פערגאַנגענע,
ווילדע און נאַרישע צייט?...

וואו אבער ביסט־דו, דאס הייסעס און ערנסטעס,
ליעבענדעס יודישעס הערץ?
וואו איז דער טיעפער, מיט טרערען בענאַסענער
אמת'ער יודישער קרעכץ?

וואו איז א ברודער, א פּראָסטער, אַלטמאָדישער?
זאָגט מיר בעוויזט, קלוגע לייט —
וואו איז די אלטע, די ווילדע, די נאַרישע —
ליעבע און טייערע צייט?

גבורים.

(א פשט'ל)

דער פסוק זאגט:
„א נזיר זיין —
זאל ער די האר ניט שערען. היים איהם
ניט עסען פלייש, ניט טרינקען וויין
און זיך ניט צוריהרען צו מתים".

און דאס איז אלץ, וואס האט א ווערטה
צו זיין א נזיר און א גבור?
טא זענען יודען אויף דער ערד
דורכאוים גבורים... גאט די ליעבער!

מען עסט קיין פלייש די גאנצע וואך,
וויין טרינקט מען נאר צו ארבע־כוסות,
די פאות וואקסען לאזט מען דאך
פון שלום־זכר ביז צו גוסס...

יא, אמת — ברידער — איינס נאר פעהלט
צו הִלְכַת־נָזִיר: כַּמָה יאהרען
אז יודען זענען אויף דער וועלט
כמעט ווי מתים שוין געווארען...

א חדר־מעשה.

I.

זיעבען יאהר איז מיר געוואָרען —
און די מאמע, זאל געזונד זיין,
האט געזאגט: „נו, צייט אין חדר,
צייט אין חדר געהן, מיין קינד“

אוים, א סוף, געגוג געהוליעט
אויף דער וועלט, ארומגעפלויגען
פריי און גליקליך, ווי א פויגעל,
פריש און פרעהליך ווי דער ווינד;

צייט אין חדר — קדיש מיינער“! —
און אברהם׳יל דער בעהעלפער —
פון די חדר־קאנטאניסטען
דער בעריהמטער קאמאנדיר —

האט מיך איינגעהילט, פערוויקעלט
אין אנ׳אלטען, געלען טלית
(אונזער אלטע אוניפארם,
אונזער יודישער מונדיר)

און אוועק מיט מיר אין חדר.
ס'איז געווען א וואונדער־שעהנער,
פרישער, ליכטיגער פריה־מארגען.
שעהן און ליכטיג, ריין און פריש —

האבען שטראהלען זיך געגאסען
דורכ'ן פענסטעריל אין חדר
און געפונקעלט אויפ'ן רבי'ן,
אויפ'ן סידור, אויפ'ן טיש.

און עס האט זיך אנגעהויבען
דער עקזאמען: „— זאג נאר, בחור,
וואס איז דאס?" — אנ'אלף. „ריכטיג,
דאס?" — א היי. „— און דאס?" — א תו.

און ביי יעדען אות, פאר יעדען
ענטפער, פאלען מיר פון אויבען
לעקעך, ראזינקעס, קאנפעקטען,
ניס און מאנדלען אהן א סוף.

און דער רבי, רב בנימין
(זאל א ליכטיגען גן־עדן
האבען) זאגט: „דו זעהסט? דאס ווארפען
דיר מלאכים, ליעבעס קינד.

זאלסט מיט חשק לערנען תורה,
לערנען תורה, לערנען חכמה,
און געדענק, מיין קינד, ווער ס'וויל ניט
לערנען, בלייבט אויף אייביג בלינד"...

II.

טעג און יאהרען, לאנגע יאהרען
זענען שוין אוועק פון דעמאלט...
איך געדענק דעם רבי'ס ווערטער,
איך געדענק זיי גוט און קלאר:

„לערנען תורה, לערנען חכמה:
בלינד איז דער, וואס וויל ניט לערנען"...
אמת, רבי, אמת; אבער —
ווילדע זאכען קומען־פאר.

שרעקליך־ווילדע, און זיי ברענען,
שטעכען, ענגבערען מיין מוח...
איצט, ווען לערנען איז מיין חיות,
לופט און ווארימקייט פאר מיר.

ליכט און קראַפּט און טרייסט אין לעבען.
אין מיין ביטערן, פערסמ'טען
שקלאַווען־לעבען, — איצט פערשליסט־זיך,
האַקט זיך־צו פאַר מיר די טהיר,

לעשט זיך־אויס דאַס לעצטע לעמפּעל.
און עס הויבען־אָן צו פאַלען
אָהן אַ צאָהל פון אַלע זייטען,
פאַלען, שיטען־זיך ווי באָב

שטיינער. שטיינער!... גרויסע, שווערע
שטיינער שיטען־זיך און פאַלען
אויף מיין ברוסט, אין מיינע אויגען,
אויף מיין אַלטען, גרויען קאָפּ...

און זיי פליהען און זיי פאַלען
ווי אַ האַגעל אויף די שוואַכע,
גרינע זאַנגען, ווי אַ האַגעל
אָהן אַ צאָהל און אָהן אַ מאָס...

וואָס־זשע איז דאָס? וואָס בעטייט עס?
איז דען מעגליך, אַז מלאכים
זאָלען שטיינער וואַרפען?!... רבי!
רבי! ווי געשיקט־זיך דאָס?...

נאר ניטא, ניטא קיין ענטפער,
וואלקענס שוועבען אויפ'ן הימעל,
טייכען פליסען, ווינדען רוישען —
און קיין איינציג, איינציג ווארט

הערט־זיך מיר ניט אין דער פינסטער...
אוי, ניטא, ניטא קיין ענטפער
פון דעם רבי'ס שטומען קבר,
פון דעם אלטען הייליג ארט!...